STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11457

TAYER IZ DI VELT

Taibe Segal

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

טייער איז די וועלט

טײַבע סעגאַל

טײַער איז די וועלט



לידער און פּאָעמעס

PRECIOUS IS THE WORLD
(TAYER IS DI WELT)
BY TAIBY SEGAL

פאַרלאַג קאַיאָר
יאָהאַנעסבורג
דרום־אַפריקע
תשל״א/1971.
געדרוקט: פאַסיפיק פרעס

ד אַ נ ק:

- מיין מאַן ר א ו ב ן (ראובעלע)
פאַר זיין מונטערן מיך ארויסצוגעבן דאָס בוך,
וואָס איז מיין טייערסטע און שענסטע מתנה.
- דעם דיכטער ד. וו אָ ל פּ ע פאַר שאַפערישער הילף.
- די אינהאַבער פון דרוק — נ. און י. ב ע ר ג ע ר —
פאַר זייער אינטערעס אין אויספירן מיינע ווונטשן.
- דעם זעצער א. ק ר אַ ס נ אָ וו ס ק י
פאַר גוטע און פיינע אַרבעט.

שער־בלאַט און צייכענונגען — עטל האַטשועל
Cover and Drawings by Ethel Hatchuel

אַ וואָרט צו די לייענער

מיין מוטערשפּראַך איז יידיש — און וואָס קען זיין נענטער און טייערער ווי די אייגענע שפּראַך. איז עס נאַטירלעך און פאַרשטענדלעך, אז מיין פרייד מיטן ארויסגעבן דאָס בוך לידער אויף יידיש איז אזוי גרויס, ווי דער שענסטער יום־טוב אין מיין לעבן.

כאָטש איך האָב די מאָדערנע שפּראַך ניט געלערנט, איז מיר ליב און טייער יעדער וואָרט, ווייל ווי נײַ ער זאָל ניט זיין איז עס אַ יידיש וואָרט און שרייבט זיך שוין במילא פון זיך אליין. נאָר אַמליבסטן איז מיר דאָס פאָלקס־לשון, ווייל עס קומט פון האַרצן און ווי עס לייענט זיך אזוי שרייבט זיך... און אויב כ'בין ניט געקומען מיט אַ מאָדערנעם ליד אין סאַמע נייסטן סטיל, בין איך צופרידן ווי עס איז, און נאָך מער — ווייל מיינע לידער קען יעדער פאַרשטיין.

אין מיין באַזיץ געפינט זיך נאָך אַ גרויסער קוואַנטום מאַטעריאַל — אויך אין פּראָזע — וואָס איך האָף צו פאַרעפנטלעכן אין בוכפאָרעם. דער ריינער אמת איז, אז איך האָב ליב אַ סך צו שרייבן, ווייל מיטן שרייבן פיל איך זיך שוין ניט אזוי עלנט, כאָטש — נאָך אַן אמת — איך האָב אַ סך איבערטראַכטענישן און נאָכטראַכטענישן וועגן מיינע באַגרענעצטע מעג־לעכקייטן (ווי דער לייענער וועט עס זען פון אַ צאָל לידער אין בוך); דאָך זיינען מיינע שטוביקע פריינד די פעדער און פּאַפּיר, וואָס זיינען זייער טייער ביי מיר — דאָס איז מיין וועלט און איך וויל אין איר ווייטער בלייבן.

וויל איך אויסדריקן מיין דאַנק ניט נאָר די, וואָס האָבן געהאָלפן אין פאַרשיידענע וועגן ביים צוגרייטן און ארויסגעבן דאָס בוך, נאָר אויך פאַר די לייענער וואָס וועלן ארייַנקוקן אין אים און לייענען מיינע לידער. איך האָף אויך אז יעדער איינער וועט עפּעס געפינען פאַר זיך, ווייל עס איז אויף אַלערליי טעמעס פון לעבן און נאַטור און — פון וואָס ניט.

איך וויל נאָך צוגעבן, אז איך בין גליקלעך וואָס איך קען זיך דער־לויבן, אז די הכנסה פון בוך זאָל גיין פאַר אַ געזעלשאַפטלעכן צוועק.

עס בלייבט נאָר צו ווינטשן, אז די יידישע שפּראַך זאָל ווייטער לעבן און בליען.

ט ײ ב ע   ס ע ג אַ ל

יאָהאַנעסבורג — אָנהייב 1971.

מיין פעדער און איך

מיין פעדער און איך — אַ פּאָר זיינען מיר,
דער דריטער שותף — דאָס שטיקל פּאַפּיר.
שטעלן די שורות זיך אויס אזוי גרינג:
אַ שורה — אַ לאַך, און אַ סטראָפע — אַ זינג.

אַ פּיר מיט דער פעדער — און אָט איז אַ מעשה,
פשוטע ווערטער — מ׳דאַרף ניט פאַרטייטשן,
ניטאָ דאָ קיין סודות, די בלעטלעך דאָ אָפן,
ביז פעדער און איך לייגן זיך שלאָפן.

איך שלאָף מיט מיין פעדער — אַ קינד מיט זיין מאַמען,
פון לידער מיר חלומען ביידע צוזאַמען,
זי גלעט מיט רחמנות מיר אויס אַלע ווייען,
ביז ווידער מיר שרייבן צוזאַמען — אין צווייען.

טייבע סעגאל

װעלט און נאַטור

וועלט

וועלט איז דער קאָסמאָס — מיט וווּנדער מיט אַלע:
די שיין, די צעבלויטע, די גאָלדענע שטראַלן,
די היץ, וואָס צעוואַרעמט אין דיר אַלע צעלן,
די קעלט, וואָס דערפרישט, מאַכט די כּוחות אויפקוועלן.

דער ווינט, וואָס ווייט אָנעט מיט דופטיקע שטויבן,
דאָס ליד, וואָס פּילט אָנעט די הערצער מיט גלויבן;
דער רעגן, וואָס טריפט, ווי אַ ווייַן ווי אַ מילדער,
דער קלאַנג פון מוזיק, וואָס נשמות פאַרשפּילט ער.

די פלאַנצן, וואָס בליען — גרינע און פאַרביק,
די פעלדער מיט צייטיקע, זוניקע גאַרבן,
דער שניי, וואָס איז לייכט — ווי צווייט פונעם ווינטער,
דער זומער, וואָס אין ליכט די פעלדער פאַרשפּינט ער.

די זון, די שענסטע מתּנה פון הימל,
די לבֿנה, וואָס כּישופט מיט חלום אין דרימל,
די שטערן — ווי זילבערנע ניסלעך וואָס בליען,
די וועלדער, די גרינע, אין שקיעה, וואָס גליען.

און אַז אין נאַכט, אַ פאַרבענקטער, וועסטו שפּאַצירן,
נעם חלום — דיין קאָמפּאַס — ער וועט דיך שוין פירן —
און וועלט, ווי אַ וווּנדער, וועט זיך אויפפּראַלן
און אירע אַלע מתּנות אויף דיין קאָפּ לאָזן פאַלן.

נאַטור

נאַטור — דאָס איז די וועלט, איר אויסגעשפּרייט
פֿון אָקעאַן ביז ים — אין דער לענג און ברייט.
די זון וואָס שיינט, דער ווינט וואָס וויט,
יעדער קערנדל — אין דער ערד פאַרזייט.

יעדער שטראַל וואָס פליט, אויף גראָז — אַ טראָפּן טוי,
אַ שפּליטערל פון זאַמד, אַ פּינטל הימלבלוי,
אַ גרודע שוואַרצע ערד, אַ פּענעצל פון ברויט,
נאַטור איז אויך דאָס — וואָס מיר רופן טויט.

און דער שניי וואָס פאַלט, רעגן — יעדער טריף,
די וואָלקנס אין דער הייך, די שטראָמען אין דער טיף,
און דער פראָסט וואָס גליט, דאָס האָלץ וואָס ווערט פאַרברענט,
נאַטור איז אויך דער מענטש, און זיין פאַרדעק — דאָס העמד.

ס'איז נאַטור דער חלום, אפילו אויך דאָס קלערן,
לבנה מיט איר צויבער און אַלע זילבער־שטערן,
די ליבע וואָס אין הארצן, אידעאַלן און דאָס שטרעבן,
ס'איז נאַטור דער זאָמען, וואָס גיט דעם מענטשן לעבן.

מילי־מיליאָסן זאַכן, פראָצעסן, טראַכטן, פאַקטן —
ניט נאָר די סובסטאַנצן, נאַטור איז אויך אַבסטראַקטן,
אַלץ וואָס אויג נאָר זעט, מוח — קלערט און שאַפט:
גאָט, געזאַנג און שוואַלב, דער גאַנצער באַשאַף.

אייביקייט

נאַטור און צייט — צי זיינען זיי געבונדן ?
דוכט זיך : צייט לויפט אזוי גיך פאַרביי,
און נאַטור — היינט ווערט זי פאַרשוווּנדן,
נאָר מאָרגן קומט זי ווידער פון דאָס ניי.

אָט קומען ווידער בלומען און געוויקסן,
ביימער בליען ווידער אומעטום,
און ערד — כאַפּט זיך אָפּ אַזאַ דערפרישטע,
און בייט כסדר זיך און דעם אַרום.

ס׳בייטן אָפּ זיך טאָג מיט נאַכט,
און אויפן הימל — זון, לבנה, שטערן,
זומער, ווינטער בייטן זייער פּראַכט —
נאָר די צייט האַלט אין איין אויסוווערן.

און דער הימל בייט זיינע קאָלירן,
און איבער אונדז לויפט פאַרביי די צייט,
נאָר וואָס מיר אין צייט פאַרלירן —
געווינען מיר אין איין רגע אייביקייט.

צייט

די צייט לויפט גיך — אַ דריי זיך און פאַרשווינדט,
קענסט איר ניט דעריאָגן, ווי דו קענסט ניט אָניאָגן אַ ווינט,
אויף קעפּ אויף קינדערשע די טעג מיט זון נאָך טריפן,
און אָט — שוין זקנים און פנימער מיט קאַרבן טיפע.

דוכט זיך, אָקערשט נאָך געווען שטיפערלעך, פּיצל קינדער,
און ווי גיך די יאָרן האָבן איבער זיי פאַרבייגעשווינדלט,
ווערט פאַר זייער בליק מיטאַמאָל די צייט פאַרשטעלט —
כאָטש זיי ווייסן, אז אין צייטבייט בלייבן וועט די זעלבע וועלט.

גאָרניט פון דער צייט וועט אַלט מאַכן די וועלט —
מעגן טעג זיך אין געפלעכט פון יאָרן דרייען, היץ און קעלט,
דער מענטש וועט אַלץ נאָך לעבן אין זיין אייגן ביסל צייט —
צום סוף אריבערשפּרייזן וועט זי אים און אויפקומען באַנייט.

צייט איז אייביקייט, זי שטעלט ניט אָפּ איר גאַנג —
מענטש נאָר שטעלט זיך אָפּ און — אויס איז זיין פאַרלאַנג.
נאָר אפשר יעדן מענטשן טוט אין לעצטער רגע נאָך פאַרדריסן,
וואָס ער האָט פון זיין ביסל צייט ניט געקענט גענוג געניסן.

עס קומט אַ צייט

עס קומט אַ צייט פאַר רעגן, שנייען,
אַ צייט ווען אַקער שניידט די ערד,
עס קומט אַ צייט — די פעלדער זייען,
אַלע צייטן קומען — ווי באַשערט.

אַ צייט פאַר גרינסן און פאַר בלומען,
אַ צייט, וואָס גאַנץ מאַכט אַלע ריסן,
אַ צייט, ווען ווערטער דאַרפן שטומען,
אַ צייט פון לערנען און פון וויסן.

אַ צייט פאַר מסחר, פאַר געשעפטן,
ווען זעסט די וועלט אין אַלע פאַרבן,
אַ צייט — מיט פריידן זיך באַהעפטן,
אַ צייט פון איינזאַמלען די גאַרבן.

און פון דיין צייט קענסט וווּנדער מאַכן,
ווייל די צייט פאַר אַלץ פאַרטיילט איז:
אַ צייט פאַר וויינען און פאַר לאַכן,
און די צייט — אויך ווונדן היילט זי.

די צייט איז אייביק — פאַך אויף פאַכן,
נאָר פאַר דעם מענטש איז איין צייט דאָ,
און ער קען די צייט ניט איבערמאַכן —
פאַר זיין צייט איז קיין פאַרבייט דאָ.

היץ און קעלט

עס בייטן זיך די טעג כסדר — אין היץ און קעלט,
גלי אין פנים אָטעמט, ווי פון קאַלכאויוון אַרויס,
און נעכטן ערשט האָט פראָסט געטרייסלט און געקווועלט —
נאָר עס ווייסט דער מענטש און פילט דעם וועטער־טויש.

דער מענטש דערפילט דעם אונטערשייד אין זיינע ביינער,
דורך זיין לייב יאָגט קעלט — ער קען עס ניט פאַרטראָגן,
צו אָנגענעמער וואַרעמקייט און פריידן אַ געוווינטער —
איז יעדער בלאָז פון קאַלטן ווינט טוט אים פּלאָגן.

נאָר אז די זון גייט־אויף אַ שטראַליקע, אַ ליבע,
ווערט דעם מענטשן לייכט און פריש — אַ פאַרגעניגן,
און אומעט כמורנער ווערט פון הויז אַרויסגעטריבן,
ציטעריקע גלוסטענישן טוען אין די הערצער זיך צעוויגן.

און אז דער קאַלטער ווינטער מיטן שניי צעשמעלצן,
דער פרילינג מיט אַ קיל־מחייהדיקן ווינטעלע נעמט בלאָזן —
דעמאָלט לויפט אָן אַ לאַנגער צוג אויף זילבער־רעלסן,
אָנגעפּאַקט מיט טעג־מתנות, פאַרבונדענע מיט בענדלעך ראָזן.

און עס צעבליען זיך פאַרלאַנגען הייסע און געפילן,
ווי קנאָספּן אויף די ביימער אין ערב־זומערצייט —
און אין אָוונטן אזעלכע לוסטן זיך צעשפּילן —
ווי די נאַטור פון זיך — ווערט מענטש באַנייט.

איז דעריבער גוט, וואָס די נאַטור טוט ניט איבערקלייבן —
זאָל זיין היץ צי קעלט, צי רעגן — ווי עס איז באַשערט,
מ׳קען פאַר דעם קיין רעצעפּטן ניט פאַרשרייבן,
ווייל דאָס רוב לאָזט זיך אויס מיט וועטערן — פאַרקערט...

זומערלעבּ

מיט זון געקומען איז דער זומער
און צעבליט זיך האָבן בלומען,
ס׳האָבן זיך צעגרינט די גראָזן,
אונטער ביימער שפּרינגען האָזן.

און ביימער אַלע אויסגעפּוצט
אין בלעטער־קליידער — אַ גלוסט!
צוויט און בלי פאַרשמעקט די לופט
און דער וואַלד צו זיך ער רופט.

אויף די ביימער פייגל זינגען,
און דיין קול אין וואַלד טוט קלינגען,
די זון האָט שטראַלן דאָ פאַרשאָטן
און גאָלד מיט גאָלד שפּילט זיך אין שאָטן.

זעט דער וועכטער קינדער לויפן,
איינס האָט אַ פייגעלע אין הויפן,
ס׳איז אַ פויגל — ער דערקענט אים,
טוט ער אַ יאָג זיך הענדום־פּענדום.

בלייבן קינדער שטיין צעשראָקן,
און דער וועכטער — ווי אַ פּ לאָקן.
ניט געשטויגן, ניט געפלויגן,
נאָר אַ שאָטן — נישט קיין פויגל.

זון, בלייב מיט אונדז

די זון שפּילט זיך היינט מיט אונדז אין באַהעלטעניש,
ווי נאָר פאַרשווונדן — יאָגט אָן אַ קעלט אויף אונדז.
אַט ליגט זי הינטער אַ וואָלקן אַ באַהאַלטענע און וואַרט,
ביז זי שפּרינגט אַרויס מיט אַ שמייכל — וואַרעם, צאַרט.

רייצט זיך די זון, אַנטלויפט אין אַ פרעמדער וועלט,
גיבן זיך אַ יאָג געאָרעמט — ווינט און קעלט,
מיט שטראַלן מעסערדיקע גיט זי זיך אַ שטרעק
און צעטרענט אַלע וואָלקנס, ווי שמאַטעדיקע זעק.

בלייבט אין הימל הענגען אויף קודלעס גינגאָלד־האָר,
טוט אַ כמאַרע זי מיט רוגזה אין פּנים אַ פאַרפאָר,
גיט די זון אַ שלונג דעם וואָלקן — אוי, אַ קונץ! —
און מיר בעטן אַלע: זון, פאַרבלייב מיט אונדז!

דער וואַלד

דער גאַנצער וואַלד פאַרהאַלטן האָט זיין אָטעם,
יעדער בוים אַ פידל איז, אַן נאָטן,
אַ שעפּטשעניש פון בלעטער — קוים צו הערן,
און דורך די קרוינען זיפן זיך די שטערן.

די צווייגן ריידן זיך אַדורך אין שטילקייט,
דורכגענומען פון דער פרילינגדיקער מילדקייט,
זייער שפּראַך זאַפּטיקט אונטער קאָרע —
גייט אַ טראָפּן פונעם ביימער־לשון ניט פאַרלאָרן.

דער האַרבסט קומט מיט זיינע רעגנס
און בלעטער וואַלגערן זיך אויף אַלע וועגן,
דאַן גליווערט זאַפּט, ווי ביימער־בלוט, אין די שטאַמען,
ווען ערב־אָוונט שטייט דער וואַלד אין פלאַמען.

און אַז ווינטער גיט שניי אַ שאָט — ליכטיק, בלענדיק,
קאַרטשעט זיך דער וואַלד, ווי אַ ריז, געבענדיקט,
עס ציט די קעלט דורך אַלע צווייגן, ביימער
און ס׳ווערט דער וואַלד אין געפריר פאַרשטיינערט.

און אַז דער זומער קומט מיט זון אַ צעשטראַלטער,
מיט יונגשאַפט צאַפּלט־אויף דער וואַלד, דער אַלטער,
און ער דערפילט אין זיינע ביימער כוח פליסן —
אַ גיגאַנט — פון טיפן שלאָף זיך אויפגעריסן.

אזוי אין צירקל דרייען זיך די וואַלדישע יאָרן —
ביימער שלאָפן איין און ווערן ניי געבאָרן —
קיין שטורעם וועט ניט קענען אויסרייסן די שטאַמען,
ווייל וואַלד מיינט — אַלע ביימער — אַלעמאָל צוזאַמען.

אַלעען מיט ביימער

די אַלעען — ביימער־שנורן אַזוי פיל —
ווי סאָלדאַטן שטייען זיי שטראַם און שטיל,
נאָר אַז אַ ווינט הייבט אָן אין זיי צו ווייען,
שאָקלען זיך די דינע צווייגעלעך, וויגן זיך און דרייען.

די בלעטערדיקע קרוינען — קיילעכדיקע, גרינע —
אין זונגאָלד שימערן זיי, בלינקלען, מיניען,
און אונטער זיי טאַנצן אויפן גראָז די רינגען —
אַ ליכט־סימפאָניע אין שווייגעניש זיי זינגען.

און ווידער טוט אַ פלאַטער איבער זיי דער ווינט,
פאַרגייען בלעטער אין אַ געזשום און אַזוי געשווינד,
אַז מ׳קען קיין וואָרט פון זיי ניט הערן —
ווי אין שטילקייט פון דער נאַכט פאַלט אראָפּ אַ שטערן.

נאָר די ביימער בלייבן אין זיך אַזוי פאַרגאַפט —
און פילן אין די שטאַמען רינט דער לעבנסזאַפט,
פון זון, פון ווינט, פון לבנה און פון שטערן.
אין די אַלעען שטייען ביימער — חלומען און קלערן.

די וועלט איז גרין

אין זומער גיסן אָן זיך דיביימער אין טאָל
מיט זאַפט אין די צווייגן, מיט זון אין די בלעטער,
און עס בליט אַ וועלט — אין גרין געמאָלט,
ווי גאָט אליין וואָלט אויסגעגלעט איר.

גרין — אונטן, גאָלד — אויבן, בלוי — אומעטום,
ווי אַ גאַלעריע פון בילדער — נאָענט און ווייט.
אין שטילן ווינטל, ווי פינגערלעך, שאָקלען זיך ארום
צווייגעלעך דינינקע, צאַרטע — פון זייט צו זייט.

און היינט, אז ווי אַ פלאַם צעברענט איז טאָג,
קריך איך אונטער מיין גרינעם בוים טיף ארונטער,
שאָטנט זיין קרוין איבער מיין צעהיצטן קאָפּ,
לעשט אין מיר דאָס פייער, פרישט אָפּ און דערמונטערט.

און ער פאַרדעקט מיך מיט אַ טונקל-גרינעם שירעם,
אין זיינע בלעטער זשומט שטיל אַ גאָלדיקע בין,
און דעם בוים, ווי מיין לייב, איך דערשפּיר אים —
כ׳גיס צוזאַמען זיך מיט דער וועלט פון גרין.

דער חלום פון ביימעלעך

אויף אַ ברייטן זוניק־גרינעם פעלד
וואַקסן ביימעלעך געדיכט און גאָר אַ סך,
און ווי אַטעם וואָלט זיי דאָ פאַרפעלט —
קליינטשינקע זײַנען זיי און שוואַך.

זיי קריכן אַרויס פון צווישן די גראָזן
מיט גרינינקע קעפּעלעך — טאָן אַ קוק.
די דינינקע וואָרצעלעך אַראָפּגעלאָזן,
כּדי זיי זאָלן זיך ניט טאָן אַ רוק.

ווײַל אין דעמזעלבן גרינעם אָרט —
וועלן זיי שוין תּמיד פאַרבלייבן.
קיינער וועט זיי ניט פאַריאָגן פון דאָרט —
ווי קען מען וואָרצלדיקע פלאַנצן פאַרטרייבן ?

וואַקסן די יונגינקע ביימעלעך און קוועלן —
ס׳וועט זיי קיין האַנט ניט אויסרייסן.
גייען זיי אַ געוועט — ווי צום געפעלן —
און אין וואַקסן זיי טוען זיך פלייסן.

דער חלום : ווערן שטאַרקער, דער גרעסטער !
ס׳איז דער גאַנצער ביימערשער פאַרלאַנג :
זיך איינוואָרצלען שטאַמיקער, פעסטער
און אויף אַן אָרט בלייבן יאָרנלאַנג !

שפּרייט זיך דאָס זוניק־גרינע פעלד —
זייער היים — די מוטער שויס, ווי באַשערט,
און אַ יונגער דור פון ביימערוועלט
ווערט מיט ליכט און טוי גענערט.

צווייגן

צווייגן ווייכע, באַשאָטענע מיט גרינע בלעטער,
עלאַסטיש וויגט איר זיך, ווי יונגע הענט,
איר האַלדזט זיך און איר גלעט זיך —
ביז איינער דעם אַנדערן איר האָט דערקענט.

דאַן בלעטערט איר פאַנאַנדער זיך — אייער קרוין צו שאַפן,
און אַ ווינטל, ווי אַ פייפל, בלאָזט צווישן אייך,
קוקט איר מיט גרינע אויגן צום ארויף — פאַרגאַפטע,
צום אויסשפרייט פון דעם איבערגעקערטן טייך.

און איר טובלט אָפּ זיך אין זיין הימלדיקן בלוי,
שעפּטשען בלעטער אייערע אַ תּפילה און אַ סוד,
וואָס שטראַלט־אויף באַגינענדיק אין זילבערטוי,
ווען פון הינטער ערד שרויפט זיך ארויס דאָס גינגאָלדראָד.

און איר וועקט זיך אויף פון שטערנדיקן דרימל,
דערפילט דעם שטאַם — איר שפּיצט זיך אָן און האָרכט,
אַלע צווייגן אויפגעהויבן צו דעם גוטן הימל
אין תּפילה, שטילקייט און אין פאָרכט.

ווינטער — זומער

אויב דער זומער האָט פון גאָלד די שטראַלן,
האָט דער ווינטער אויך זיין פּראַכט:
שניי — ווי פרישער פּוך טוט פאַלן,
שטערן גליען אין דער נאַכט.

אָבער אז עס קומט דער ליבער זומער,
זינגען־אויף דאַן אַלע גלידער,
ווערט דאָס האַרץ פון פרייד צענומען
און יעדער מענטש — אַ ניי־צעבליטער.

און ליכטיק איז דער גאַנצער גרונט,
אויף פעלדער וואַרט אַ זאַטער שניט,
יעדן מאָרגן די זון דיר אנטקעגנקומט
און וואַרעם ווערט, גוט אויפן געמיט.

און ווי עס בייט זיך פרייד און קומער,
קאַלט און וואַרעם, היץ און פריר —
אזוי עס בייט זיך ווינטער, זומער
אין דער אייביקער נאַטור.

זומער אין דאָרף

אויף די פעלדער וואַקסן זאַנגען,
קומען מיידלעך מיט געזאַנגען.
אויף די זאַנגען פערלט ראָסע,
בליצט אין פייערס האַנט די קאָסע.

און ווען דער האָריזאָנט צערייסט זיך,
ראָלט ארויס די זון, באַווייזט זיך —
ווען מיט רויטגאָלד ווערט פעלד באַגאָסן,
דעמאָלט קלינגען־אויף די קאָסעס.

שפּעטער, ווען די זון ווערט העכער
און גיסט אויס צעבערס גאָלד אויף דעכער,
ווערט אין פעלד שווערער נאָך די מי —
גייען פייערטעס אין דאָרף אויסמעלקן די קי.

און ווען דער טאָג שטילט איין זיין געהילך
ברענגט מען אַהיים די קריגלעך מילך.
עסט מען ברויט און מילך — מ׳איז צופרידן,
און עס קומט רו אויף דעם פויער מידן.

היצן

ווי עס וואָלט די זון צעאַקערט
דעם הימלדיקן ברייטן פֿליין,
האָבן היצן זיך צעפּלאַקערט
און דער זומער וויל ניט גיין.

איז די חמימה נאָך מער צעברענט,
אַ קיל אָרט ניטאָ זיך צום דערקוויקן,
ס'גליט די שטאָט, ווי שייטערס — ווענט,
אַלץ פֿאַרשרפֿעט איז, פֿאַרטריקנט.

דוכט זיך: ס'האָבן אַלע וועלטן
אין דער זון זיך אויסגעבאָדן,
ווי ס'וואָלט אויבן זיך פֿאַרוועלט אים
מיט איין מאָל די היץ אויסלאָדן.

וואָלט דער שאָטן די היץ פֿאַרטרייבן
און ברענגען כאָטש אַ ביסל קעלט,
נאָר די גרויסע פּרעסט זאָלן בלייבן
הינטער די הייכע בערג פֿאַרשטעלט.

טראַכט מען פֿון דעם קילן וועטער,
וואָס וועט קומען באַלד שוין, באַלד
און וועלקן וועלן גראָזן, בלעטער
אין פֿעלד, אין טאָל, אין וואַלד.

די זון און די וואָלקנס

א.
איז די זון פון נאַכטיקן טאָל ארויפגעקומען
און די וועלט מיט ליכטיקער פרייד ארומגענומען.
האָט צעפלאַטערט זיך גאָלדיק-בלוי דער הימל,
ווי קלאָרע קינדערשע אייגעלעך נאָך אַ דרימל.

איז דער רעגן אוועק, און פייגעלעך געקומען —
געשפרונגען, געטענצלט, געווען פאַרנומען,
געטרילערט אין דיביימער, אין גראָז, אומעטום
און מיט זייער געזאַנג פאַרזוניקט דעם אַרום.

האָט זון געגאָסן אויף זייערע קעפלעך איר שיין,
און דאָס ווינטעלע האָט דערלאַנגט אַ מאָדנעם בלאָז,
האָט אָנגעטראָגן אַ שוואַרצן וואָלקן אויפן הימלשן פליין
און די זון איז אַנטלאָפן, ווי אַ צעשראָקענער האָז.

ב.
נאָר אַ רגע האָט געדויערט אָט די שפּיל:
די זון האָט זיך אַ טוק געטאָן, באַהאַלטן,
זיך געגליטשט ארונטער אזוי שטיל —
און פאַרשטיקט געבליבן אונטער וואָלקן קאַלטן.

ווידער זיך געראַטעוועט, אַ רגע זיך באַוויזן,
נאָר דער וואָלקן האָט אויף איר זיין נעץ פאַרשפּרייט,
האָט זי אים דורכגעשטאָכן מיט אירע שפּיזן,
פּלוצלינג — אַ הימל וואָלקנס, אין דער לענג און ברייט.

און הימל האָט מיט גרויע טיכער זיך פאַרצויגן,
די זון איז ווי אַ ליכטל אויסגעגאַנגען.
אַלע פייגעלעך זיינען אין נעסט פאַרפלויגן
און דער רעגן איז איבער דער ערד געהאַנגען.

דערוואַרטונג אויף זון

אַ גרויער וואָלקן האָט די זון פֿאַרשמידט, ווי מיט אייזן,
זי וועט שוין, ווייזט אויס, זיך מער ניט ארויסרייסן,
און די כמאַרע האָט איר שוין געדיכט און גאַנץ פֿאַרדעקט,
מיט בליי פֿאַרגאָסן דעם הימל פֿון ברעג צו ברעג.

גיט זיך זון אַ צאַפּל מיט אַ שטראַל, אַ פּיצל ליכט,
נאָר א צווייטער וואָלקן אַ צי טוט זיך, דעקט צו איר געזיכט —
ווערט פֿאַרשוואַרצט דער האָריזאָנט, טינט דער הימל,
און די וואָלקנס, ווי אַ כאַפּטע פֿינצטערע טייוולאָנים, שווימען.

פֿליקט די זון דורך אין די וואָלקנס גרויסע לעכער,
נאָר איינגאַנצן קען זי זיך שוין ניט דורכברעכן,
זי כאַפּט נאָר אויף דער ערד אין איילעניש אַ גיכן בליק —
און די וואָלקנס ציען זי אריין אין זייער נעץ צוריק.

ווערט זי אין די וואָלקנס טיפֿער אַלץ פֿאַרבאָרגן,
און ווער ווייס צי זי וועט ארויסקריכן ביז מאָרגן.
נאָר אָט האָט זון די וואָלקנס דורכגעשטאָכן, זיי באַפֿאַלן
מיט אירע נאָדלען שפּיזיקע — די בינטלעך שטראַלן.

און צעפּיקט זי האָט אַלע וואָלקנס, זיי פֿאַרשלונגען,
האָט אַ בלויער הימל זיך צעוויקלט און אַ ליד געזונגען —
אַ צעשטראַלטע האָט די וועלט מיט פֿרייד מיטגעזשומט:
מיר וואַרטן אויף דער זון! מיר וואַרטן אויף דער זון!

אַ גאָרטן מיט בלומען

צעבליט איז געווען דער גאָרטן מיט בלומען,
מיט איידעלע ריחות געשמעקט האָט די לופט.
מיט פאַרביקע שטעגן מיר זיינען געקומען,
אַנטקעגן געקומען — אַ כוואַליע מיט דופט.

ס'האָבן געזוניקט מיט גרינקייט די ביימער,
די טונקעלע קרוינען אַ שוץ און אַ דאַך —
פאַר נעסטן, צעהאַנגען צווישן די רוימען,
ווו פייגל טשיריקן אין בלעטערשער שפּראַך.

און הימלישע אויגן — צעליכטיקטע, בלויע,
גערוקט האָבן גאָלדענע ווייזערס פון צייט.
איז אַ וואָלקן געקראָכן — אַ פאַמעלעכיק גרויער —
און קלעפּן געבליבן אויף ראַנדיקער ווייט.

איז געמורמל געלאָפן דורך ביימער און גראָזן,
צעוויגט האָבן לייכט זיך גרין-גאָלדיקע צווייגן —
האָט אין אויער אַ ווינטל אַ סוד מיר געבלאָזן
און אַלץ איז געוואָרן פאַרטייעט אין שווייגן.

בלעטער־קינדער

שוין כמעט אַ נאַקעטער בוים
מיט אַראָפּגעלאָזטע צווייגן,
שטייט ער ביים ווינקל צוים
אַ פאַרזונקענער אין שווייגן.

לעצטע בלעטלעך טוען זיך אַ ריר,
ווי נאָר ס׳טוט אַ ווינטל אַ בלאָז —
דער בוים לייבלעך עס דערשפּירט,
ווי מיט אַ טאַטעשן פאַרדראָס.

שטייט ער אומעטיק, ער טרויערט
אויף יעדן בלעטל — זיינס אַ קינד,
די קרוין שאָקלט צו מיט באַדויער
אויף יעדן צופּ פון ווינט.

און אָט — שוין נאַקעט און פאַרקלעמט —
די לעצטע בלעטלעך פאַלן אָפּ
און ער לאָזט אַראָפּ פאַרשעמט
זיין אַנטקרוינטן קאָפּ.

רעגן פאַר אַלעמען

רעגן האָט מיך פיר באַגינען אויפגעוועקט.
אין פענצטער: אַ הימל מיט וואָלקנס באַדעקט,
אין גאָרטן: די רעגן־שיכורע בלומען
האָבן פאַנאַנדערגעעפנט די פאַרביקע גומענס...

אַ טאָג פריער האָט נאָך געבראַנדעוועט אַ פייער,
איז געווען גוט דער רעגן היינט פרימאָרגן,
ער האָט אויסגעצוואָגן די קרוינען פון די ביימער
און די האַרטע שטאַמען מיט פרישקייט אָפגעשייערט.

געוויקסן און מענטשן האָבן אָפגעאָטעמט פרייער,
ס׳האָבן ברוסטן אויסגעברייטערט זיך מיט לוסט.
איז אויפגעגאַנגען אַ פרישער טאָג, אַ נייער —
מיט רעגן־שנירלעך זילבערנע פאַרפּוצט.

געפינקלט האָבן טראָפּנס — דורכזיכטיקע פערל,
און זיך לאַנגזאַם געטריפט, געפאַלן אזוי שטיל,
ווי זיי וואָלטן קווענקלען: אפשר גאָר אויפהערן?
און געווען איז לופטיק, אָנגענעם די שפּיל.

רעגן-זון קאָנטראַסט

דער הימל ווערט פינצטער און גראָ,
עס בלאָזן די ווינטן ארום אומעטום,
אָט קומט ער דער רעגן — שוין דאָ,
און ס׳עפנט איר מיילכל די בלום.

די פעלדער זיך טוען אַ הויב,
און וועלדער זיך טוען אַ צי,
ביז ס׳ווערן די וואָלקנס צעדרויבט —
שיינט אין זוניקן שפּיגל גאָטס מי.

די מענטשן — פאַרליבטע אין זון,
די ביימער — צעדופטע אין צוויט,
דאָס לעבן — אין פריידן צעזשומט —
צעליכטיקט, צעשטראַלט און צעגליט.

רעגן

א.

די בלויע האָריזאָנטן ווערן גיך פאַרצויגן
און ס׳טונקלט דער הימל מיט פינצטערע אויגן —
באַלד וועט דער רעגן, ווי טרערן, אַ גאָס טאָן,
און ריטשקעלעך פאַזע דעם וועג — זיך אַ לאָז טאָן.

יעדן מאָרגן די שפיל גייט אזוי שוין פאַר טעג —
די זון האָט פאַרבלאָנדזשעט אויף איר ליכטיקן וועג,
און בייטשן נאַסע צעשמייסן יעדן ברעקל שיין,
יאָגן די זון אין אַ פינצטערער נאָרע אריין.

רייסן זיך וואָלקנס, ווי פאַרפוילטע זעק,
און עס נעמט צו דעם פליוכען גאָר ניט קיין עק.
דער רעגן זיפט דיר דורך מיט קומער,
און ס׳ווערן די מענטשן מוטלאָז, פאַראומערט.

דער הימל מיט אַ בליידעק איז אינגאַנצן פאַרדעקט
און ווי אַ גרויע שמאַטע וויקלען זיך די טעג.
דער רעגן האָט פון מענטשן די קראַפט אויסגעזויגן,
אַ ביסל איז אַ ברכה, אָבער צופיל — טויג ניט.

קוקט מען צו דעם הימלס אָנגעכמורעט געזיכט —
מ׳דערוואַרט אַ ביסל וואַרעמקייט, אַ ביסעלע ליכט.
מען איז שוין מוחל דאָס כסדרדיקע רעגנדיקע קלאָגן —
זאָל שוין ווערן זוניק און שטראַליק און טאָגיק.

ב.

די זון איז פֿאַרשוווּנדן, דער הימל איז גרוי,
און האַרץ איז פֿאַרבענקט נאָך אַ פּיצעלע בלוי.
נאָר מיט וואָלקנס געדיכטע איז אַלץ צוגעדעקט
און ס'גיסט שוין אַ רעגן, די שויבן ער לעקט.

עס גלאַנצן די פֿענצטער, די הייזער, די שטיינער,
עס קריכט שוין דער רעגן אַריין אין די ביינער,
אַט שפּאַלט ער די הימלען מיט דונערן בליצן,
עס דוכט זיך: ס'וועט קיינמאָל ניט אויפֿהערן שפּריצן.

אויף פֿעלדער, אויף וועלדער, אויף כאַטעס און לאַנען
ס'גיסט אָן אַן אויפֿהער, ווי פֿון צעלעכערטע קאַנען.
דער ווינט האַלט די וואָלקנס אַלץ אין איין טרייבן,
ביז קיין פּיצעלע טרוקנס וועט ניט פֿאַרבלייבן.

ווי סטרונעס די שנירלעך פֿון רעגן זיך וויגן
און זשומען אין האַרץ אַזאַ אומעטיק ניגון.
מיט איינמאָל דערזע איך עס בלינקלט אַ שטערן —
ווייס איך: דער רעגן וועט מוזן אויפֿהערן.

נאָך אַ וואָלקנבראָך

אַ וואָלקנבראָך האָט אַ פּלייץ געטאָן אויף דער ערד
און אַלץ וואָס מענטש געפּלאַנצט האָט, שנעל צעשטערט —
אַלע גערטנער געשטאַנען זיינען אונטער וואַסער
און ניט געווען ווי דורכצוגיין די גאַסן.

אין אונדזער גאָרטן זיינען אַלע שיינע בלומען
צעווייקטע אויף דעם וואַסערפלאַך ארומגעשווומען.
לאַנגזאַם האָט די ערד דאָס וואַסער איינגעזויגן
און געבליבן זיינען נאָר שטענגעלעך — צעבויגן.

און דער רעגן האָט געשטורעמט נאָך אַ ווײַלע,
נאָר אַלץ איז שוין געווען פאַרניכט און קאַליע —
אַזויפיל טעג פון מי, און יאָרן — וואַקסן,
האָט דער וואָלקנבראָך אין מינוטן אַלץ צעהאַקט עס.

אַלץ געוואָרן איז אַ בלאָטע און אַ באַרג מיט מיסט,
איז די גאַנצע אַרבעט סײַווי שוין געווען אומזיסט.
אָבער ווי דער וואָלקנבראָך איז נאָר פאַרביי,
האָבן מיר אָנגעהויבן פלאַנצן — פונדאָסניי.

נאַכטיקער שטורעם

דער שטורעם האָט געיאָמערט אַ גאַנצע, שוואַרצע נאַכט.
רעגן האָט געגאָסן, כ׳האָב קיין אויג ניט צוגעמאַכט.
יעדע מינוט האָט זיך אין חושך אריינגעשניטן אַ בליץ
און דעם שוואַרצן הימל מיט גליאיקע שפּיזלען צעקריצט.

דונערן האָבן געברומט און ווייטקייט האָט זיי איינגעזאַפּט,
ווי אויף ערגעץ אַ פּראַנט וואָלטן סנאַריאַדן כסדר געקלאַפּט.
בין איך געלעגן אריינגעדרייט אין זיך אַ שטומע,
אין דערוואַרטעניש אַז דער פרימאָרגן זאָל וואָס גיכער קומען.

אָבער די נאַכט האָט זיך אזוי לאַנג און לענגער געצויגן,
די אימה געקראָכן איז אויף די ווענט, אין די אויגן.
די בליצן האָבן געהאַלטן דעם חושך כסדר אין צינדן,
די נאַכט האָט געפּויזעט פּאַמעלעך, ניט געוואָלט פאַרשווינדן.

דער רעגן האָט ניט אויפגעהערט צו גיסן און גיסן,
דער שטורעם האָט די ביימער געפּליקט און געריסן,
ווי ביינערדיקע פינגער האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין שויב אַ בליץ
און ס׳האָט מיך פאַרגאָסן אַ כוואַליע פון קעלט און פון היץ.

איך בין געלעגן מיט אָפענע אויגן גאַנצע שעהען וואַך
און געזען ווי דער שטורעם האָט פאַרשלונגען די נאַכט.
מיין געבעט האָב איך געזאָגט צום מאָרגן, דעם פרישן,
ווען ס׳האָבן זוניקע שטראַלן די וואָלקנס צעריסן.

האַרבסט

האַרבסט איז שוין געקומען —
נאַס און גרוי און קאַלט,
פאַרטריקנט אַלע בלומען,
געוועלק פון בלעטער — פאַלט.

די זון איז היינט פאַרצויגן
מיט כמאַרעס, ווי מיט בליי,
די פלאַנצן איינגעבויגן —
דער ווינטער איז דערביי.

און עס ווערט אַלץ טונקל —
טאָג האָט ניט קיין צייט,
אין פינצטערניש פאַרטרונקען
ווערט נאַכט, ווי אייביקייט.

אין האַרץ אריין דער אומעט
גיט זיך טיף אַ שניט,
און אַ קעלט צעזשומט זיך
מיט האַרבסטיקן געמיט.

האַרבסט-בלעטער

דער האַרבסט וועט אָנקומען אין אַ פּייכטן וועטער
און מיט פינגער קילע אַראָפּשאָקלען די בלעטער,
ער וועט אַ פּייף טאָן אײַזיק: אין בין האַר!
ביימער וועלן זיך איינקאָרטשען נאַקעטע און דאַר.

ס׳וועלן בלעטער זיך אַ וואַלגער טאָן איבער גאַסן,
אונטער הימלען אומעטיקע, אויף דער ערד דער נאַסער —
וועלן פאַלן שטומע, געלע און פאַרוויאַנעט,
ביז דער שטורעם וועט מיט רוגזה זיי אויסראַמען.

צעטרעטן וועט מען די נעכטיקע, די גרינע צירונג —
ווער וויס צי בלעטער קענען פילן, קענען שפּירן?
און זיי צערייבן וועט מען, גלייך מיט דער בלאָטע,
נאָר האַרבסט אליין וועט טרויערן איבער זיי פאַרשאָטנט.

ס׳וועלן הענגען הימלען בלייאיקע, פאַראומערט,
קיינער וועט ניט פילן ניט קיין שמערץ, ניט קיין קומער,
און בעת בלעטער וועלן אָפּשפּיגלען לעצטן קופּערשיין,
וועט פון האַרבסט דער שאָטן אין מיין האַרץ אריין.

בלעטער אין ווינט

דער ווינט ווארפט אייך אום, בלעטער אָרעמע,
אין דעם נאַסן האַרבסט — געלע און פאַרלאָרענע.
באַלד וועט מען אייך אין קערב אויפקלייבן
און ס'וועט פון אייך קיין זכר ניט בלייבן.

ווי לאַנג צוריק האָט איר געצירט דיביימער — גרין,
געהאנגען זיידענע און איידעלע, צאַרט און דין,
איצט ליגט איר בלאַטיק אין אַ קופּע מיסט
און אייער וועלט די זוניקע איז שוין פאַרוויסט.

היינט צופּט דער ווינט, שניידט זיין לעצטן שניט,
און בעת דער בוים חלומט נאָך פון אייער צוויט
ליגט איר צופוסנס אים — צעטריקנט און פאַרדאַרט,
ווי די זון וואָלט אייך פאַרראַטן, אָפּגענאַרט.

איר קענט נאָר זאָגן : ס'לעבן איז געווען שיין,
ווייל העלפן קענט איז זיך שוין ניט, אַ ניין !
און ווען דער ווינט אַ שליידער טוט אייך ווייט,
גיט אַ קלער אַ רגע : געווען אַ גוטע שיינע צייט...

און כאַטש ווינטן קענען ניט פאַרשטיין : געווען, אַוועק...
שפּילט איר אָבער אויס מיט אייער קופּער אָט די שרעק.
איר האָט געמיינט צו זיין אין אייביקייט צעגרינט
און די אילוזיע האָט צעקלאַפּט דער בייזער ווינט.

ווינטן

בלאָזן ווינטן, רוישן, שטויסן —
איבער וועלדער, פעלדער, דרויסן.
אין טירן קלאַפּן, רייסן דעכער,
קריכן דורך דורך אַלע לעכער.

און ווינט צעטראָגט אַ ביטער קעלט
ווו עס האָט אַן עק די וועלט,
געוויין פון קינדער קען ער נאָכמאַכן
און קען אָפּטאָן נאָך שלעכטע זאַכן.

גראָז אונטער שניי

אַ שניי איז געפֿאַלן אויפֿן געלב־גרינעם גראָז
און ס׳האָט ווייס צעבלאַנקט זיך דאָס פֿעלד,
אַ קאַלטער ווינט האָט מיט רוגזה געטאָן אַ בלאָז
און גרעזלעך האָבן זיך געקאַרטשעט פֿאַר קעלט.

זיי האָבן זיך צוזאַמענגעדרייט אזוי ווי זילבער־דרעטלעך,
ווי עמעץ וואָלט אויסגעפֿלאָכטן אַ צוים אויף דער ערד,
און ווען טאָג איז פֿאַרטונקלט געוואָרן און שפּעטלעך
איז דער שניי שוין געלעגן אַ טיפֿער און שווער.

איז דאָס גראָז אונטער שניי געלעגן איצט וואַרעם —
ביז דער פֿראָסטיקער ווינטער וועט זיין שוין פֿאַרביי,
און ווען מיט זיין שמעלץ דער פֿרילינג וועט אָנהייבן שפּאַרן,
וועלן די גרינע קעפּלעך זיך ארויספּיקן צו דער פֿריי.

און ווידער וועט ליכטיק זיין, מ׳וועט זיין צופֿרידן,
די זון וועט אויף די פֿעלדער שיטן מיט שטראַלן
וועלן מיט גרינקייט זיך אָנגיסן גראָזישע גלידער — —
און דער שניי אויפֿן גראָז טוט ווייך אזוי פֿאַלן.

ווינטער

ווי נאָר אַוועק דער שיינער זומער
רוקט זיך אָן דער בייזער ווינטער,
אין האַרצן צאַפּלט טרויער שטומער,
גרויע נעצן דאָרטן שפּינט ער.

צו טירן, פענצטער קומט ער נענטער —
אָט דער ווינטער, דער פאַרשטעלטער,
מיט זיין יעדן טריט ווערט קעלטער
און מיט פראָסט שוין ברענט ער.

פאַרקלאַפּט מען אַלע שפּאַלטן, לעכער,
דער שניי שוין פוכיק שיט ער —
אויף אַלעביימער, אַלע דעכער
שיינט דער שניי — אַ ווייס־צעבליטער.

און אַז קאַלטע ווינטן בלאָזן
ווערט אין דרויסן גליטשיק,
מ׳קען אַ קינד ניט ארויסלאָזן,
און שניי — ער סקריפּעט קוויטשיק.

און דער ווינטער ווערט אַלץ שאַרפער,
דאָס אייז קריכט דורך שפּאַרונעס,
שטיפערס מיט שנייקיילכלעך זיך וואַרפן,
אין הימל קאַלט די זון איז.

אַלע סטעזשקעס שוין פאַרשאָטן,
וועגן — אויסגעפאָרן גלאַטיק,
מוז מען היטן זיך אַ טראָט טאָן,
נאָר דער הונגער מאַטערט.

טוט מען ארויף אויף זיך אַ טראַנטע,
מ׳טוט אין דאָרף פּאַרפֿאָרן —
און ביי אַ פּויער אַ באַקאַנטן
קויפֿט מען אַ זעקל קאָרן.

לאַנגע נעכט. געבלומטע שויבן.
און דער פֿראָסט טוט קנאַקן.
וואַרפֿט מען אַ שייטל האָלץ אין אויוון
און מ׳שטעלט זיך באַקן.

האָגל

דער האָגל האָט צעפּויקט זיך שנעל און מיטאַמאָל,
ווי אויף די הימלען וואָלט מען אײַז געמאָלט —
האָט ער געקײַקלט זיך, ווי ווײַסע ניסלעך איבער דעכער,
איבער ביימער, גאַסן, אָנגעפּילט אַלע ווינקלען, לעכער.

און אַלץ פאַרדעקט איז מיט אַ פּראָסטיק גלאַנץ,
האָגעלעך, ווי אַרבעסלעך, האָבן אויף דער גאַס ארומגעטאַנצט,
סעריעווײַז, ווי פון קוילנוואַרפערס, געקומען אין געפּויק,
נאָר די גאַס מיטאַמאָל איז שטיל געוואָרן, טויב.

האָט דער האָגל מיט אַ זילבער־גלאַנץ אַלץ צעבלענדט,
כאָטש דער הימל טונקל איז געווען, שטום און פרעמד.
נאָר פּלוצלינג האָט צעדונערט און צעבליצט זיך,
און שוין — פון אויבן, ווי פון רינעס גיסט זיך.

און די האָגל־קײַקעלעך געוואָרן זײַנען קלענער, קליין,
ריטשקעלעך האָבן אָנגעהויבן לויפן — די האָגעלעך צעגיין,
ביז אינגאַנצן זײַנען זיי פאַרשוווּנדן. האָט די זון
פון הינטער וואָלקנס מיט אַ גאָלדיק אויג אַ בליק געטון.

ביז זון וועט ווידער קומען

די סעזאָנען פֿון יאָר עמען באַוואַכט, כסדר היט,
אַט ווערט ווידער קאַלט און אַ שניי שוין שיט,
ווי מיט אַ זילבערדעק ווערט אַלץ פֿאַרצויגן —
אַ וועלט וואָס ליכטיקט מיט קלאָר־ווייסע אויגן.

און גלעקעלעך קלינגען שוין איבער פֿעלד און וואַלד,
גליטשט זיך אַ שליטן לופּטיק, אַ בייטש קנאַלט,
אַ פֿערד צעהירזשעט קרעפּטיק אין קאַלטן דרויסן,
און ס׳ווינקען ליכטלעך — דאָרט אַ וואַרעם הויז איז.

און ביזן הויז זינגט מען מוטיק בראַווע לידער,
דער פֿראָסט צעגייט מיט פֿרישקייט אין די גלידער —
און די עכאָס טראָגן זיך האָפֿערדיק אין קלאָרן אָוונט
ביז צום הויז, מיט שויבן — אייז־פֿאַרקאָוועט.

פֿאַלט מען אַריין... און ביי אַ גלעזל טיי אַ הייסן
דערציילט אַן אַלטער זיידע די לייט אַ קלוגע מעשה.
זיינען פֿאַרהאָרכט די יונגען, די אויערן צעגומען —
זאָל ער אַזוי דערציילן ביז זון וועט ווידער קומען...

ווינטער איז געקומען

דער טאָג איז אָנגעקומען מיט אַ בייזן ווינט,
אָנגעטראָגן כמאַרעס, פינצטערע ווי טינט,
די קעלט געסמאַליעט האָט, פראָסט — געבריט,
און אַ שניי האָט פוכקע זיך געזיפּט.

די ביימער נאַקעט אויסגעטאָן, אָן אַן איינציק בלעטל,
שניי אויף צווייגן, ווי סאַמעט אויסגעגלעטע
שטייען ביימער אין טרויער ליכטיקן צעגליט —
און איבער יעדערן אַ ווייסע קרוין פון קילן צוויט.

נאָר די יאָלקעס, ווי זיי וואָלטן זיך מיט גרינקייט שיצן —
פון די נאָדעלעך שטעכיקע דער שניי האָלט זיך אין גליטשן,
און אונטער זיי, ביי די שטאַמען, בלימעלעך פאַרשפּעטיקט,
מיט קעפּעלעך אַראָפּגעהאַנגען — קיינער וועט ניט רעטן...

טוט די זון אַ פּיק אין גרויען הימל מיט אַ שטראַלכל
און לויפט אַוועק הינטער וואָלקנס — זיך באַהאַלטן.
גיט שטורעם זיך אַ טראָג מיט אַן אייזיקן זאַווי
און דער ווינטער זיין ממשלה איבער ערד פאַרשפּרייט.

שניי

פאַלט אַ שניי — ווייס ווי קרישטאָל —
ווי געפאַלן איז ער גאָר אַמאָל,
פריילעך, מונטער, שטיל ער שיט —
פרישער ווינטערדיקער צוויט.

עס איז אַ שניי פאַר קינדערסוועגן —
ער לייגט זיך אויס אויף אַלע וועגן,
אז ער וועט ווערן האַרט, פאַרפראָרן,
וועלן קינדער שליטלען זיך און פאָרן.

זיי וועלן מאַכן אַ מענטש פון שניי,
מיט קוילן אָנשטאָט אויגן צוויי,
אַ רויטער מער אָנשטאָט אַ נאָז,
וואָס פרירט ווען ווינט טוט נאָר אַ בלאָז.

דעם שניימענטש מיט אַ פלאָקן באַלד —
שפּאַרט מען אונטער, ווייל ער פאַלט,
און קינדער לאַכן הויך, צופרידן:
שניימענטש איז פון שטיין שוין מיד, ער...

נאָר טאָמער, זאָל די שעה ניט זיין,
וואַרעם ווערט און מילדער, פיין —
טאָ זייט זיכער: פרי באַגינען
וועט איר דעם שניימענטש ניט געפינען.

זון און לבנה

זון אַ שיין זי טוט מיט גאָלד,
לבנה — מיט איר זילבער.
קערנער שטראַליקע זון מאָלט,
לבנה — ליבע פילטערט.

זון זי וואַרעמט, לעבן גיט,
פון לבנה — בילדער מאָלן,
צייטיקט זון אויס גאָלדיק שניט,
לבנה — ברענגט דעם חלום.

שטערנדלעך

אָ, שטערן, שטערן, שטערנדלעך,
לאָזט מיך ניט אַליין,
פֿאַר מיר וועט אייער זילבערליכט
אייביק ניט פֿאַרגיין.

איך וויל קוקן ווי איר שיינט,
ווינקט פֿאַרשייט און בלענדט —
קום איך אין דער נאַכט אַריין
צו שטערנגאַנג געווענדט.

אייער קרייז איז מיר באַקאַנט —
פֿאַר האַרץ און אויג צוגלייך.
אין ראָד אין הימלישן געשפּאַנט —
איך צאַפּל מיט מיט אייך.

זאָלט איר ניט אָן מיר פֿאַרגעסן,
ווייל איך בענק נאָך ליכט.
פֿון שטערן־כּישוף כ׳בין באַזעסן —
צעשטערנט מיין געזיכט.

פלאַטערלעך

פלאַטערלעך פאַרביקע שוועבן לייכט אום
פון ביימל צו קוסט און פון גרעזל צו בלום —
זיידיק און סאַמעט, די פליגעלעך דין,
אַ פלאַטער אַהער און אַ פלאַטער אַהין.

אַ צאַפּל, אַ גליטש זיך — ווייך אַזוי, גלאַט,
פלאַטערלעך — שיכור פון זון־אַראָמאַט,
ווי בלימלעך קאָליריקע — טאַנצן און פליען,
ווייל נאָר אין דער לופטן קענען זיי בליען.

אַ פלאַטערל

אַ פלאַטערל פליט אין גאָרטן אַרום
און שטעלט זיך אָפּ אויף אַ בלום,
נאָגט פון איר דעם זיסן זאַפט —
וויפיל ער האָט אין פיסקל קראַפט.

און ווי צוויי פאַרביקע שפּיגעלעך
שפּרייט ער אויס די דינע פליגעלעך —
טוען זיי אַ שיין מיט ליכטיקע קאָלירן —
דאָס אויג פאַרבלענדן זיי, פאַרפירן.

נאָר אַז ווינטל פלוצעם טוט אַ בלאָז
גיט פלאַטערל אַ פאַל צום גראָז,
די פליגעלעך זיך האַלטן קוים,
ווי געמאַכט פון בלעזלדיקן שוים.

וויל פלאַטערל נאָך אָבער לעבן —
פּרוווט ער די פליגעלעך באַוועגן,
נאָר זייער האַפט איז ווי אַ שטויבל
און שווער זיך אויפצוהויבן.

פייגעלעך

פון בוים צו בוים פייגעלעך פליען
אין דעם ריינעם, שיינעם וואַלד,
מיט פאַנטאַסטישע פאַרבן פליגעלעך גליען
און רוים אַזאַ בלויער — צעפּראַלט.

און זון טוט אַ גלעט מיט אַ גאָלדיקן שטראַלכל
אויף פעדערלעך — סאַמעט און זייד,
און אַט צעשפּרינגט זיך אַ פייגלשער באַלכל —
אַזוי שטיפעריש, לוסטיק, פאַרשייט.

זינגען פייגעלעך אַזוי דין, סטרונעדיק,
פון העלדזלעך אַ כּישוף זיך גיסט,
פליט אָן אַ בין, אַ גאָלדיקע, זשומענדיק,
און לופט ווערט מיט האָניק פאַרזיסט.

ליגן די גראָזן פאַרדעקטע מיט שאָטן,
אַ בלום גיט אַ הייב־אויף דעם קאָפּ,
אַ פויגל דערבליקט אַ וואָרעם — און אַט שוין
טוט ער אַ לאָז זיך אַראָפּ.

אַ פּיק אין דעם פאַנג, אַ הייב זיך צום נעסטל,
דאָס קליינוואַרג קוקט שוין אויף דעם אויס.
ביז ווינטער וועט ברענגען אַ פּיצעלע פרעסטל —
די פייגעלעך וועלן זיין גרויס.

זיי וועלן אַוועק און היימען זיך בויען
פון שטרוי און פון ליים און פון — גליק,
און אין גלאַנץ פון פרימאָרגיקע זילבערנע טויען
פאַרקלינגען דעם וואַלד וועט די פייגל־מוזיק.

די זון און די פייגעלעך

די זון האָט זיך אַ שפּאַר געטאָן מיט צעשטראַלטן גלי —
איז געוואָרן אין גאָרטן אַ פּישטשעדיק צוזאַמענפלי
פון אַלע מינים פייגעלעך — פון דעכער און פון נעסטן —
מיט אַ דאַנק צו זון, וואָס האָט זיי ניט פאַרגעסן.

ווייל אַ גאַנצע נאַכט געקאַפּעט האָט אַ קאַלטער רעגן
און איבער ערד אַ פייכטע פינצטערניש איז געלעגן,
נאָר באַגינען האָט אַ ווינט מיט אַנזאָג זיך צעווייט
און די זון, ווי אַ גאָלדיק ראָד האָט ער ארויפגעדרייט.

האָבן פייגעלעך אין זייער לופטיק־שוועבנדיקן גאַנג
די הימלען העל פאַרקלונגען מיט אַ פריילעכן געזאַנג,
געלויבט די זון די ליבע פאַר איר וואַרעמען געברויז,
וואָס פון זייערע ביינדעלעך דעם אומעט ציט ארויס.

און ווי זיי וואָלטן זיך פאַרמאָסטן די זון דערגרייכן,
יאָגן זיי אויף די לייכטע פליגעלעך צו אירע הייכן,
נאָר די זון אויף אַ רגע וויל זיך ניט פאַרהאַלטן,
גיט יעדער כאָטש אַ פּיק אַן איינציק גאָלדיק שטראַלכל.

אין שטייג

פייגעלע אין שטייג פאַרשפּאַרט —
איז אים ענג, נאָר ער שווייגט,
די פליגעלעך שוין ניט ער שפּירט,
ווי פאַרפראָרן, ניט קיין ריר.

ווי אין שטייג וואָלט לופט געפעלט,
ס׳איז פאַרטונקלט אים די וועלט,
ניט קיין זונשטראַל, ניט קיין בלום —
איז דאָס פייגעלע פאַרשטומט.

דאָס פייגעלע וויל ניט קיין סך:
אַ שפּאַרונקעלע אונטער אַ דאַך,
אַ נעסטעלע — גרויס ווי אַ פויסטל,
נאָר זיין אין ליכטיק־פרייען דרויסן.

טאָג און נאַכט

אַ וווּנדערלעכער טאָג איז היינט:
שוין פון באַגינען די זון שיינט
און פייגעלעך אזוי לוסטיק זינגען,
זאַרגלאָז פליען זיי און שפּרינגען.

טוט זיך זון אזא פאַרביקן צעפּעכער,
אז פול ווערט הימל, ווי אַ בלויער בעכער,
זון גיסט זיך איבער זיינע ברעגעס
און עס ווערט פאַרשווענדט גאָטס פאַרמעגן.

טוט דער הימל אונדז אַ גאַנצן טאָג צוטיילן
שעהען גאָלדיקע — אַ מחייה זיי צו ציילן.
איבערגעציילט זיי און פאַרשלונגען,
ווי געזאַנג פון פייגל וואָס פאַרקלונגען.

מיטאַמאָל אויבן טוען זיך אַ צעשיט
זילבער־שטערן, ווי אין פרילינג צוויט.
און לבנה טוט אַ גלאָץ פאַרגאַפּט —
ווי אַ חלום וואָס אָקערשט באַשאַפט.

ס'איז לבנה־חלום אויף דער וואָר —
ער הענגט אויף אַ זילבער־דינע האָר.
און אַלע פייגעלעך איצט שלאָפן
מיט זייער זון־חלום צוקאָפּנס.

נאַכט

די נאַכט איז שטיל, ווי תמיד, אָנגעקומען
און מיט טונקעלע הענט אַלץ ארומגענומען,
האָט די לבנה — בלייך און שוואַך,
פון הימל אַראָפּגעקוקט אויף אַ דאַך.

און שטערנדלעך, ווי ציטעריקע ליכטלעך,
האָבן זיך געקליבן אין אַ קופּקעלע, געדיכטלעך,
און גאָר די שיין פון הימל — אַלץ צוזאַמען,
האָט ניט געקענט דעם חושך אַ ביסל כאָטש צעקאַמען.

נאָר ווי אַ ליכטנעץ קעגן הימל בלאָסן
האָט געליכטיקט שטאָט מיט אירע גאַסן,
און נאַכט הינטער איר געלעגן איז באַהאַלטן,
מיט אַ פולן שויס פון פינצטערע געשטאַלטן.

פרימאָרגן

דער פרימאָרגן דורכן פענצטער גיט אַ פאַל אריין —
אַ גאַסט אַן אָנגעלייגטער, אַ צעשמייכלטער מיט שיין,
ווערט דער ארום מיט אַ בלענדיק ליכט פאַרפלייצט,
ווי אין זון זיך וויגט אַ פעלד מיט גאָלדיק ווייץ.

און אין ביימער פייגעלעך צעזינגען זיך טשיר־טשיר,
אין דער לופט די בלומען־ריחות מען דערשפירט.
שמעקט די גאַנצע וועלט אַ פאַרפיומירטע, אַ באַנייטע,
אַ פאַרבלאָנדזשעט וואָלקנדל ווינקט פון ווייטן.

און די גראָזן מיט גרינקייט פריאיקער, צעגלאַנצטער,
מיט מיליאָנען טויעלעך, ווי דימענטלעך, צעטאַנצטע,
און פרימאָרגן גאָלדיקער אין פענצטער לאַכט —
די קרוין פון טאָג פון נייעם, וואָס האָט אויפגעוואַכט.

פרימאָרגן-גאַסט

(וואַריאַציע)

אַז פרימאָרגן צו מיר, ווי אַ גאַסט קומט אַריין,
ווערט ליכטיק מיין שטוב און פאַרגאָסן מיט שיין,
און זון אין מיין פענצטער צעשיינט זיך — אַ פּראַכט.
קיצלען די שטראַלן און פריילעך איך לאַך.

די לופט שמעקט מיט בלומען־ און ערד־אַראָמאַט,
מיט פייגל־געזאַנג פול דער דרויסן — צו זאַט.
אַלץ איז צעבליט און צעוואַקסן אויפסניי,
און פרימאָרגן — אַ גאַסט וואָס ער גייט ניט פאַרביי.

ער כאַפּט זיך אַריין מיט אַ שטראַליקן פלאַם,
צעפינקלט זיך שויב אין ברילִיאַנטענעם ראַם,
איך נעם־אויף דעם גאַסט פריילעך און מונטער —
באַגריס דעם פרימאָרגן, וואָס יעדן טאָג קומט ער.

פויערים

אין אַ דערפל, ביי אַ שטעגל —
פויערים, אַ פערד און וועגל.
מ׳אַרבעט שווער, האַרט און פיל,
אין שוויגעניש — פאַרטעמפּט, פאַרשטילט.

באַקט מען בלינעס, קאָכט מען קרויט,
און עס שמעקט דאָס שוואַרצע ברויט —
פּאַקט מען אַלץ אין זיך אַריין.
ביז פון טאָג פאַרגייט די שיין.

און מיט ערשטן קריי פון האָן
פּאַיעט מען דאָס פערדל אָן,
און נאָכן אַקער שוין געשפּרייזט
איידער טאָג נאָך זיך באַווייזט.

עקשנותדיק, מיט קאָפּ צו ערד,
שפּאַנט מען — און טריט זיינען באַשווערט.
ציט זיך אויס די מעזשע לאַנד —
און פון הימל גיסט שוין בראַנד.

ברויט

קאָרן פאַר ראָזעווען היימישן ברויט
אין גאָלדיק צעזוניקטן בלי,
אויף זאַפטיקע קערנער פאַלט טוי,
שניידן וועט פויער זיין מי.

אין גילדענע סנאָפּעס מיט זאַנגען
וועט זון זיין אין זומער געפאַנגען,
ביז טרוקענע קערנער וועלן זיך שיטן —
די שטראַלן אויף ברויט אויסגעביטן.

צום מילנער די קאָרן שוין ברענגט מען,
און קערנער ווי גאָלד־כוואַליעס שווענקען.
דאָ וועט מען זיי מאָלן, זיפּן און זאַקן —
און גאָלד־ברוינע ברויטלעך אויסבאַקן.

וועט מען די ברויטלעך ביז איינעם
פאַרצערן מיט זעטיקע ציינער.
און ס׳וועלן זיך בייטן די יאָרן —
מיט מענטש און מיט ברויט און מיט קאָרן.

ים

דער ים וואַרפֿט מיט כוואַליעס, און ציט — אַ מאַגנעט,
דאָ איז ער בייז, אין צאָרן, און באַלד — אַלץ פֿאַרגלעט,
נאָר אין אַלע זיינע פּאָזעס איז ער הערלעך־שיין,
אפֿילו אין זיין קאָכיקן געברויז איז ער מלא חן.

כוואַליעס טוען זיך אַ הייב, ווי אַ הייכע וואַנט,
און פֿאַלן גלייך פֿאַנאַנדער — צעשאָטן פֿון אַ ריזן־האַנט,
וויגט זיך ארויף, אַראָפּ — אין איינזאַמקייט — אַ שיף,
ווי זי וואָלט זיך רייצן מיט דער דראָענדיקער טיף.

נאָר דער ברעג איז רואיק, זיכער, ברייט און גראָם,
מיט אַ נאַסע צונג לעקט דער ים זיין גאָלדיק זאַמד —
עס זיינען נאָר די ברעגעס, וואָס האַלטן פֿעסט די ראַם,
כאָטש מיט פּראָטעסט האַמערט עס אין בויך פֿון ים.

פֿאַנטאַזיעס

איך האָב ליב שפּינען מעשׂיות, פֿאַנטאַזירן —
געדאַנקען זאָלן לויפֿן ווי אַ ראָד
און אילוזיעס זאָלן מיך פֿאַרפֿירן —
איך טראָג אין זיך פֿאַנטאַזיעס ווי אַ סוד.

דורך מיין צימער פֿליען עראָפּלאַנען,
זיי זיינען גיכער ווי דאָס קול;
דורך מיין פֿענצטער יאָגן באַנען —
אין וואַגאָנעס שטערן פֿירן זיי, אָן צאָל.

און אויטאָס טראָגן זיך איבער פּוסטע גאַסן,
מיט לאָמפּן — ווי די זון צעגליט,
און ערדקויל — אָנגעצויגן ביז צום פּלאַצן —
אויף אַ האָר העגנט אונטער מיין סופיט.

און טראַמווייען קלאַפּן, קלינגען,
פֿון אונטער אַלע הימלען שפּאַרט געשריי —
פּלוצעם וועלטן מיט גוואַלד צעשפּרינגען
אין זייער לעצטמאָליקן פֿאַרגיי.

בלייב איך ווייטער אין צעשטערטע וועלטן,
נאָר זייערע חורבות מיר נאָך אַלץ היפּנאָטיזירן —
און אין זייער טעמפּאָ דעם פֿאַרשנעלטן
האָב איך ליב דאָס אַלץ צו פֿאַנטאַזירן.

מענטש און זײַן עלנט



יאָרן

לויפן יאָרן, די צייט ווי אין אַ געוועט יאָגט זיך.
אויף העלע טעג די יוגנט ווי אַ שטורעם טראָגט זיך —
אזעלכע זינגעוודיקע, צעפלאַטערטע, צעשטיפטע —
טעג, מיט דעם גאָלד דעם זוניקסטן באַטריפטע.

דעם יונגן לויף וועט קיין כוח ניט אָפּהאַלטן.
די עלטער — אַ קרוג מיט חכמה, פול מיט שפּאַלטן,
נאָר אין יוגנט פאַראַן איז גאַנצקייט — און זי ליכטיקט,
אין זכרון פון דעם ליכט די עלטער טריטלט זיך פאַרזיכטיק.

יוגנט איז צעברויזט, צעשויבערט און מיט טויזנט טעמ׳ען,
קומט עלטער אָנגעקראָכן — אין די ביינער סמ׳ען,
ס׳פּנים ווי אַ בלאַט פאַרוויאַנעט, אויגן — רינען,
און איבער קאָפּ די יאָרן קראַקען: ס׳האָט קיין זינען...

נאָר די יוגנט פלאַטערט איבער יאָרן לייכט און שפּיליק,
ווי אַ טייך אַ שפּרודלדיק־צעזונגענער אין פרילינג —
יוגנט מוטיק האַלט דאָס לעבן ביי די הערנער,
דערביי זיצן אַלטע לייט אויף קופּעס יאָרן, ווי אויף דערנער.

קינדערלעך

קינדערלעך קליינע,
קינדערלעך שיינע —
איר שפּילט זיך און טאַנצט,
איר שיינט און איר גלאַנצט.

איר לאַכט און איר זינגט,
איר טאַנצט און איר שפּרינגט,
איר זייט גליקלעך און רייך
ווייל די צייט געהערט אייך.

איר שטיפט און איר לאַכט,
איר טומלט און קראַכט,
און פאַרטאָן אין אַ שפּיל —
קענט איר זיין שטיל.

אייער וועלטל איז קליין,
אָבער ליכטיק און שיין.
אייער זאָרג איז דער היינט,
אייער טרערעלע — שיינט.

קינדער-גאָרטן

אַ ווייסע הייזקע און אַ דאַך —
דערביי אַ קינד שטייט און לאַכט,
און פון קוימען שפּאַרט אַ רויך,
ווי אַ שלאַנג — קריכט אינדערהויך.

פון אַ לאָקשנברעט — די טיר,
אין אַלע זייטן — פענצטער פיר,
אַ הייפּעלע אַ קליינס — קוק דאָרטן,
דאָס איז אַלץ דער קינדער־גאָרטן.

אין שטיבל, הייפל, אומעטום —
לויפן קינדערלעך אַרום,
שפּרינגען, טאַנצן, מאַכן קולות,
אויפן דאַך דאָס הענדל — פויל איז.

קריכן ייִנגלעך — מיט איין קלאַפּ
אויפן דאַך — דעם האָן אַ כאַפּ.
און זיי פרייען זיך און לאַכן
און טוען אָפּ נאָך שיינע זאַכן.

יוגנט

כאַפּ דיין טאָג אָן מיט כּוח, מיט גוואַלד,
ווייל שפּעט וועט ווערן אָט שוין באַלד,
צייט זיך אַ דריי טוט און פאַרפאָרט זיך —
צעמאָלט ס׳גאַנצע לעבן אויף שטויב און פאָרעך.

טאָ נעם גלייך, אין מזומן, דיין טאָג לעבן,
ווייל קיינער וועט אים אַנדערש דיר ניט געבן —
היינט פאַרברענג און טאַנץ און הוליע,
דער מאָרגן קען שוין זיין מכולה.

די עלטערע שוין ווייסן עס אויף זיכער,
אז צייט לויפט משוגע, ווי אַ וויכער,
און דערפאַר פרעסן זיי די פאַרדראָסן,
וואָס מ׳האָט אין דער יוגנט ניט גענאָסן.

אין יאָרן־שפּיגל

גיב איך נאָר אַ קוק אין יאָרן־שפּיגל,
זע איך אויף מײַן פּנים זייער זיגל:
פֿאַלבן, קנייטשעלעך אַ גאַנצע נעץ —
שפּורן פֿון קאַלט און וואַרעם, זון און נעץ.

אַט נעכטן־ערשט געוועזן יונג און שיין,
אַפילו פֿריש געוועזן איז דאָס געוויין,
נאָר די וואָר איז אַן פֿאַרשטעלעניש און האַרט —
דער יאָרן־שפּיגל האָט מיך ניט גענאַרט.

ער מאַכט קיין מינעס ניט קיין פֿרומע
און וועט קעגן דיר מיט זײַן אמת שטומען.
אַפילו זוכן וועסטו יונגשאַפֿט אין דער גאַנצער וועלט,
וועט דער יאָרן־שפּיגל קעגן דיר זײַן אָנגעשטעלט.

דו קענסט ניט נאַרן זיך מיט „אַמאָל געוועזן" —
דאָס איז דער זכרון, וואָס פֿאַרשטעלט צו זען,
און אויב אַפילו גיסט אַ שפּרונג, אַ טאַנץ,
דײַן יאָרן־שפּיגל ערלעך בלײַבט און גאַנץ.

ער רעפֿלעקטירט טריי דײַן לעבן, אים באַשײַנט,
ווײַזט דיר אין דײַן עכטן, וואָרהאַפֿטיקן הײַנט.
טאָ נעם דיווירקלעכקייט און ווײַטער שמיד —
ביז די יאָרן וועלן דיר שוין מאַכן מיד.

דורך אַ הויכן פענצטער

די גאַס איז אָנגעשטאָפּט מיט קלײנינקע אויטאָמאָבילן —
פּאַמעלעך זײ באַוועגן זיך, אין אַ רײ צונויפגעשפּאַרט,
ווי קינדער מיט וועגעלעך פאַרביקע וואָלטן זיך שפּילן —
און אײנער נאָכן אַנדערן זיך לאַנגזאַם שאַרט.

אַט בלײבט אַן אויטאָ שטײן בײם ברעג פון טראָטואַר —
גײט ארויס אַ מאַן און געמיטלעך טוט ער זיך אָוועקשפּאַצירן.
מיטאַמאָל אַלע אויטאָס, ווי אַ שלאַנג, טוען זיך אַ שפּאַר —
דער גרינער צײכן פון דער ענגשאַפט וויל זײ ארויספירן.

און דאָרטן אויף אַ וואַנט קריכט אַ מאַן, דער לײטער הויך —
ווי אין בלויען הימל וואָלטן אַלע שטאַפּלען פירן,
גיט מײן האַרץ פון שרעק אַ צאַפּל, און מײן הויך
פאַרציט די שויב — איך טו דעם קלעטערער פאַרלירן.

טוט מײן בליק אַ פלי נאָך אונטן: אַ קינד אין גאָרטן,
אין זיכערקײט ער שפּרינגט און לויפט דאָרט אומעט,
אַ פרוי אויף דער באַנק קוקט אים נאָך אַ פאַרזאָרגטע —
זי מוז אַ גוטע מאַמע זײן, טראַכט איך אין מײן אומעט.

און פײגעלעך פּיטשינקע פליען אום פון בוים צו בוים,
לאָזן זיך אויפן גראָז אַראָפּ, אזוי לײכט ווי אַ פעדער,
אויפן הימל שווימען וואָלקנדלעך, ווי גרויער שוים,
און אין דער ווײט בליען, אין מיניאַטור, די סעדער.

דער טאָג אַ בלוי־צעליכטיקטער, אין זון צעשטראַלט,
אין דער לופטן טראָגט זיך אַ פײגל־פּישטשערײ אַ שטילע.
און די גאַס — לאַנג און לײדיק ביז צום האָריזאָנט,
ווי דורך אַ כּישוף פאַרשוווּנדן זײנען אַלע אויטאָמאָבילן.

אַמאָל

מיט אַן אַלטן פֿרײַנד זיך אַנומלט געטראָפֿן
און דערמאָנט זיך די יאָרן וואָס זײַנען פֿאַרלאָפֿן,
און ס'האָט דער אַמאָל זיך אין יוגנט געשפּיגלט —
אויף צוריק האָט די צײַט זיך צעוויקלט.

זיך דערמאָנט עפּיזאָדן און קאָמישע זאַכן,
ניט איינמאָל אפֿילו געוואָלט האָט זיך לאַכן,
האָבן אָבער די יאָרן די ביטערע, שווערע,
געשטעמפּלט געזיכטער מיט ערנסט.

מיר האָבן דערמאָנט זיך די שול און די קינדער,
ווי מיר וואָלטן פֿון עבֿר געוואָרן דערפֿינדער —
פֿון לעבן דעם ווײַטן, דעם יונגן און פֿײַנעם —
פֿאַרגאַנגענע יאָרן זיך ווידער צעשײַנען.

אַלץ איז צעגלאַנצט אין אַ ליכטיקן רעמל
פֿון קינדערשע טעג — אַ שולבאַנק, אַ קרעמל,
די לערער, די היים, די העפֿטן און ביכער,
ווי לעבן געווען וואָלט אַן אייביקער זיכער.

זיצן מיר, ריידן, געדענקען, דערמאָנען,
רופֿן־אויף טויטע ביים קינדערשן נאָמען.
מיטאַמאָל ביים האַרצן עס טוט אזא קלעם:
אַוועק — און מיר וועלן עס קיינמאָל ניט זען.

בײדע — אַלט

כ׳האָב געהאַט אַ שאַק הײַנט בײַם דערזען מײַן רבין —
און אויפגעשוווּמען איז אַ לאַנג־פֿאַרגעסן לעבן:
מײַן רבי יונג געווען איז, מיט ברויז אין בלוט,
מיט טראָט אַ זיכערן, מיט שטאָלץ און מוט.

און אָט שטייט ער דאָ — אין דרײַען אײַנגעבויגן,
ווי דורך אַ שלײַער קוקן זײַנע מידע אויגן,
זײַן שטעקן טרײַסלט זיך אין דער שוואַכער האַנט,
אַ פֿאַרחלשטער ער שפּאַרט זיך אָן בײַ דער וואַנט.

האָט ער מיך ניט דערקענט — דער אַלטער מאַן,
נאָר אין געדאַנק איך טו צו אים אַ שפּאַן:
אָט בין איך שוין אויך געעלטערט, מ׳קען עס זען,
טאָ פֿאַרוואָס האָב איך עס גראָד אויף אים דערקענט?

גיט ער אַ טרײַסל זיך: „אוי ווײ, בײדע אַלטע לײַט...״
ווי ער וואָלט מײַן געדאַנק דערזען פֿון גאָר ווײַט.
„די יונגע יאָרן — אײַ, אײַ, אײַ...״ קוקט ער בלינד
און זײַנע ווערטער טראָגט אַוועק דער ווינט.

דערצייל מיר ניט...

דערצייל מיר ניט די געשיכטעס
פון „געווען איז אַמאָל..."
ס'קען קיינער ניט פאַרריכטן
וואָס די צייט האָט צעמאָלט.

די צוקונפט־זאַכן בעסער
דערצייל מיר שוין היינט,
ווי לעבן וועט זיין גרעסער
און די זון — קלאָר צעשיינט.

ווייל ניטאָ שוין דער „אַמאָל איז"
אין דעם טאָג וואָס פאַרגייט,
נאָר אַ נייער סוד דער מאָרגן איז,
וואָס ביי זיין שוועל איינער שטייט.

ווי אַ בלעטל וואָס ווייס איז
זיינען אַלע מאָרגנדיקע טעג,
טאָ דערצייל מיר ניט קיין מעשיות,
וואָס זיינען שוין אַוועק.

גאַנצע נעכט

גאַנצע נעכט ליג איך וואַך און צעשוידערט,
געדאַנקען זיך מישן אין שלאָפלאָזן קאָפּ,
און כ׳בין פאַרנומען מיט זיך אין א פּלוידער —
ס׳איז אַ מאָדנער דיאַלאָג אין גאַלאָפּ.

און ס׳יאָגן געדאַנקען אזוי ווי מאַשינען,
זיי הודזשען און מאַכן אינגאַנצן מיך דול,
קיין אָנהייב, קיין סוף כ׳קען ניט געפינען —
דער קאָפּ ווי אַ זאַק איז שוין פול.

געדאַנקען זיך וויקלען, איך בין פאַרנומען —
און ס׳האַלטן אלץ נייע געדאַנקען אין קומען —
ווי ס׳וואַלטן אין מוח פאַרקליבן זיך שפּינען,
זיי וועבן און וועבן — כ׳וועל אַרונטער פון זינען.

נעכטיקע טעג

פאַרגאַנגען שוין זיינען די נעכטיקע טעג,
מ׳קען זיי ניט פאַנגען — זיי זיינען פאַרמעקט,
מ׳קען זיי ניט זוכן — זיי זיינען צעאַשט,
אין זכרון זיי זיינען צעפּולווערט, פאַרבלאַסט.

די נעכטיקע טעג — ניט געפונען שוין מער,
ווי שטיינער אין וואַסער — פאַרזונקענע שווער,
אַלץ וואָס פאַרגאַנגען — איז ענדע, איז סוף,
ווי ניטאָ קיין צוריק איז פון אייביקן שלאָף.

און ניטאָ איז קיין שפּור שוין פון נעכטיקן לויב,
ס׳וואַלגערן נעכטיקע טעג זיך אין שטויב,
אַלץ איז פאַרשטומט, וואָס געווען איז געזאַנג,
ווערסט מער ניט געפינען אַ לעבעדיק קלאַנג.

ווערסט מער ניט געפינען דעם נעכטן אין היינט,
מעג ער מיט זוניקסטן גאָלד זיין צעשיינט.
דער נעכטן געשטאָרבן — פאַר מענטש אַ פאַרבאָט -
אַלע נעכטיקע טעג געהערן צו גאָט — —

דער שפּיגל פון יוגנט

מיין יוגנט כ'האָב לאַנג שוין פאַרלאָרן —
וועל זי מער ניט געפינען צוריק,
אויף מיין פּלייצע די עלטער — פאַרפראָרן,
כאָטש וואַרעם דער פונק אין מיין בליק.

איז אַ טרויער אין האַרצן באַהאַלטן,
ווי אין גראָזן זיך בריט־אויס אַ שלאַנג,
מיט איר אָטעם דעם פרירקן, קאַלטן,
דערשטיקט אין מיר יעדן פאַרלאַנג.

טאָ ווי זאָל איך אויסקוקן יונג,
אז מיט זיכערקייט דריקט מיך די פּיין:
צוריק קענסט ניט טאָן מער קיין שפּרונג,
און פאָרויס — קריכסט אין עלטער אריין.

מענטש מוז אין יוגנט פאַרגעסן
און ציען דעם פאָדעם פון צייט —
בין איך אין אַלטקייט פאַרזעסן,
און ווייס אז ניטאָ קיין פאַרבייט.

נאָר אַ קוק טאָן אין שפּיגל פון יוגנט,
אויב אַ פונק איז אין אויג נאָך פאַראַן,
ווייל ס'איז אי באַשערטקייט, אי טוגנט,
מיטן בליק כאָטש צו געבן אַ שפּאַן...

וועט מען מיך דערמאָנען

וועט מען מיך דערמאָנען
אָדער וועט ווער בענקען ?
ארויסזאָגן מיין נאָמען
אָדער מיך געדענקען ?

וועט מען מיך פאַרגעסן
און אָפּמעקן מיין זיין דאָ,
ווי קיינמאָל ניט געווען,
ווי קיינמאָל ניט געשיינט דאָ ?

און אפשר וועט אַמאָל
געבן ווער אַ טראַכט —
מיין נאָמען אויף אַ קול
דערמאָנען אין דער נאַכט ?

און אפשר וועט ווער קומען
אַ קוש טאָן מצבה־שטיין —
לייגן אַ בינטל בלומען,
אַ רגע בלייבן שטיין ?

קיינער איז ניט פאַרבליבן

איך שרייב פאַרזאָרגטע לידער, אומעטיק מיין האַרץ איז,
ווייל אין לעבן מיינעם פאַראַן אַ גרויסער ריס איז,
און געדאַנקען טרויעריקע טוען כסדר דריקן:
שוין קיינער ניטאָ דאָרט, וועמען אַ גרוס צו שיקן.

אַלע זיינען זיי אין גרויסן חורבן אומגעקומען,
מיטגענומען אַלע פיינען האָבן זיי אין קבר שטומען,
און כ׳קוק אין ווייטער פוסטקייט מיד, פאַרקלעמט,
און אַלץ ארום ווערט מיטאַמאָל איבעריק, אָפּגעפרעמדט.

אין ברוסט האָט דער טרויער זיך פאַרקליבן,
און די פיין — ווייל קיינער איז מיר ניט פאַרבליבן.
בערג הרוגים, קופּעס שטיינער, גרוז און ציגל —
פאַרברענט דאָרט איז מיין חלום מיט מיין וויגל.

ווערט מיין געזאַנג געמישט מיט בלוט און טרערן,
ווי קייטן פייערדיקע וואָלטן מיין געמיט באַשווערן,
אין ברוסט האָט דער טרויער זיך פאַרקליבן,
און די פיין — ווייל קיינער איז מיר ניט פאַרבליבן.

אַז קומען וועט דער טאָג...

אַז קומען וועט דער טאָג — איך וועל אַוועק...
זאָל עס פאַר קיינעם ניט זיין אַ טאָג פון שרעק.
ווי אַ קנויט ווערט, מענטש, דיין צייט אריינגעדרייט —
לעשסט זיך אויס און דיין ליכט פאַרגייט.

ביים געבוירן ווערט מען צום טויט שוין שקלאַפן,
ווי צוויי־וועלטיק וואָלט דער מענטש געווען באַשאַפן,
רודערט ער אַהין דורך אַלע העלע יאָרן — אין זייער שיין,
ביז אויף אייביק שלאָפט ער איין.

און ס׳ווערט זיין פלאַץ מיט ערד באַלד אויסגעגלייכט,
אַוועק אין דער וועלט וווּ ניטאָ קיין אָרעם און קיין רייך.
און יעדער גייט מיט דעמזעלבן אומדערקלערטן וועג,
איינגעשפּאַנט אין קייט פון אויסגעברענטע טעג.

אין אומעטיקע נעכט טראַכט דער מענטש דערפון,
נאָר אין די טעג — אין לעבן פאַריאָגט איז מען, פאַרטון.
דערווייל — אין זון, אין רעגן און אין יאָרן־בייט
ווערט אויסגעברענט מיין ביסל אָפּגעשפּאָרטע צייט.

פון יונג — אַלט

ביסט געווען שטאָלץ און שיין, ווי אַ פּרינצעסין,
דיין געזיכט געשטראַלט האָט ווי די זון,
מיט די אויגן האָבן דיך בחורים אויפגעגעסן,
נאָר דו האָסט זיך נישט געמאַכט דערפון.

קיין איינער ניט פון זיי איז דיר געפעלן,
דיין בליק דעם ליכטיקן זיי האָבן ניט גערייצט,
נאָר היינט קענסטו דיין הויט מער ניט פאַרשטעלן,
וואָס ווי אַ געלער פּאַרמעט איז צעקנייטשט.

האָסט געמיינט אַז אייביק וועט זיין צאַרטקייט
און ניטאָ קיין סוף צו זיין יונג,
נאָר יאָרן, ווי אַ פּרעס, מיט זייער האַרטקייט
פאַרהאַלטן האָבן דיין גראַציעזן שווונג.

שלאַנק געווען איז דיין פיגור, דין ווי אַ סאָסנע,
און אויגן — צוויי קוואַלן ליכטיקע מיט בלוי,
נאָר היינט איז דיין גוף ווייך, צעגאָסן,
דיינע בליקן — פאַראומערטע, פאַרטרערטע, גרוי.

דיינע האָר געווען — אַ וואַסערפאַל אַ בלאָנדער,
און דיינע הענט ווי שוואַנען צוויי — צעבלענדט,
היינט איז דיין קאָפּ אַן אַשיקער געפלאָנטער,
ווייל די יוגנט קרעפטיקע איז שוין פאַרשווענדט.

האָסט געמיינט, אַז אייביק וועסטו בליען,
ווי רויזן פינקלען וועט אויף באַקן דיר דער חן,
נאָר די עלטער, ווי אַ שלאַנג האָט זיך געטאָן אויסבריען,
און יוגנט איז פאַרוועלקט, און דו — אליין.

עלטער

דורך עלטער — מיט לאַנגע יאָרן געבענטשט,
ווערט פאַרלאָרן דער כוח וואָס שפּרודלט אין מענטש,
ווי אַ הייפּעלע אַש ברענט אויס אים זיין גלוט,
און פאַרלאָשן עס ווערט זיין ווילן, זיין מוט.

די עלטער האָט אים צו דער ערד צוגעבויגן
און פאַרפינצטערט די שיין אין די אויגן,
ביי יעטווידן טריטל אָטעמט ער שווער
און ס׳פּעקעלע יאָרן ווערט אים אַ שטער.

די יוגנט פאַרשניטן מיט יאָר־שאַרפן שווערד
און פּנים צעאַקערט מיט קנייטשן, ווי ערד,
זיין חן איז צעריבן — אַ הייפּל מיט אַש,
ס׳פאַרלאָשענע האַרץ, ווי אַ שערבל באַלד פּלאַצט.

אַ מאַסקע אַ גרויע קוקט אויס זיין געזיכט,
אָט צאַנקט ער און לעשט זיך, אַזוי ווי אַ ליכט.
פאַרטונקלט, פאַרצויגן ווערט זיין אַמאָל
און וואַקלדיק נידערט זיין טראָט אינעם טאָל.

ווי אונטערגעהאַקט פונעם שניטער — אַ זאַנג,
פאַלט ער אין מיט פון זיין קריכעדיק גאַנג,
און עס שווינדלען די יאָרן איבער זיין קאָפּ —
ס׳ווערט שוין פאַרענדיקט זיין לעבן־גאַלאָפּ.

שלעפּט אים צום גרונט, וואָס רופט זיך: דער סוף —
דאָרטן איז אייביקער, ערדישער שלאָף.
נאָר איבער דעם טרויער פון לעצטן פאַרגאַנג
זינגט ווידער די יוגנט איר אייביק געזאַנג.

ליידן

יעדער מענטש מיט זיינע ליידן —
מ׳קען דעם גורל ניט אויסמיידן,
ווייל ס׳איז אַ טייל פון לעבן —
מיט יסורים זיך פאַרוועבן.

און אז אין גוף עס נעמען שפּראַצן
שמערצן, ווייטיקן, פאַרדראָסן —
ווערט דער געדאַנק מיט דעם באַשעפטיקט —
יאָגט ארויס פון מענטש די קרעפטן.

און מענטש אַ בינטל נערוון ווערט,
ענג ווערט אים די גאַנצע ערד,
שווער פאַלט אים די לאַסט פון ליידן,
ווי שטיקער וואָלט מען פון אים שניידן.

און דאָס לעבן זיך פאַרשעלט מען,
פאַר דער צייט ווערט מען פאַרעלטערט,
מ׳קען אליין זיך ניט פאַרטראָגן,
אָן ליכט עס קומען די פאַרטאָגן.

נאָר ס׳לייגט אריין דער מענטש זיין כוח
אין די גרעסטע ליידן אויך,
דאַן דאָס לעבן ווערט אַ ציל אים
פון ווידערשטאַנד און שטאַרקן ווילן.

צו עפּעס שענערס קענען שטרעבן
און גרינגער מאַכן זיך דאָס לעבן,
עס פאַרלייכטערט גאָר די ליידן,
וואָס מ׳קען פון פריידן ניט אָפּשיידן.

דער איינזאַמער

אין אַ שטאָטישן גאָרטן אויף אַ באַנק, אָנגעשפּאַרט קוים,
אַ מאַן איז געזעסן, ס'האָט אים קיינזאַכניט געאַרט שוין.
אין זיין האַלב־בלינדן בליק, אין די אויגן פֿאַרנעצטע,
די זון האָט געזעצט זיך מיט שטראַלן, מיט לעצטע.

האָט זיך די שקיעה אויף זיין פּנים געצונדן,
אין אויגן — צוויי פֿלאַמיקע, גליאיקע ווונדן,
נאָר אין קאָפּ — ווי אַ בערגל אַ שנייאיק־פֿאַרווייסטער —
האָט זיך געפּלאָנטערט זיין אייגענע מעשה:

די יוגנט געוועזן איז אַ שטראָמיקער וואַסער —
אין לענדער אין פֿרעמדע, אין שטעט און אויף גאַסן,
געהוליעט, געטאַנצט און פֿאַרשווענדט אַ פֿאַרמעגן —
אַ נאַכט דורכגעשלאָפֿן און באַלד זיך געזעגנט.

שאַמפּאַניער און בעלער — אַן אייביקער פֿרילינג,
און פֿרויען געליבטע — אי טייער, אי ביליג —
געוועזן אייפֿערזיכטיק אויף ליכטיקע שיינע,
נאָר פֿאַר זיך צוגעקליבן האָט ער נישט איינע.

האָבן זאַפּט פֿון די ביינער געצויגן די יאָרן —
און איצטער אַ חורבה פֿון אים איז געוואָרן.
שטורעמט זיין האַרץ קעגן זיך און זיין פֿירונג:
אַמאָל האָט ער פֿרויען פֿאַרוואָרפֿן מיט צירונג,

נאָר ניט איינע פֿון אַלע די דעמאָלט פֿאַרטרויטע,
איז ניט געקומען אַנטקעגן אין נויט אים...
און ס'טוט אים אין האַרצן דער חלף אַ שניט,
אין שקיעה דער לעצטער — זיין קאָפּ איצטער גליט.

אַ שמועס וועגן אַ קראַנקן

הערט זיך צו, מיינע פריינד, העלפן וועט שוין גאָרניט,
די יסורים וואַקסן גרויס און אָפּהאַקן ס׳לעבן מ׳טאָר ניט.
ס׳וועט אַ דאָקטער אויך ניט העלפן און אומזיסט אַלע רייד,
איז בעסער, חלילה, קיין וואַרט ניט, ווי ס׳וועט פאַלן באַשייד.

אַזוי איז באַשערט, זאָל די הענט אומגעוואַשן ניט שטראָפן,
נאָר אפשר וועט פּאַסירן אַ נס — מוז מען אַלץ וואַרטן און האָפן,
מיר ווייסן ער ליידט, זיינע יסורים איז שווער צו דערטראָגן,
נאָר וואָס וועט שוין העלפן, שוועסטערל, דיין יאָמערן, קלאָגן ?

טו נאָר אַ טראַכט : מ׳קען קיין זאַך שוין ניט טאָן מער,
און טאָמער יאָ — זאָל ניט זיין גאָר אַ זאַך אַ פאַרקערטע.
דיין ברודער איז ער, נאָר ער האָט דאָך זיין אייגן משפחה,
זע ווי זיין ווייב איז אויס מענטש, נעבעך אַזוי צעבראָכן.

זיינע אויגן קוקן איר אָן שאַרף — קען זי די יסורים פילן,
זיצט זי גאַנצע נעכט מיט אויגן פאַרפינצטערטע, דולע.
אפילו די קינדערלעך זיינען שוין מיט טרערעלעך זאַטע :
זיצן און קוקן פאַרקלעמט, ווי געליימט ס׳ליגט דער טאַטע.

די משפחה וואָלט איר גליק אים אינגאַנצן אָפּגעגעבן,
ווען גאָט דערבאַרעמט זיך און וועקט אים אויף צום לעבן.
און אויב דיין ברודער וועט שוין איינשלאָפן אויף אייביק,
נעם די קינדערלעך און מיט גוטסקייט זיי באַגלייביק.

און זאָל זיי וואַרעם זיין אין דיין הויז דעם זאַטן,
ווייל עלנט זיי וועלן זיין אָן זייער גוטן טאַטן.
און די מאַמע קראַנק איז אויך — אַ קללה איז אין הויז,
אַלץ גייט דאָ פאַרקערט און קיין צרות פעלט ניט אויס.

דאָס לעבן

דאָס לעבן קען ווערן געיאָג,
דאָס לעבן קען ווערן געפּלאָג,
קען ווערן אויף דיר באַלעבאָס —
מאַכן דיך לײַדן, פאַרדראָס.

די פיס וועלן פון זיך אליין
ניט אַ הייב טאָן, אין ערגעץ ניט גיין,
אויב לעבן ווערט דיין באַפעלער —
ער וועט דיך שוין מאַטערן, קוועלן.

אומזיסט וועלן זיין אַלע טענות,
אויב לעבן דיר זאָגט : אַזוי מוז זיין עס !
נאָר אליין הייב אָן אַ ניי וואַנדער
און זאָג זיך : עס מוז ווערן אַנדערש !

און ווער דו באַלעבאָס אויף דיין לעבן,
פּרווו שכל אין אים ארייַנגעבן,
נאָר אויב עס קומט אַרויס שלעכט,
איז אייגענער טעות גערעכט.

ניט איינמאָל שכל פאַרקערט איז,
ס׳איז אויך ווי דאָס לעבן באַשערט איז —
און ס׳איז ליב יעדע זאַך וואָס איז אייגן —
אויב געלינגען זי וועט, צי ניט טויגן.

און זיין האַר אויפן אייגענעם לעבן,
מיט געדאַנק און מיט שכל, מיט שטרעבן —
אים פירן, געשטאַלטיקן, שמידן
און מיט אַלץ וואָס ער ברענגט זיין צופרידן.

די וועלט יאָגט

אַלץ לויפט,
אַלץ פליט,
מען קויפט,
מען גיט,
מען יאָגט,
מען נעמט —
מען פלאָגט זיך דאָ
און אין דער פרעמד.

שעה נאָך שעה —
ס׳גאַנצע לעבן
איין געלאַף —
ווער מיט שטרעבן,
ווער עס שאַפט.
ווער עס פאַרווילט
זיך אָן אַ זין,
און ווער עס אײלט —
וווהין? וווהין?
מען כאַפט,
מ׳לויפט אַהין, אַהער,
מען טאַפּט ביי יענעם אָן דעם דופק,
נאָר מיטאַמאָל פאַלט עס שווער
דאָס צעווילדעוועטע לויפן.

טאָ זײַ אַ בריה
שטעל זיך אָפּ,
ווייל גיסטו זיך אַ קער דאָ
פליסטו שוין קאָפּ אַראָפּ...
טאָ לויף זשע ווייטער,
יאָג זיך, בלאָז,
פאַר אַ צווייטן
גאָרניט לאָז —
ניט זײַ קיין שוטה,
ניט קיין פערד,
די גאַנצע וועלט
דיר געהערט —
די וועלט — די צעדרייטע —
איז טו וואָס דיר געפעלט.

טאָ לויף זשע גיכער,
כאַפּ צוזאַמען —
און מאַך זיכער —
נאָר ניט פאַרזאַמען —
אַלע זאַכן
נאָר פאַר דיר —
די וועלט מעג וויינען,
דו דאַרפסט לאַכן —
טאָ בייס זיך איין
מיט האַרטע ציינער,
און די הענט זיך נאָר צעפיר,
רייס אַריין זיך
אין דעם מאַרק
רייטנדיק אויף יענעמס קאַרק.
מעג זײַן טייער,
מעג זײַן ביליג,
ווי אַ פייער —
רויב, פאַרטיליק.

און לויף פאַרביי די שטערן־קוקער,
דאָרט אין ווינקל דעם פאַררוקטן,
די, וואָס אויף איין אָרט שטייען
גאַנצע טעג —
זיי קענען ניט פאַרנייען
אַ קאַץ דעם עק.
זיי הרגענען די צייט
מיט פלאַפלען —
לויף פון זיי דריי מײַלן ווייט —
זיי טראָגן חלום אין די אַפּלען,
זיי טוען נאָר גוטע זאַכן,
די וועלט זיי ווילן איבערמאַכן
און זייער איינציקער באַגער:
יעדער האָבן זאָל וואָס מער...

געפינסט בטלנים אומעטום —
טאָ העלף זיי ניט —
לויף צען מייל ארום,
ווייל אין לויפן ביסט געניט.
טאָמער לאָזטו זיך אריין
מיט די טראַכטער, מיט די דענקער —
קענסטו גלייך זיכער זיין
זיי וועלן דיר דעם קאָפּ פאַרוויינען.
זיי וועלן דיר צום טויט פאַרנודיען
און פאַר דיין לויפן זיין אַ שטער נאָר.
טאָ מאַך אָן זיי די גרויסע סעודה,
כאַפּ דאָס לעבן פאַר די הערנער,
האַלט אים צו שטאַרק און פעסט,
פרעס און זויף —
ניט אַ קלער גאָר —
און אַלץ ווייטער לויף
ביז דו ווערסט צעזעצט...

אויף אַ קונסט־אויסשטעלונג

אויף דער אויסשטעלונג פיל בילדער — וואַנט קעגן וואַנט.
דער מאָלער זיצט פאַרטראַכט, אומבאַוועגלעך, געשפּאַנט
ווי ער וואָלט אליין זיין א לעבעדיקע מאָלעריי,
און די באַזוכער ציען ווי אין אַ דעפּיליאַדע פאַרביי.

מיט זיינע מחשבות איז ער אָפּגעזונדערט, אליין,
נאָר דערהערט עמעץ וואַרפט צו אַ לויב: זייער שיין!
דערמאָנט ער זיך: ניט איינמאָל טוט זיך אים פאַרוועלן
פאַרברענען, צערייסן, צעשניידן אַלע געמעלן.

ס'איז אַן אויסדוכטעניש, ס'קוקט אים נאָר אויס,
אז ער מאַכט דורך מאָלן די קליינע זאַכן גרויס.
אָבער איצט, ווען ער הערט אז די פאַרבן געפעלן —
טוט אין אים די פרייד פון זיין שאַפן אָנקוועלן.

איצט זעט ער, אז אויך אין אַ לייוונטל קליין
קען דאָס אויג דערזען וואָס גרויס איז און שיין.
אויך מיר געפעלן די קאָלירן, דער סקעטש מיטן בליייער,
נאָר ס'איז פאַר מיר דער פּרייז אַ ביסל צו טייער.

פאַרדריסט מיך וואָס ניטאָ קיין קויפער, קיין צאָלער,
גיי איך צו און באַגריס מיט אַ שמייכל דעם מאָלער.
איך לויב זיינע בילדער, זיין גרויסן טאַלאַנט.
„מ'דאַרף אָבער לעבן...‟ גיט ער אַ מאַך מיט דער האַנט.

און ער לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ פאַרזאָרגט און פאַרקלערט,
פיל איך ווי אים איז זיין לעבן פאַרשווערט,
נאָר מיטאַמאָל שיינט־אויף זיין בלייך געזיכט,
ווי אים וואָלט פאַרגאָסן אַ מיסטיש־הימלישע ליכט.

און פון זיין מאַטן פּנים טוט זיך ס׳ליכט אָפּשלאָגן —
לויכטן־אויף אַלע בילדער, ווי זוניקע פאַרטאָגן.
אָט — דער בעטלער, אָנגעשפּאַרט אָן דער שטיינערנער וואַנט,
ווי אַ בונט שטראַלן ליכטיקט זיין אויסגעשטרעקטע האַנט.

און די שטריכן פון זיין פּנים, ווי אין אַ געוויין,
קוקן אויס אַזוי הערלעך, אַזוי יום־טובדיק, שיין;
און דאָס קינד — פון אַ פרישׁ ברויטל ערשט אָפּגעריסן —
האַלט נאָך אין זיין הענטל דעם סאַמע לעצטן ביסן;

און אָט שטייט פאַרצרהט, אין דרייען געבויגן,
אַ פרוי מיט פינצטער־אויסגעשטאַרטשעטע אויגן,
נאָר פון אַ ווינקל פאַלן אויף איר זוניקע שטראַלן
און שפּיגלען דעם אָרום, ווי פאַרביקע קוואַלן.

פונקט ווי לעבעדיקע — פון גאָרטן ערשט געקומען —
די אַלע שטיללעבנס און די אַלע בלומען,
די קאַץ מיטן הונט — אַזוי שטיל, זייט ביי זייט.
און אַלע פאַרבן זיינען געמישט מיט דער אייביקער צייט.

שוואַרצע טעג

שוין ווידער קומען אָן די שווערע טעג,
שלעפּן זיך דיר נאָך, ווי קאָדערדיקע זעק —
אַזוי טראָגנדיק דעם פּרנסה־האַרטן יאָך,
מיט זוכעניש, לויפעניש, וויי און בראָך.

ווערט דאָס לעבן גאָלע פּיין און מאַטער,
אין אַרבעט נישטערן ווערט דער טאָג צעפּטרט,
און דאָס האַרץ — מיד פון אומרו, זאָרגן,
און אויפן קאַרק ליגט די לאַסט פון מאָרגן.

די דאגות אָן אַן אויפהער יאָגן, שעה נאָך שעה,
און אין מאַרך פּיקט פון זאָרג די שוואַרצע קראָ,
ווערט דער טאָג לאַנג, אָנגעפּילט מיט קלאָגן,
און פּוסט אין האַרצן איז, ווי ליידיק ס'איז אין מאָגן.

דער דלות יאָגט דיך פאַרטאָג אין גאַס אַרויס,
אין אָוונט נעמט דיך־אויף אַ פינצטערע — דיין הויז,
אין האַרצן איז דיין צער — אַ העליש בראַנד,
און עס פּייניקט דיך אַ ווייטיק, די עלנט און די שאַנד.

הענט

הענט קענען אַרבעטן און שאַפן, וווּנדער טאָן,
איבערמאַכן די וועלט אויף אַ נײַעם פאַסאָן,
זיי קענען שטריקן, נייען, קאָכן, באַקן,
און אויך די וועלט חרוב מאַכן, זי צעהאַקן.

הענט קענען אַקערן, זייען, פלאַנצן, שניידן,
קריגן זיך, אויך אַלדאָס שלעכטס פאַרמיידן;
אין הענט פאַרבאָרגן איז אַ לעבעדיקע קראַפט —
געבענטשט זאָל זײַן יעדע האַנט וואָס שאַפט.

געבענטשט זאָל זײַן די האַנט וואָס וואַשט,
וואָס שרײַבט און צייכנט, עסט און נאַשט,
וואָס גיט אַ קראַנקן קוויקונג אין זײַן מויל,
און די — וואָס ברענגט אין קעלט אַ הייסע קויל.

הענט וואָס בויען שיפן, עראָפּלאַנען און מאַשינען —
מיט אַזעלכע הענט קען מען מענטשלעך גליק געווינען,
כדי די וועלט זאָל לײַכטער לעבן און געניסן
מיט הענט פון חכמה, שלום און פון וויסן.

ווי טוט מען זאַכן

צו טאָן זאַכן ריכטיק איז גאָר א גרויסע זאַך —
תמיד דאַרף מען לערנען און פאַרשטיין אַ סך :
ווי מען טראַכט, ווי מען רעדט, ווי מ׳הייבט אָן,
ווי מ׳רעכנט אויס און ווי מ׳שטעלט אין קאָן.

יעדע זאַך דאַרף זיין מיט שכל איינגעשטעלט,
אויב דיין חשבון מאַכסט ניט ריכטיק — פעלט.
און ווער ס׳וויל ניט איינרייסן — פאַרבייגט.
מ׳געפינט — אַז מ׳האָט אויף אַן אָרט אוועקגעלייגט.

טוט מען — דאַרף מען וויסן ווי און ווען און וואָס,
אַלץ מוז פּינקטלעך זיין, ווערטער — מיט אַ מאָס.
מ׳טאָר ניט וועלן אַלץ ארייננכאַפּן מיטאַמאָל
און אויך ניט איבערכאַפּן אין וועלעניש די צאָל.

אַז מ׳בויט מוז מען מאַכן פריער געגוי אַ פּלאַן :
אויף וויפל כוחות וועלן סטייען, און געלט — פאַראַן.
און אַז מ׳פירט אַ געשעפט מוז זיין גוט אויפגעפּאַסט :
געגוג סחורה אין קראָם, און מענטשן — אין גאַס.

און ביי אַן אַרבעטער מוז זיין אַלץ איינגעשטעלט,
אַז קיין איינציקער אינסטרומענט אים ניט פעלט
און ער זאָל ניט דאַרפן נישטערן, זוכן נאָכאַנאַנד —
יעדע זאַך און מכשיר דאַרף זיין צו דער האַנט.

קיין זאַך ניט לייג אַוועק סתם אזוי זיך דאָרט,
נאָר אַלץ מוז ליגן אין אַ סדר אויף זיין אָרט.
און דעמאָלט אַלץ געלינגט ווי מע פּלאַנט און וויל —
געראָטן, שיין און מיט מזל־ברכה זייער פיל.

מאַמע נוטהאַרץ

א.

אין איר האַרץ האָט עפּעס אומגעאָנטס געטאָן אַ רוף,
איז זי ארויס אין רעגנדיקן אָוונט אַן אַטעם טאָן די לופט
און דערהערט האָט זי אַ זיפץ, אַ שטיל געוויין,
ווי עמעץ וואָלט אין ווינקל טונקעלן גערעדט צו זיך אַליין.
צוגעגאַנגען איז זי לייכט, מיט שטילע טריט,
האָבן גליאיק־שוואַרצע אויגן זי אָפּגעבריט,
און ווי געפאַנגען פון דעם פייער פון די אויגן
האָט זי זיך אַ דערשראָקענע צו דער ערד אַראָפּגעבויגן:
אויף דעם נאַסן ברוק איז געלעגן אַ פרוי מיט אַ קינד.

אַרום איז קיינער ניט געווען, די גאַס — לאַנג און בלינד.
פון גאַסנלאָמפּ עלעקטרישן איז אַ שטראַלכל דאָ פאַרפלויגן
און זי האָט געזען: ס׳קינד האָט זיין פינגערל געזויגן.
האָט די צוגעקומענע געזאָגט: „ליבע פרוי, שטעלט אייך אויף
„און איר וועט מיט אייער קינד צו מיר אין שטוב ארויף.
„איך זע, איר זייט קאַלט און הונגעריק און נאַס,
„וועל איך אייך ניט לאָזן הפקר אויף דער גאַס.
„מיר וועלן טיילן זיך מיט אַלץ, וואָס איך האָב אין הויז...״
און אָפּגעהאַקט, ווייל טרערן האָבן אין איר האַרץ געברויזט:
„איך וועל אייך ניט לאָזן מיטן קינד דאָ לענגער בלייבן!״
און זי האָט אָנגעהויבן צואיילן די פרוי, זי אונטערטרייבן.

ב.

און אַט זיינען זיי אין וואַרעמקייט פון שטוב אריין.
דאָ פלייצט מיט געמיטלעכקייט, מיט היימישקייט, מיט שיין.
בלייבט שטיין די פרוי מיטן קינד ביי דער טיר פאַרשעמט,
נאָר די באַלעבאָסטע לויפט און זוכט ארויס אַ טרוקן העמד,
העלפט אומבייטן די נאַסע שמאַטעס און רעדט גוטע רייד —
ס׳פּנימל פון קינד שמייכלט, זיין קול קלינגט־אויף מיט פרייד.
נאָר די מאַמע טענהט אַלץ נאָך, ווי ביטער איז איר וועלט,
ווי פון דער דירה האָט מען זי ארויסגעשטעלט —
האָט זי קיין אָרט ניט געפונען און באַשלאָסן: מיטן קינד אליין,
וועלן זיי אין קעלט און רעגן—ביז דער מאָרגן קומט—פאַרגיין.
און מיטאַמאָל אזא גוט האַרץ, אַ נס פון הימל, אַ מלאך געוויס!
און זי דאַנקט מיט הייסע ליפּן, פאַלט איר צו די פיס.

דערווייל האָט זי געגרייט דאָס עסן, פאַרן קינד אַ ביסל מילך.
מאַמע זאָגט: זי קען ניט... נאָר ס׳קינד שוין זיך שפּילט.
כאַפּט זי דאָס קינד און לויפט מיט שוואַכע טריט,
נאָר די באַלעבאָסטע לאָזט ניט, האַלט צו די טיר:
„ניין, איר וועט אין גאַס אין פינצטערער פון דאַנען ניט ארויס,
„ווייל ס׳איז מיין הויז פאַר אַלע דריי באַקוועם געגנוג און גרויס״.
שטרעקט זי אויס אַ האַנט אַ וואַרעמע, נעמט דאָס קינד אַוועק
און ווי מיט זון שיינט־אויף די שטוב, מיט ליכטיקייט באַדעקט.

ג.

יאָרן גייען. דער סוד אין הערצער פאַרבליבן איז געהיים,
אַ וואַרעמע, אַ פריילעכע געווען איז זייער היים.
ס׳קינד געוואַקסן איז אין ווילטאָג, געווען איז פאַר אים אַלץ,
געהאַט מאַמעס צווייטן — וואָס האָבן זיך געקושט, געהאַלדזט.
און די מאַמעס ביידע פלעגן שטענדיק תפילה טאָן
און דאַנקען גאָט פאַר דעם נס, וואָס ער האָט זיי געטאָן.
איז די ליבשאַפט פון די דריי זיך צעוואַקסן אזוי גרויס,
אז ווי די זון האָט דאָס גליק געשיינט אין זייער הויז.
עס האָט זיך דאָרט געשפרייט געלעכטער און אַזויפיל גוטס :
דאָס קינד ארומגעגאַנגען איז ווי אַ פרינץ פאַרפוצט,
ווי מיט אַן אוצר האָט מען זיך מיט אים געפרייט —
און יאָרן האָבן זיך, ווי אַ קאַרוסעל אַ גאָלדענער, געדרייט.
נאָר ווען אַ רעגן קומען פלעגט מיט קעלט און שטראָם,
האָט עס דער מאַמען דעם אָוונט פון זייער פיין דערמאָנט —
יענע נאַכט — אין הונגער און אין נויט,
ווען זי האָט געבעטן פאַר זיך און קינד אַ גיכן טויט.
פלעגט זי אָבער יעדער מאָל זען ווידער אויפשיינען איר גליק,
אין געשטאַלט פון דער פרוי — פון הימל צו זיי צוגעשיקט.

קיינמאָל האָט זי איר נאָמען ניט געוווסט, ניט געפרעגט —
נאָר מאַמע גוטהאַרץ איר גערופן פאַר אַלע יאָרן, אַלע טעג.

אַ מאַמעס האַרץ

א.

מיט ציטערניש די מאַמע האָט געפרעגט:
„מיין קינד, וווּ גייסטו איצט אַוועק?
„כ׳וועל דאָך בענקען — מיין האַרץ שפּיר
„און בלייב, מיין קינד, דאָ לעבן מיר.

„איינזאַם בין איך, עלנט און אליין —
„מיין האַרץ איז שווער און מיט געוויין,
„מיינע טעג פאַרפולט מיט קומער,
„און מיינע נעכט — וויסט, פאַראומערט.

„נאָר אויב באַשליסט איצט אַז דו גייסט,
„טאָ לאָז מיר כאָטש אַ טראָפּן טרייסט,
„אַז דו וועסט מיין האַרץ דערקוויקן —
„אַ בריוועלע דער מאַמען שיקן...

„טרויעריק מיין לעבן איז —
„פליק אויף פליק און ריס אויף ריס.
„נאָר כ׳ווייס — עפּעס גרויס דיך טרייבט
און איבעריק דאָס וואָרט פאַרבלייב״.

מאַמעס ליפּן שטום, פאַרקראַמפּט,
נאָר אין איר זון געברויזט האָט קאַמף,
האָט ער אַוועקגעיאָגט — אַ שטורעם —
און פאַרווישט נאָך זיך די שפּורן.

צאַפּלט מאַמעס האַרץ מיט שרעק
פאַר איר קינד, וואָס איז אַוועק,
נאָך מער דערפילט דאָס זיין אליין,
ווי די נאַכט געוואָרן איר געוויין.

ב.

און יאָרן לאַנג איז זי געזעסן —
אַ רגע ניט געקענט איר קינד פאַרגעסן,
זי האָט געהאָפט, געבענקט, געוואַרט —
מיט האַרצווייטיק פאַרדעקט איר צער.

האָט איר געגריזשעט שטילער ווי:
צי לעבט מײַן קינד נאָך, איין גאָט ווייס?
צי האָט ער כאָטש אַ שטיקל ברויט
און וווּ צו שלאָפן אין זיין נויט?

און ווען איר האַרץ געוועזן איז לינדער,
האָט זי געטראַכט: אפשר אַ פרוי מיט קינדער
האָט ער — איז פאַרנומען מיט פרנסה?
אַ מאַמע וואַרטן קען, נישקשה...

און זי שטילערהייט, ווי געמאָנט האָט:
אַ בריוועלע כאָטש שרייב מיר אָנעט.
צו זיך אליין גערעדט אין קישן
און מיט אַ טרער האָט זי פאַרביסן.

יאָרן אַלץ געהאָפט און אַלץ געוואַרט —
אומזיסט אליין זיך אָפּגענאַרט,
ביז מיט אויגן בלינדע שוין, און רויט,
געבעטן האָט זי אויף זיך דעם טויט:

נאָר איידער, גאָט, דו נעמסט מיר צו,
גיב מיר בלויז איין איינציק רגע רו —
מײַן וווּנד אין האַרצן מיר פאַרבינד:
צום לעצטן מאָל ווייז מיר מײַן קינד.

אַ שריפה

עס האָט אַ גאַנצע גאַס פון ברעג צו ברעג געברענט
און יעדער האָט געראַטעוועט, וואָס ער האָט געקענט,
אין דעם גרויסן פלאַם פון פאַרצערנדיקן פייער
איז איצט יעדע זאַך געווען טאָפּל טייער.

ס׳פייער אַלץ געשלונגען האָט, ווי אין אַ געוועט,
אַ קול גערופן האָט: ס׳ווערט צו שפּעט —
ראַטעוועט! האָט שרעק־געשריי אַלץ ארומגעוויקלט,
אין אויגן קינדערשע האָט ס׳פייער זיך געשפּיגלט.

אַלץ גיך ווערט פאַרצערט, ניט בלייבן וועט אַ רעשט,
דאָס פייער ווי אַ הונגעריקער גזלן אַלץ צעפרעסט,
צולעצט געבליבן איז אַ קוימען, ציגל, ברוכוואַרג, אַש,
און מיט אימה האָט געפּוסטעוועט די טויטע גאַס.

חלום אין שלום

אויב אַ מלחמה זאָל אויסברעכן היינט,
אַ שלאַכט אַ צעברענטע מיט פינצטערע פיינט —
איז גוט אז דער מוח זאָל געבן אַ קלער,
ווי גרויס עס וועט זיין דער אומקום, צעשטער.

פּאַראַליזירט ווערט דאָס לעבן גאַנץ און אויף גיך —
אַ מאַנגל אין ברויט, אין קליידונג, אין שיך.
און טויט איז צעיאָגט מיט באָמבעס, וואָס קנאַלן,
עס פלאַקערן שטעט און די וועלט ווערט צעפאַלן.

און ס׳וואַקסט אויס דער הונגער, די פּיין און די נויט,
עראָפּלאַנען עס פליען און זייען מיט טויט,
מענטשן עס פאַלן, ווי זאַנגען אין פעלד —
און ס׳האָט אַזאַ פּנים אַ שיינעם די וועלט.

נאָר ווי לאַנג ס׳וועט זיך שלאָגן דער אָרעמער מענטש,
וועט די וועלט מער ניט זיין מיט פריידן געבענטשט —
דעריבער פאַראייביקן דאַרף ער — און באַלד,
דעם חלום פון שלום, וואָס איז אזוי אַלט.

אַ צייט וועט קומען

ווידער קומט אַ צייט — ווי אַ שלעכטע בשורה — נעענטער,
און איבער ערד וועט זיך טראָגן פון אומקום אַ גרוס —
די וועלט אין רישעות וועט זיין איבערן קאָפּ פאַרפּלאָנטערט
און מענטש וועט איבערזעטיקט זיין מיט זאָרגן, מיט פּאַרדרוס.

מלחמות שפּרייטן וועלן זיך איבער גאַנצענער יבשה
און גזירות שיטן וועלן זיך איבער קינד און קייט,
ווי אַ שטורעם וועט פאַרצווייפלונג אין די הערצער בלאָזן,
און יעדער צוזען וועט, ווי זיין גליק פאַרגייט.

יונגע קינדער וועט מען פון טאַטע־מאַמע אָוועקרייבן
און הערצער זייערע פאַרוואַנדלען אין בלוט און פּיין,
אין שטעט מיט אַ שוואַרצן אומעט וועלן גלאָצן אַלע שויבן
און די אַלטע ליבשאַפט וועט קיינמאָל מערניט זיין.

און יוגנט וועט ארויס אין מאַרש צום גרויסן שלאַכט,
געהאָרכיקע זיך שלאָגן פאַר עפּעס וואָס איז פרעמד זיי —
אין טראַנשייען זיך וואַלגערן אין חושכדיקער נאַכט
און מ׳וועט האַלטן אין אַ פויסט אַ שטאָליקן פאַרקלעמט זיי.

וועלן לעבעדיקע מקנא זיין די, וואָס זיינען שוין פאַרלאָרן,
און פון שלאַכטפעלדער וועט אָנפליִיצן די גרויסע שרעק:
בחורים אָן פיס, קינדער מיט טויטע אויגן און אָן אָרעמס,
וועלן מיט פינצטערניש פאַרגיסן אַלע זוניק־העלע טעג.

און משפּחות וועלן נאָכגיין דער פּראָצעסיע פון לוויות,
מיט טרויער אייביקן אין זייער פינצטער־אויסגעלאָשן בליק.
מ׳וועט דערמאָנען פירער, וואָס האָבן געבושעוועט ווי חיות,
אַז די ערד פאַר זייער פאָלק ווערט ענג, מ׳ווערט דערשטיקט.

זיינען זיי ארויסגעריטן אויף דעם נאַציאָנאַלן פערד פון האָס
און איבער אַלע מערק האָט מען טרומייטערט די ישועה
ביז געשטורעמט האָט מיט כוואַליעס פינצטערניש די גאַס —
און דאָס פאָלק ניט געגעסן האָט, ניט געוווסט פון רוען.

און מ׳האָט גלייך צעפּויקט די נייעס וועגן גרויסע זיגן,
בעת אליין געזעסן איז מען אין אונטערערדישע פּאַלאַצן,
כאָטש מ׳האָט געוווסט, אז סאָלדאַטן פאַלן ווי די פליגן,
האָבן פאַרן פאָלק געבאַקן ליגנס די פּאָליטישע פּאַיאַצן.

און געווער האָט מען געשמידט אָן אַ סוף און אָן אַ ברעג,
מ׳האָט די רעשטלעך לעבעדיקע פאַרזאָרגט אַלץ מער מיט טויט,
זיינען זיך די ציפער צעוואַקסן — אַ געשפּענסטיק שרעק,
און ווי די בערג הרוגים איז געוואַקסן אויך די נויט.

האָט איינער ביים אַנדערן גערויבט אין ליכט פון טאָג
דעם לעצטן בגד, דעם לעצטן ביסן פון זיין מויל —
און ס׳האָט געטראָגן זיך אַ לעצט געיאָמער און געקלאָג
אויף אונטערגייענדיקער וועלט פון שלעכטס און גרויל.

דער אַרעסטאַנט

טרויער און אומעט דאָס האַרץ האָט צעקלעמט אים,
פּנים אין טרערן — דאָס לעבן פאַרשעמט אים,
די פרייהייט זי ווינקט אים פון הינטערן מויער ;
ווען עפענען וועט זיך דאָס אייזערנע טויער ?

ווײנט ער, פאַרשלאָסן אין ווענט, אָט די שטומע :
„ס'איז נאָך מײַן טאָג און מײַן צײַט ניט געקומען.
נאָר ביז ס'וועט נאָענט זײַן די רגע פון פרײַהײַט
וועל איך אויפהיטן מײַן כּבֿוד און טרײַהײַט.

פאַרטונקלט מיט גראַטעס די ליכטיקע שײַן איז
און שווערער די משא פון לײַדן און פּײַן איז,
די אויגן פאַרוואַנדלט אין טרערן־קאַנאַלן
ביז צו דעם טאָג, ווען די פרייד וועט אויפקוואַלן.

דעמאָלט אַ שפּאַר טאָן וועט שמחה — אַ שטורעם,
און דאָס וואָס פאַרשפּיגן — וועט ווערן אַ טורעם,
אויף וועלכן די פרײַהײַט פון מענטש וועט אויפשטײַגן
און ס'וועט זיך די וועלט פאַר זײַן פּײַן דאַן פאַרנײַגן.

נויט און קעלט

נויט און קעלט — אַ פּולע הויז,
און אין האַרצן דריקט די זאָרג :
ווי מען האַלט דעם הונגער אויס ?
ווי אַ ברויט קריגט מען אויף באָרג ?

דורך אַלע לעכער בלאָזט אַ ווינט,
מיט לעצטע כוחות וויינט אַ קינד,
מיט לעצטע כוח ות וויינט אַ קינד,
ווי פון גאָט און מענטש פאַרלאָזט.

ווי נאַסע זעק אויף דאַרן גוף —
שמאַטעס הענגען, אזוי שווער,
און עס ציט די קעלט אין שטוב :
ווער דער קרבן זיין וועט — ווער ?

שטרעקט הונגער אויס אַ טויטע האַנט
צום קינד, וואָס צאַפּלט זיך אין פּיין.
ס'רינט די פייכטקייט פון דער וואַנט,
ווי די שוואַרצע, טויטע שיין.

ליפּן בעטן אין דער נויט —
די הייסע תפילה וואַקסט אויס גרויס :
ליבער גאָט, שיק אונדז אַ ברויט,
דיין האַנט די וואַרעמע — שטרעק אויס.

מאָנאָלאָג פון אַן איינזאַמען פויגל

אַלע מיינע נאָנטסטע — קינדער, פריינד —
צעפלויגן זיינען זיך אין ווייסער וועלט אריין.
און מיך איבערגעלאָזט עלנט, אייניקער אליין,
נאָר פאַרוואָס קען איך ניט פאַרשטיין.

געווען יאָרנלאַנג צוזאַמען אין דעם גרינעם וואַלד,
ווען זון האָט דאָ מיט גאָלד געשטראַלט,
ניט געשיידט מיר האָבן זיך אַ קליינע רגע,
און מיטאַמאָל אַוועק — אפילו ניט געזעגנט.

ניין! כ'האָב די אַלע פריידן ניט פאַרגעסן,
ווי מיר געבויט האָבן אין די צווייגן נעסטן,
וואַרעם איז געווען און פריילעך, זיכער,
נאָר היינט בין איך איינזאַם און מיט זיך נאָר.

איז מיר אַ ווייטיק היינט אין גרינעם וואַלד,
זאָל אַ שניי שוין קומען — צודעקן מיך באַלד!
כ'פיל די ביינער — שוין פאַרשטייפט און קאַלט —
אויך אַ פויגל ווערט אַ פּנים אַלט...

דריי איך אום מיין קעפּל, ווי אין שיין,
און טו אים אונטער מיינע פליגעלעך אריין —
איך פלי אריין אין דרימל, ווי אַמאָל אין טאָל,
און זע אין לעצטן חלום מיין פריילעכן אַמאָל.

דער וואַנדערער

דער וואַנדערער שטעלט מידע טריט,
זיין הייסער אָטעם שוין פאַרגליט,
עס גיט אַ בליץ דורך זיין פאַרשטאַנד:
די שטעט און לענדער דורכגעשפאַנט.

נאָר איצטער — אָפּגעריסן, אַלט,
די ביינער דורכגעפּראָרן, קאַלט,
און אויף זיין פּלייצע הענגט די נויט —
די לופט ניט שמעקט מער מיט קיין ברויט.

און דער הונגער קנייפּט און צופּט,
נאָר דער וואַנדער ווייטער שטופּט.
שוואַך זיין האַרץ, ער קען ניט גיין,
לאָזט ער אַראָפּ זיך אויף אַ שטיין.

ער פילט די עלנט: אוי, ווי שווער!
שוין ניט געבליבן קיינער מער.
געשטראָפט איז ער מיט יאָרן גאַנג,
געוועזן איז עס אַמאָל געזאַנג.

די יאָרן דריקן אויף זיין שולטער —
ער קוקט ארום זיך אַ צעדולטער
און געדענקט ניט וואָס פאַרלאָפן,
נאָר פילט די ערד — זי ציט צום שלאָף אים.

טוט גייסט אַ הייב אים און ער וויל נאָך
אַ וואַנדער טאָן! נאָר מער פאַרשטילט נאָך
עס ווערט זיין ווונטש אין אים באַגראָבן
און ס'ווילן זיינע פיס ניט טראָגן.

אין אים דער הונגער גריזשעט לעכער,
נאָר ניט קיין הונגער איז עס — העכער —
אינעם קאָפּ געדאַנקען שווינדלען,
עס דובעט זיך אים : ס׳לויפן קינדער —

זיי לויפן שנעל צו צו זיין טאָרבע —
נאָר ס׳איז פון יאָרן גאָר זיין האָרבע,
זיי שטרעקן אויס די הענטלעך — דאַר,
ער קען ניט צוזען זייער צער.

ווו נעמט ער איצט אַ פּענעץ ברויט
נאָך יאָרן וואַנדער — גאַנג צום טויט ?
צי איז ער זעעווודיק, צי בלינד —
ביי זיין צוקאָפּנס שטייט אַ קינד.

„אַ, קינד, דו זאָג, וואָס שטייסטו דאָ,
„אין מיין פאַרגייאיק־לעצטער שעה ?"
„זיידע, איצטער דו זיך רו —
„איך הייב מיין וואַנדער אָן ווי דו".

דער זיידע וויל זיך טאָן אַ הויב —
איז ער הערעוודיק, צי טויב ?
„אַ, קינד, דו לאָז מיר ניט אליין,
„אין עלנט וועל איך דאָ אויסגיין".

איז ער אליין צי זאַלבענאַנד ?
ער פילט אַ קינדערישע האַנט,
און ס׳ווערט אים גרינג דער לעצטער וועג.
דאָס קינד אין ווייט וואַנדערט אַוועק — —

די אַלטע מיט זייער אייניקל

אַמאָל אין אַ וואַלד איז געשטאַנען אַ הויז —
אַ הייזל אַ קליינס, ווי אַ געניעץ די גרויס.
אַ געדערטל ארום האָט געבליט אינעם גרין,
און אַ טייכל דערביי, ווי אַ שנירעלע דין.

אין הייזל געוווינט האָט אַן אַלטיטשקע פּאָר,
אַן אייניקל זייער פאַרמאָג איז און גאָר,
אויף דער וועלט ניט געהאַט מער קיין גואל, קיין פריינד —
דאָס מיידעלע האָט זיי די עלטער באַשיינט.

געווען איז זי קליין און איידל און צאַרט,
ווי זיי וואָלטן דאָס קינד דאָ פון הימל פאַרנאַרט.
מיט אייגעלעך — בלוי, מיט האָר — בלאָנד און לאַנג,
און איר שטים ווי אַ גלעקל — מיט זילבערנעם קלאַנג.

דאָס קינד אַ יתומה געבליבן — אליין.
די באָבע פלעגט ראַמען און מאַכן אַלץ ריין.
דער זיידע פלעגט ברענגען האָלץ פונעם וואַלד —
אין שטוב זאָל זיין עסן און קיינעם ניט קאַלט.

ס'האָבן די אַלטע געזאָרגט און אַלץ צוגעגרייט —
פלעגט דאָס מיידעלע שפּילן זיך, זינגען מיט פרייד,
די קליינע זיי האָבן מיט ליבשאַפט געהיט,
מיט דער נויט זיך געטיילט מ'האָט זאַלבעדריט.

אזוי איז געגאַנגען אַ יאָר נאָך אַ יאָר
און געעלטערט זיך האָט דאָס אַלטיטשקע פּאָר.
דאָס אייניקל געוואָרן איז גרויס און צעבליט —
און דערזען אז די אַלטע קראַנק זיינען, מיד.

איז זי ארויס פונעם הויז, איבער דערפער אַוועק,
אַרבעט געזוכט פאַר נעכט און פאַר טעג,
נאָר צו איידל איר פּנים און צאַרט איר באַריר,
האָבן פּויערים ניט געעפנט פאַר איר זייער טיר.

מ׳האָט צו איר ניט געשטרעקט קיין וואַרעמע האַנט,
ווייל זי האָט ניט געבעטלט, אומזיסט ניט פאַרלאַנגט.
זיידע־באָבע האָבן אומזיסט געבענקט און געוואַרט —
מיט געוויין אין די אויגן, אַ ווונד אינעם האַרץ.

און זיי האָבן אויף איר זיך מער ניט דערוואַרט.
דאָס מיידל געווען איז שטאָלץ, איינגעשפּאַרט.
און אז זי האָט זיך דערשלעפּט צוריק פונעם וועג,
זיינען די אַלטע געווען שוין פאַר אייביק אַוועק.

איז זי איינזאַם געבליבן, אזוי ווי אַ שטיין,
אין האַרצן האָט ווייטיק געדריקט און געוויין,
אין שטוב האָט געפּייפט דער דלות, די נויט —
געווען איז ניט מער אַ סקאָרינקע ברויט.

איר קלייד איז געווען אויף פּיצלעך צעריסן,
ניט געקומען אין מויל איז פאַר טעג שוין קיין ביסן,
האָט זי באַטראַכט זיך, ווי דעם הונגער פאַרטרייבן:
ארויסגיין אין וואַלד און יאַגדעלעך קלייבן.

איז זי אין וואַלד פאַרבלאָנדזשעט, פאַרלוירן געוואָרן,
און ווען האַרבסט איז געקומען — פאַרפרוירן געוואָרן.
זי האָט מער ניט געפילט קיין הונגער, קיין נויט —
אונטער נאַקעטן בוים זי געלעגן איז טויט.

די אַלטע פרוי און די ירושה

ערגעץ ווייט דאָרט, ביי אַ ברעג
פון אַ זאַמדיק־שמאָלן וועג,
איז געשטאַנען אַ קליין הייזל
(און דאָ הייבט זיך אָן די מעשה).

געלעבט האָט דאָרט אַן אַלטע פרוי,
געבויגן, שוואַך, דין ווי אַ שטרוי,
פלעגט אויף אַ שטעקן זיך אָנשפּאַרן
מיט אַ האַנט אַ קראַנקע, דאַרע.

די הייזקע האָט זיך קוים געהאַלטן —
אַ ירושה גאָר אַן אַלטע —
און זי אַליין אין חורבה וויסטער,
פלעגט אַ גאַנצן טאָג נאָר הוסטן.

זיפצן, קרעכצן, צו זיך ריידן,
ניט געווען וואָס צו באַשיידן,
קיינעם האָט זי ניט געהאַט
און מיט די רייד געווען זאַט.

פאַרהאַנגען פענצטער מיט אַ זאַק,
אויף אַלע ריגלען טיר פאַרהאַקט,
נאָר געבענקט האָט זי דורך טעג,
אַ מענטש זאָל קומען אויף דעם וועג.

נאָר קיינער ניט געקומען איז —
איר לעבן פוסט געווען איז, וויסט,
פלעגט זי גאַנצע נעכט און טעג
קוקן שטום אויף ווייטן וועג.

לעבן אויף אַ שלוק פון מילך,
זיך צוהערן צום מינדסטן הילך:
טאָמער עמעץ קומט צוגיין —
נאָר בלויז געהערט אַ הונטס געוויין.

מיט שלורעס אויף די פיס, די דאַרע,
פלעגט זי קוים זיך ארומשאַרן,
געהאַט אַן אַלטע גרויע קלייד —
מיט לאַטעס אין דער לענג און ברייט.

אַלט, אַן ציינער און פאַרגעסן,
פלעגט מער הונגערן ווי עסן.
זעלטן האָט זי זיך פאַרקאַמט.
און זעלטענער — די שטוב געראַמט.

נאָר שאַרף געוועזן איז איר בליק,
ווי אויסגעקוקט וואָלט זי איר גליק;
האָט זי דעם וועג גוט אויפגעפאַסט,
ווי דערוואַרט וואָלט זי אַ גאַסט.

האָט טאַקע איינמאָל וואָס פאַסירט:
אָנגעקלאַפּט האָט מען אין טיר.
זי האָט אַ שפּרונג געטאָן פון פענצטער
„קום אריין, דו גאָט־געבענטשטער!“

און אויפגעריגלט גלייך די טיר:
אַ מאַן — אַט שטייט ער לעבן איר.
האָט איר פּנים זיך צעשיינט,
ווי זי וואָלט דערזען אַ פריינט.

אַט קומט אַ מענטש נאָך אויף איר שוועל —
גלייבן האָט זיך קוים געוועלט,
ער שמייכלט פריילעך און ער זאָגט:
„כ'האָב געבראַכט דיר דיין פאַרמאָג“.

„פון וועמען די מתנה, פריינד?“
און נעמט דאָס פּעקל פון זיין האַנט.
„איך זוך דיר יאָרנלאַנג, איך רייט —
מיר דוכט ס'איז אַן אייביקייט...“

זי עפנט שנעל דאָס פּעקל אויף:
איר מאַמעס בילד — עס ליכטיקט־אויף.
צעוויינט זי זיך — דער מאַן ער לאַכט — — —
אַ פאַרהאַנג פאַלט אַראָפּ — די נאַכט.

פינצטער ווערט, שטיל די ווייט.
דער רייטער רייט שוין, וויטער רייט.
די אַלטע טוט זיך ניט קיין ריר.
עמעצער פאַרמאַכט די טיר — —

באַלאַדע פון הונגער און קעלט

פון דער אימה־פינצטערער, רעגנדיקער גאַס
האָט אַ קאַלטער ווינט מיט געפּייף אַריינגעבלאָזן —
אין קעלער־שטיבל איז געוואָרן בלאָטיק־נאַס,
פון די ווענט אַ פייכטקייט האָט געגאָסן.

אַ מיידעלע געזעסן איז אָן איינגעדרייטע,
(אָן אומעט שוואַרצער האָט ארום געשפּרייט זיך)
אירע בעקעלעך גרוי, ווי בלימעלעך פאַרבליטע,
הונגער אין די אויגן — הייס־צעגליטע.

און די מאַמע קראַנק, אויף אַ צעבראָכן בעטל,
געלעגן איז און פיבערדיק געבעטן:
„אוי, גאָטעניו, כאָטש אַ סקאָרינקע אַ פאַרדאַרטע!"
און זי האָט אַ ריס געטאָן זיך פון געלעגער האַרטן.

אין איר האַרץ האָט געברענט אַ קללה צו דער וועלט,
זעענדיק דאָס קינד גייט אויס פון הונגער און פון קעלט.
און נאָך גרעסער איז געווען דער צער, די שרעק,
זעענדיק די טראַנטעס וואָס האָבןביידן זיי פאַרדעקט.

געוואַלט דערמאָנען זיך, ווי דאָס אומגליק האָט געטראָפן,
ווי דער מאַן איז פון איר אַ שיכורער אַנטלאָפן
און אויף הונגער איר מיטן קינד געלאָזן — —
ס'האָט דער פראָסט דער פראָסט אין שטוב ארומגעבלאָזן.

און שפּעטער שטיל געווען איז און אזוי שווער,
ניט געווען אַ קרעכץ זאָל געבן ווער.
דאָס קינד געלעבן צוגעדריקט איז צו דער מאַמען —
מיט הונגער און מיט קעלט — צוזאַמענדיק פאַרקלאַמערט.

אויף דער עלטער

קומט אַ מענטש אריין אין עלטער —
פאַמעלעך ער ווערט און געשטעלטער,
נאָר אין האַרצן גליט נאָך הייסער
אַ ווילן — וואָס צום לעבן שטויסט ער.

און ס׳לעבן — אזא פונקט פאַרקערטער —
אינטערעסאַנטער אַלץ מער ווערט ער,
שוין קינדער אַלע אויסגעגעבן —
פּרוווט מען צופאַלן צום לעבן.

קענסט טאַקע מערניט יאָגן, שפּרינגען,
נאָר אַ לידל קענסט נאָך זינגען,
לעבסט נאָך דורך מאָמענטן גרויסע
און עס ליכטיקט נאָך דיין דרויסן.

דערפילסט דאָס לעבן איז ניט סתמיש,
ווען דיין אימפּעט אין אַ צאָם איז,
קענסט אַלע תאוות איצט אָפּקילן
און מיטן לעבן זיך פאַרשפּילן.

נאָר קענסט דעם נעכטן ניט אויפמאָנען,
ווען יאָרן יאָגן ווי גזלנים,
איז כאַפּ אריין דעם טאָג, דעם היינט,
ווען די זון איז נאָך צעשיינט.

ווייל אָט — ווי דו וואָלסט פאַרקוקט זיך —
דערזעסטו: זון צום מערב רוקט זיך
און ס׳פאַרפלייצט דער טרויער דיין געמיט
מיט קלאַנגען פון די לעצטע טריט.

דער אייביקער שלאָף

מיר וואַנדערן אום אין אַ שטערבלעכע וועלט
וווּ מ׳קען זיך דאָ ניט אויסקויפן פאַר אוצרות געלט,
איינער גייט אוועק אין מיטן, ניט דערלאָפן,
אַ צווייטער גייט אַוועק אַ מידער — ניט דערשלאָפן.

ניט קיין אַספּהאַלט, קיין סטאַנציע, ניט קיין בלייבן שטיין —
אַז עס קומט די צייט מוז מען איינפּאַקן זיך, גיין.
כאָטש דער טויט קיין ציל ניט — פעלט קיינעם ניט אויס,
נאָר איבער גאָרער וועלט האָט ער זיין טויטן־הויז.

פון מענטשן־פלייש די ווערעם ווערן אַלץ מער פעט —
בלייבן שטומע ביינער, בלייבט איבער דער סקעלעט.
דאָס לעבן, ווי אַ ווינטל, אין אַ רגע ער פאַרווייט,
און די צייט אַריבער אַלע מענטשנס קעפּ — זי גייט.

און אַז פון דעם מענטשן גייט ארויס די נשמה —
ווערט פון דעם אדמען צוריק אדמה,
און פון אַלץ ווערט גאָרנישט — נאָר צום סוף
רופן מענטשן עס : דער אייביקער שלאָף.

צו שפּעט

צו שפּעט איז געקומען דאָס שיינע געזאַנג —
באַלד וועט דער עכאָ פאַרקלינגען,
ווי יעגער ארויס אינעם וואַלד צו אַ פאַנג —
און קענען דעם וועג ניט געפינען.

צו שפּעט איז געקומען דאָס הערלעכע ליכט —
באַלד וועט עס ווערן פאַרטונקלט,
ווי בלינדע וואָס טאַפּן מיט שטראַליק געזיכט,
נאָר אין אויגן ניטאָ איז קיין פונק ניט.

צו שפּעט איז געקומען פון יוגנט די שיין —
די עלטער ארויס אין געוועט איז,
ווי שליחים וואָס קומען אָן צו דער באַן,
הערן איר פייף און — צו שפּעט איז.

דער לעצטער

שוין מער קיינער ניטאָ.
אויסגעגאַנגען איז דאָס ליכט.
און ווי אַ שוואַרצע קראָ
פאַרטונקלט לעצט געזיכט.

אויסגעלאָשן איז די שיין,
פינצטער — גאַנצע הויז,
ס׳גייט קיינער ניט אריין,
ווען לעצטער גייט ארויס.

ס׳לעצטע ליכטל פאַרווייט
און חושך לייגט זיך ארום,
דרייט זיך נאָך עמעצער ארום —
ניט זעעוודיק און שטום.

ווי אַ חלום דאָס אַלץ געווען איז —
לעצטער אַוועק איז אליין,
און זיין אָטעם פאַרברענט איז,
פאַרשטיקט לעצט געוויין.

דאָס פעלד

אַ גרינע וועלט איז אין דעם אַרום
און די שטילקייט הענגט דאָ שטום,
מיט שטיין־מצבות איז זי אַ פאַרבויטע —
אונטער זיי אַ וועלט פון טויטע.

די אַלע האָבן דאָך אַמאָל געלעבט,
געקעמפט, גערעדט, געפילט, געשטרעבט,
געמיינט — ס'געהערט זיי גאָר די וועלט,
ס'האָט יעדערער געזוכט וואָס מערער געלט.

מיט אַ פעני נישט געוואָלט זיך טיילן,
נאָר די יאָרן טעותדיק געטאָן פאַרציילן —
נאָר דאָ פאַר אַלע גלייך די טויטע טיר
עפנט זיך — פאַר דעם קבצן און גביר.

דאָ ווערט גערעדט נאָר אין מצבה־שפּראַך,
ווען לעצטער חשבון ווערט געמאַכט,
און אייביק בלייבט דער מענטש אליין —
ווי איבער אים דער שווערער שטיין.

קומט אַמאָל אַ ווייב, אַ מאַן, אַ פריינד —
ווערט לעבעדיק... אַ בלימל שיינט,
אַמאָל פאַלט אויך אַ טרער,
נאָר קאַלט איז טויט — ער פילט ניט מער.

ליבע און בענקשאַפֿט

ערשטער מיי

קומט דער ערשטער מיי,
דער טאָג פון מיין געבוירן —
יעדן יאָר אויפסניי —
און ווערט מיר גלייך פאַרלוירן.

נאָר קינדווייז כ׳האָב געפילט
דעם טאָג — אַ פאַרגעניגן,
יעדער יאָר האָט אויפגעשפילט
מיט אַ נייעם ניגון.

אַ פריילעכע פאַרווײלונג
געוועזן איז יעדער יאָר,
נאָר אז צייט האָט זיך פאַרקיילעכיקט
צייל איך יעדע גרויע האָר.

און מיטן יעדן ערשטן מיי —
איז פאַרלוירן נאָך איין יאָר,
וואָס שווינדלט שנעל פאַרביי
און ס׳איז ניט קיין יום־טוב גאָר.

גוט

הײַנט איז גוט מיר אָן אַ ברעג —
דער בעסטער טאָג פֿון מײַנע טעג.
מיר דוכט: ס'פֿעלט מיר ניט קיין זאַך —
איך שפּרינג, איך זינג, איך טאַנץ און לאַך.

אויך טעג אַזעלכע לאַנג איך וואַרט שוין —
פֿריידן שפּאַרן אין מײַן האַרצן.
דער טרויער איז ווײַט־ווײַט פֿאַרשוווּמען
און מײַן ווייטיק מיטגענומען.

איז מיר פֿריילעך, לוסטיק, לאַך איך —
איך וועל הײַנט אַ שׂמחה מאַכן.
הײַנט מײַן לעבן איז צעהעלט
און מיר גוט איז ווי די וועלט.

פּערעלעך

פּערל, ליכטיקע פּערעלעך,
גלעט מיך זיס און צאַרט,
לייכטינקע און הערלעך —
מאַכט גרינג מיין האַרץ.

איר שיינט ווי שטערנדלעך
אויף מיין ווייסן האַלדז —
אַ מגן־דוד פון פּערעלעך
איז פאַר מיר אַלץ.

פיל איך אזוי נאָענט
אייער גלעט, אייער ווערט,
כ'האָב אייך אָנגעטאָן —
זאָל מיין פרייד זיין געמערט.

געוועזענע ליבע

געווען אַמאָל אַ יונגע, שיינע צייט,
ווען מיין ליבע האָט געבליט צו דיר.
ביסט געווען פאַר לעבן מיינעם אַ פאַרבייט
און מיין האַרץ געצאַפּלט האָט פון דיין באַריר.

אָבער לאַנג אַוועק איז שוין די צייט,
און דאָס פייער האָט זיך אויסגעלאָשן.
מיין ליבע, ווי אַ חלום פלאַטערט ווייט
און מיין האַרץ איז איצט פאַרשלאָסן.

געבליבן זיינען בענקשאַפטן און ווונדן
אין אומקלאָרן טרעפן, צי דו וועסט קומען.
נאָר דיין געשטאַלט איז פאַרשווונדן
און אַלע ליבע־ווערטער היינט שוין שטומען.

אַרט מיך שוין ניט, כ׳וואַרט ניט אויף דיר.
מיין בענקשאַפט איז שוין לאַנג פאַרגאַנגען.
זיץ איך הינטער פאַרשלאָסענער טיר
און פאַרוועלקט זיינען מיינע פאַרלאַנגען.

און לעבן ווערט איצט אויסגעגלייכט,
אַ צופרידענע בין איך און שוין אָן געקלאָג.
כ׳דאַרף זיך ניט פוצן אויסצוזען רייך,
ווייל גענוג פאַר מיר איז מיין פאַרמאָג.

צו אַ געליבטע

די ליבע, מיין פריינט, איז טיף פאַרבאָרגן,
נאָר איך ליב דיר אָפן, ווי ליכט אינעם פרימאָרגן.
כ׳האָב דורך יאָרן מיין ליבשאַפט אַלץ געשפּאָרט
ביז זי איז געוואָרן אין לעבן פאַרוואָרט.

אָבער אויף אַ רגע האָב איך ניט פאַרגעסן,
אז אלץ מיט דער צייט הייבט זיך אָן לעשן:
די טרוימען, וואָס האָבן גענערט אונדז,
די בענקשאַפט, וואָס האָט פאַרצערט אונדז.

ווען איך האָב דיר צו דער ברוסט געפּרעסט,
האָט אַ ליד אין האַרצן, ווי אַ פויגל, גענעסט,
נאָר היינט איז דער פויגל פאַרפלויגן —
און שלאָפלאָזע נעכט — צוואָס טויגן?

נאָר מיין בענקשאַפט צו דיר איז פאַרבליבן
און אַלץ נאָך מיר ביידע זיך ליבן,
וועל איך די ליידן זען צו פאַרטרייבן
און אייביק מיט דיר שוין פאַרבלייבן.

ליבע-פונקען

אַמאָל ווערן ליבע־פונקען אזוי פלוצלינג אָנגעצונדן
און אויפן גאַנצן לעבן טריי מ׳ווערט פאַרבונדן —
אין איבער׳געבנקייט, אין ערלעכקייט געלייטערט,
צעפלאַקערט זיך די ליבע, ווי אין פעלד אַ שייטער.

אזוי קען אַ פונק אויפטאָן וווּנדער אָן אַ גרענעץ
און אויפפלאַמען אין האַרץ אַ יעדן ליבע־פענעץ,
און ווי די וואַרעמקייט אין נעסט פון יונגע פייגל —
אזוי די בענקשאַפט ווערט אין יעדנס לייב פאַרזויגן.

און פונדאַסניי לויכט זי אויף ביים אויפקומען פון טאָג —
אין אָונט באַהאַלט זי מענטש, ווי זיין הערלעכסטן פאַרמאָג,
זי נאָגט, זי ציט, אויף טויזנט סטרונעס שפילט זי אויף —
און די ליבע־פונקען צינדן זיך אָן אַ גרענעץ, אָן אַ סוף.

מיין קינד

מיין קינד — אַ מתנה פון גאָט,
ער האָט מיר געשאָנקען נאָר איינעם,
אין לאַנד און אין דאָרף און אין שטאָט
זיינס גלייכן ניטאָ איז ביי קיינעם.

ליכטיק איז ער ווי די זון,
שיין ווי די זילבערנע שטערן,
טוט נאָר זיין קולכל אַ קלונג —
פון עק וועלט וועל איך אים דערהערן.

זיין פנימל פריש ווי אַ בלימל,
די אייגעלעך — הימלדיק־בלוי,
ווי אַ גלעקעלע קלינגלט זיין שטימע,
זיין הויט איז נאָך צאַרטער פון טוי.

און אַ חכם ער איז, ווי די וועלט —
יעדן וואָרט נאָר צעקושן פון זיסקייט.
געזונט איז ער, איידל, ער קוועלט —
קוועל איך אויך מיט פון זיין גוטסקייט.

צייט פאַרטרייבן

אויב עמעצער שרייבט נאָר די צייט צו פאַרטרייבן,
קען ער זיך עפּעס אַן אַנדער פאַרברענגעכץ אויסקלייבן
אָט האָב איך נאָדל־און־פאָדעם פאַרשאַפט זיך —
און אויף אַ רעמל — גלייך גענומען זיך האַפטן.

זייַ איך ניט ליידיק אַ רגע, טו איך און האַפּט:
גרין־גאָלדיקע בלעטער, פון טרויבן רינט זאַפט,
שטאַנגען העל־בלויע, אַ בריליאַנטענע זון,
אויף אייער זעקס, ווייסע, זיצט אַ געלע הון.

רויזן, נאַרציסן און פיל־קאָלירטע בלומען,
אפילו אַ לייב, וואָס האַלט אין מיטן ברומען...
ווי שרייבן איז עס אַלץ אַ גרינגערע תורה —
מ׳דאַרף נאָר נאָדל־פאָדעם און אַ שטיקל סחורה.

מ׳דאַרף אויף דעם ניט קיין טעמעס, ניט קיין גראַם,
נאָר אַ צייכענונג אַ פּשוטע, אַ פּאַרטיקן פּלאַן —
איז גיי איך, קויף וואָס עס פעלט מיר איין
און האַפּט עס גלייך אין מיין לייוונט אריין.

מ׳דאַרף ניט, ווי ביים שרייבן, קלערן און טראַכטן,
נאָר טאָן אַ כאַפּ וואָס אונטערן האַנט מאַכט זיך:
זאָל עס זיין אַ יינגל, אַ מיידל, אַ סאָד און אַ גאָרטן —
קריגסט פון אַלעם פאַרטיקן און פון אַלע סאָרטן.

אַ טישטעכל

אַ טישטעכל היינט ניי איך אויס:
בלומען, בלעטער — קליין און גרויס,
מיט נאָדל־פֿאָדעם — אָט אַזוי,
אין קאָלירן אַלערליי.

דאָ אַ ניי און דאָרט אַ שטאָך,
דאָ פֿאַרשטאָפּט אַ פֿענצטער־לאָך
מיטן גלאָז פֿון פֿאָדעם־שײַן —
ס'איז אַ שטיבעלע גאָר פֿײַן.

בין איך איבער קאָפּ פֿאַרנומען:
מיט אַ פֿאָדעם פֿלאַנץ איך בלומען,
מיט נאָך אַ פֿאָדעם כ'בוי אַ הויז —
און גיך די פֿעדעם גייען אויס.

אַן אַלטער בריוו

אַן אַלטן בריוו פון אַ פריינד האָב איך געפונען —
דאָס פאַרגעלטע פּאַפּיר האָט געשיינט ווי אַ זון מיר,
האָב איך עס געהאַלטן אין מיין האַנט, ווי אַ קמיע,
געקושט די ווערטער, געדריקט צום האַרצן, עס געלייענט.

און זי דערמאָנט די לאַנגע צייט, וואָס איז אַריבער,
ווי מיר האָבן מיט חלום און מיט יוגנט דאַן געפיבערט,
און איך דערזע זי — מיין חברטע — מיר ביידע בליען,
דערפיל איך אין מיין אויג — אַ טרער אויפגליען.

און עס טוט אַ ריס מיך — ווען איך וואָלט פליען קאָנען
גלייך אַהין צו איר — זיך ארומכאַפּן און זיך דערמאָנען
די אַלע גוטע יאָרן, וואָס זיינען לאַנג פאַרגאַנגען,
און אויפקלייבן דעם גאָלד — ווי הינטער שניטער זאַנגען.

און אפשר גאָר — גיט זיך אַ צעשפּיל איצט די פאַנטאַזיע:
צו מיר זי קומט — כ׳וואָלט מיט בלומען אויסשיטן די גאַס דאָ,
און מיר וואָלטן זיך צוריק געפרייט מיט מיידלשע געמיטער...
אין מיין האַנט דער אַלטער בריוו מיט ליבשאַפט ציטערט.

בלומען

בלומען קאָליריקע, בונטע,
אין גליאיקע פאַרבן צעצונדן —
כישוף פון פאַרבן און ריחות —
כ'ליב אייער צאַרטקייט וואָס ווייך איז.

נעם איך אַ בלימל אַ קליינטשיקס —
אַ זעלטענעם וווּנדער און איינציק,
זיין געררוך אזאַ אײדעלער, פײנער —
אין וואַסער שטעל איך אים אריינעט.

פוצט ער מיין טיש און מיין צימער,
איז שטאָלץ אין זיין ליכטיקן גלימער.
ניטאָ איז קיין מאָס פאַר זיין דויער,
ווען ער וועלקט אין שטילקייט און טרויער.

אַן עצה פֿון אַ פֿריינד

מיין פֿריינד האָט אַן עצה מיר געגעבן:
נעם און פֿאָר זי דורך איבער דער וועלט,
און אַלץ וואָס דו האָסט אָנגעזאַמלט אין דיין לעבן —
— דיינע אַלע אוצרות און גאָר דאָס געלט
די אָרעמסטע פֿון אָרעמע צעטייל עס,
אַז ניט מער וויסן זאָלן זיי פֿון נויט,
וועט דיין האַרץ ווערן לוסטיק, פֿריילעך,
ווי אין פֿעלד זוניקט גאָלדיק אויף דאָס ברויט.
וועסטו זיך ווי אַ נייער מענטש דערפֿילן,
דיין לעבן גליקלעך ווערן וועט און לייכט,
אַלע הימלען וועלן פֿאַר דיר שפּילן
און מיט אַלע פֿריידן — זיין באַרייכט.

ווי אַ חלום פאַרגאַנגען

ווי אַ חלום פאַרגאַנגען
וואָס געווען איז אַמאָל :
פאַרוועלקטע די זאַנגען,
גרוי איז דער טאָל.

פאַרבלייכט איז די יוגנט,
פאַרשטומט דאָס געזאַנג,
ניט געבליבן פון ניגון
קיין איינציקער קלאַנג.

וואָלט זיך וועלן דערפילן
די צייט פון אַמאָל —
כאָטש איינמאָל נאָך שפּילן
ביים טייכל, אין טאָל.

נאָר טאָג איז פאַרגאַנגען
מיט יוגנט — שוין לאַנג,
מ׳קען זיי ניט פאַנגען —
עס בלייבט נאָר פאַרלאַנג.

ענטפער אויף א בריוו

יאָ, ס׳איז מיר פריילעכער געוואָרן היינט ,
ווייל די זון האָט מיט אָנזאָג זיך צעשיינט,
און עס קנאָספּן ביימער, עס בליען בלומען,
צוריק די פייגעלעך זיינען שוין געקומען.

און מיין האַרץ, וואָס געווען איז פאַראומערט,
שרייט מיט פרייד : געקומען איז דער זומער !
איך פיל די וואַרעמקייט אין מיינע גלידער,
ווי זיי וואָלטן זינגען אויסגערייפטע לידער.

דיין בריוו ביז היינט געלעגן איז באַהאַלטן,
ווייל ס׳האָבן שרייבן ניט געלאָזט די טעג, די קאַלטע,
און מיין האַרץ געווען איז ווי פאַרשלאָסן,
ווען רעגנס האָבן טרויעריק געטריפט, געגאָסן.

נאָר היינט, ווען אַלץ איז פרילינגדיק צעזונגען,
ווערט מיין האַרץ פון פרייד צעשפרונגען,
און עס האָט אין מיר די מאָנונג זיך צעגליט :
שיקן דיר מיין ענטפער מיט אַ ליד.

מיין מאַמעס ביימעלע

אין גאָרטן וואַקסט אַ ביימעלע — מיין מאַמע האָט פאַרזייט אים,
ארום אים שפּראָצן בלימעלעך פאַרביקע און קווייטן.
איז ער שטאָלץ, דאָס ביימעלע, האַלט די קרוין פאַרריסן,
די צווייגעלעך וויגן זיך, ווי הענטעלעך זיי גריסן.

באַגיסט מיין מאַמע ס׳ביימעלע, גיט אים גוט צו טרינקען,
און ער מיט יעדן טאָג ווערט העכער, זוניק טוט ער בלינקען.
שעפּטשען גרינע בלעטעלעך, ווינקען מיר און שיינען,
און ס׳ווערט פון טאָג צו טאָג מיין ביימעלע אַלץ פיינער.

מיטאַמאָל: אוי, אַ בראָך, אַ בלעטל אַ פאַרגעלטער!
מאַמע זאָגט: ניט זאָרג, מיין קינד, ס׳הייבט אָן ווערן קעלטער.
כ׳האָב מיטגעפילט ביימעלען, וואָס האָט דעם ווינט דערשפּירט,
און האָב געקליבן בלעטעלעך, וואָס ער אַלץ פאַרלירט.

געבליבן איז דאָס ביימעלע אויסגעטאָן און נאַקעט,
און דער הימל איבער אים—געהאָנגען שוואַרץ־פאַרבליאַקעט.
געקאָרטשעט האָט זיך ביימעלע פון שרעק, דונער־קנאַלן —
און אויף די דינע צווייגעלעך איז אַ שניי געפאַלן.

קוק איך דורכן פענצטערל, מיין הערצעלע טוט וויינען:
אוי, וואָס וועט איצט שוין ווערן פון ביימעלע, דעם שיינעם?
נאָר עס ענטפערט קיינער ניט, די מאַמע איז פאַרנומען —
מ׳דאַרף דעם אויוון אויסהייצן — דער ווינטער איז געקומען.

נעם איך אין ווינטער פראָסטיקן אַ חלום זיך אויסוועבן,
ווי קומען וועט אַ זוניק טאָג, און ביימעלע — צום לעבן:
שטראַלן מיט אַ וואַרעם צונג וועלן שניי אויסלעקן
און מיט בלעטלעך ביימעלע וועט ווידער זיך באַדעקן.

ווען איך וואָלט אַ וואַלד פאַרמאָגט

היינטיקן טאָג איז מיר אויפגעקומען אַ פאַרלאַנג :
ווען איך וואָלט פאַרמאָגט אַ וואַלד מיט פייגל־געזאַנג,
וואָלט איך אין זיין גרין דעם גאַנצן טאָג פאַרבראַכט
און פאַרבליבן צווישן זיינע שאָטנס אַ גאַנצע נאַכט.

בייטאָג, ווען מיט סאָסנע־ביימער איז די זון פאַרשטעלט,
וואָלט איך זיך צוגעהערט צו סימפאָניעס פון דער פייגל־וועלט,
זיך צוגעקוקט, ווי זיי שפּרינגען לוסטיק און צעטרילט,
אין די נעכט וואָלטן שטערן מיין חלום מיט זילבער געקילט.

און אַ ווינטעלע וואָלט אין מיינע האָר געבלאָזן שטיל,
דער וואַלד וואָלט מיין לעבן מיט בענקשאַפט אויסגעפילט,
וואָלט מיר קיין ווייטיק און קיין פּיין מער ניט גענאָגט —
ווען נאָר איך וואָלט אזא מין וואַלד פאַרמאָגט.

אַ חלום אויף פליגל

פלוצלינג זיינען אָנגעוואַקסן מיר פליגל צוויי
און ווי אַ ווינטל צו די הייכן האָט עס מיך פאַרוויט.
לייכט אזוי, אז ס'איז געווען קוים צו גלויבן —
און אין הימל כ'בין ארייגעפלויגן דורך דימענטענע שויבן.

אויף אַ גינגאָלד שטול געזעסן איז ער — גאָט אליין,
און אויף זיין שטאָלצן קאָפּ אַ פייערדיקע קרוין,
זיין כיסא־מלכות געבליצט האָט ווי די זון
און מלאכים גאַנצע מחנות — אין אַ קרייז אַרום.

די פליגעלעך ביי די מלאכים מיט גאָלד באַדעקט,
און גאָט — אַ פלאַם אַ לויטערער פון עק צו עק,
האָב איך געקניט מיט מלאכים אַלע אין אַ ריי.
פּוכיק־לייכט כ'האָב געפּילט מיינע פליגלען צוויי,

און דער הימל, ווי אַ ווייכער טעפּיך, ברייט צעלייגט,
מיט אַ מילדן שיין פון טיפער רו אַלץ איז אָנגעזייגט.
האָב איך אין האַנט גענומען אַ קליין הייפל שטערן —
איך וועל זיי אויפרייען אויפן האַלדז ווי פערל...

האָבן די מלאכים אָנגעהויבן שפּילן, זינגען,
און דער הימל מיט מוזיק האָט גענומען קלינגען —
האָט מיין חלום לויט די קלאַנגען זיך גענומען וויגן
און איך האָב געפרייט זיך מיטן חלום אויף די פליגל.

פון חלום אין חלום

געפאַלן בין איך — ווי אין שווערקייט פאַלט אַ סנאָפּ,
מיט די קערנער נאָך אונטן — מיטן קאָפּ אַראָפּ —
און אין ווייס־קלאָרן בעט זיך אויפגעוועקט
און דערפילט — איך בין אינגאַנצן אָפּגעדעקט.

ס'האָט אָטעם מיך, אין מיין שרעק, פאַרפעלט,
און געוואָרפן האָט מיך, אין היץ און אין קעלט,
האָב איך אַ ציִ ארויף געטאָן אויף זיך די דעק,
נאָר דער איין חלום האָט מיר ניט געקלעקט.

ווייל ווי כ'בין אריינגעפאַלן צוריק אין דרימל,
האָט אַ צווייטער חלום ווידער מיך פאַרפירט — אין הימל:
כ'האָב מיט דער האַנט אָנגעטאַפּט די זון און אַלע שטערן,
און ערד פונוויַיטן — אַ צעשטראַלטער פערל.

אַלץ געווען איז ווידער וואַרעם, ליכט־באַהעלט,
און אַ בלענדיקע האָט געשטראַלט די גאַנצע וועלט.
האָט די נאַכט מיר אריינגערוימט אַ מאָדנעם סוד
וועגן דער לבנה, וואָס דרייט זיך ווי אַ זילבעררעד.

האָב איך געוואָלט אַ ריר טאָן די לבנה מיט דער האַנט,
איז זי מיטאַמאָל פאַרשוואונדן ווי אַ וואונדערלאַנד...
האָב איך געזשמורעט מיט די אויגן, קיינזאַך ניט געזען,
ווייל ס'איז דער חלום מער שוין ניט געווען.

היימבענקשאַפט

אויף אַ ווייל ארויסגעפאָרן פון דער היים
און שוין האָט מיך געגריזשעט אין געהיים
עפּעס אַ בענקשאַפט, וואָס ציט צוריק —
ווי געבונדן מיט אומזעאיקע שטריק.

שטאַרקער ווערט די ציעניש מיט יעדן טאָג
און שטאַרקער נאָך די בענקעניש, וואָס נאָגט —
ס'האָט די היים אזא מין צויבערקראַפט,
ווי ס'וואָלט געווען דער צענטער פון באַשאַף.

ביסטו אויף איין טאָג פון דיין הויז ארויס,
ווערט עס ליידיק — געווען אַ הויז און אויס,
נאָר דו אליין ווערסט נאָך ליידיקער און פּוסט,
כאָטש דער סוד דערפון איז דיר ניט באַוווּסט.

אז איך בין אין מיין הויז פריער געווען
האָט מיר געדוכט, אז איך בין ווי אין קלעם,
און אז איך בין אָפּגעפאָרן אויף אַ ווייל נאָר
רייסט צוריק די בענקשאַפט, צו אלדי גוטע יאָר.

אייגנס האָט אזא מין קראַפט, אזא מין צי,
אפילו אַז דו אַרבעטסט שווער — איז עס דיין מי,
און וווּ דו וועסט זיצן, ליגן, רוען, שטיין —
וועט תמיד ציען דיך דיין אייגענע, די אַלטע היים.

אליין — זאַלבעצווייט

זיינען מיר ביידע געזעסן אין פּאַרק,
ער האָט זיך צו מיר נאָענט צוגעבויגן —
זיין אָטעם מיט היץ אויף מיר האָט געשפּאַרט,
נאָר מידע געקוקט האָבן די אויגן.

מיר האָבן צעוואָרעמט געדריקט זיך די הענט,
אַנטקעגן געבלויט האָבן שטוביקע שויבן,
און ס׳האָבן געלויכטן די אייגענע ווענט —
אין האַרצן געוואַכט האָט דער גלויבן.

אַ צייט נאָך מיר זיינען געזעסן צוזאַמען,
צופרידן געחלומט ווי לעבן איז שיין נאָך.
פון דאַן ווי אַ צווילינג — צוזאַמענגעקלאַמערט,
מיר גייען אין לעבן צוויי און — אליין נאָר...

און ביידע — מיר קענען נאָך אַלץ ניט פאַרשטיין —
כאָטש אַ לעבן־לאַנג צוזאַמען מ׳גייט נאָך —
אז ווי עס קומט אויף ביי דיר דאָס געוויין
איז בעסער צו בלייבן אליין — זאַלבעצווייט נאָר...

איך וואַרט

איך זיץ ווי אויף שפּילקעס, וואַרט אויף מיין מאַן,
כ׳ווער אומגעדולדיק, פון וואַנט צו וואַנט שפּאַן
און צייל די מינוטן — באַלד וועט ווערן זיבן!
שוין שעהען גאַנצע בין איך אליין פאַרבליבן.

און ער דאָרט — וועגן געשעפטן זיך אזוי פאַררעדט,
און דאָ — יעדע מינוט אַן אייביקייט, שוין שפּעט!
ווערט מיך אזוי אימהדיק און עס באַפאַלט אַ שרעק,
ווי יעדע רגע וואָלט מיין לעבן זיך געעקט...

פּיל איך: כ׳וועל עס ניט קענען מער אויסהאַלטן.
און אין מיר עס שרייט: וואָס האָט איר אים פאַרהאַלטן?
צי ווייסט איר ניט ווי איך ציטער איינינקע אליין?
אָ, זאָל ער זיך באַווייזן, קומען שוין צוגיין!

און מיין האַרץ וויינט פון דער עלנטקייט, אליין,
די שטילקייט אַרום דריקט אויף מיר, ווי אַ שטיין,
און זי מישט זיך אויס מיט מיין שטיל געוויין:
אוי, טייערער, שעפּטשע איך, גיכער, גיכער קום צוגיין!

איך ליב...

ליב איז מיר דער טאָג,
טייער איז די צייט —
דעם יאָריקן פֿאַרמאָג
אויף לעבן איך צעבייט.
כ׳ליב די שיינע וועלט
און אַלץ וואָס איז ארום.
ווינטער — כ׳ליב די קעלט,
און זומער — בין־געזשום.
כ׳ליב דעם הימל, ליב די זון,
לבנה און די שטערן,
פעלד און וואַלד און בלום,
און אויך — דעם לעבן שווערן.
איך ליב דעם מענטש, די חיה,
נאַטור און אירע וווּנדער,
פייגעלעך אין סטייעס,
און יעדערן באַזונדער.
דער טאָג איז מיר טייער,
כ׳בין אין נאַכט פֿאַרליבט,
אין לעבן, ליכט און פייער,
אין הערצער, וואָס באַטריבט.

שוין גענוג

טעג און נעכט דו אַרבעטסט שווער,
שוין גענוג, מען דאַרף ניט מער!
אָ, זאָל אַ הילף פאַר דיר נאָר קומען:
דו זאָלסט אזוי ניט זיין פאַרנומען!
ווייל ווייסטו וואָס עס קען נאָך טרעפן?
כ'טו די טיר באַלד אַ צעעפן:
זאָלן אַלע זען און וויסן,
ווי דו ווערסט אין מי צעריסן.
צוויי נאָר האָסטו הענט און מידע —
און דאָ אזוי פיל אַרבעט ווידער.
ביסט פאַרהאָרעוועט, פאַרמאַטערט,
און פון צרות שוין אַ זאַטער.
וועט מען אָן דיין אַרבעט לעבן,
אז קיינער וועט קיין האַנט ניט געבן.
און אפשר האָט מען קיין באַגריף ניט,
אַז פאַר דיר די אַרבעט גיפט איז.
טאָ לייג אַוועק אַלץ, אָן זאָרגן,
ס'וועט זיך אפשר בייטן מאָרגן.

אַרבעט

איך קען ניט פּוסט־און־פּאַסטעווען, ליידיק גיין —
כ'מוז אַ גאַנצן טאָג עפּעס טאָן, ביינאַכט — ביז שפּעט.
נאָר אין פעלד, אָן באַוועגונג, ליגן קען אַ שטיין,
איך האָב ליב צו הערן ווי איך גיי און טרעט.

אַרבעט אַרט מיך ניט, איך ווער ניט פאַרמאַטערט,
און וואָס עס מאַכט זיך נאָר — דאָס איז גוט.
ווען אַרבעט ווערט אַ שפּיל, איז לעבן — אַ טעאַטער,
קען מען אַרבעטן אַ סך, מיט קוראַזש און מוט.

כ'האָב ליב תמיד זיין ביז איבערן קאָפּ פאַרנומען,
זיין פאַרהאַוועט, זיין פאַרשמייעט, זיין פאַרטאָן.
ס'איז ווי איך וואָלט אין דער צייט געשווומען,
און פרייד פון שאַפן אין מיינע הענט — אַ פאָן.

כ'בין אַ שותּף מיט דער צייט געווען אַלעמאָל —
כ'זאָל זי פול מאַכן מיט אַרבעט, מי און לעבן.
ס'האָבן זיך די טעג שענער אויפגעראָלט
ווען די אַרבעט האָט קראַפט און גלויבן מיר געגעבן.

אַרבעט אָן פּרנסה

אַרבעט איז דאָ אָן אַ שיעור, אזוי פיל,
נאָר אז ס׳קומט צו פּרנסה ווערט אזוי שטיל.
לייגט מען די כּוחות — פיל און גאָר שווער,
און די פאַרדינסטן ווערן ניט מער.

קומט מען אַהיים איז שוין פינצטער און שפּעט,
וואַרפט דיך די מידקייט אריין אנעם בעט,
נאָר איידער וואָס־ווען גרויס דער באַגינען
און ס׳וויל נאָך דער שלאָף ניט צערינען.

גייסטו אין האַלבשלאָף ארויס אין דער וועלט
ביז אָוונט דו וואַנדערסט ארום, ווי פאַרשטעלט,
נאָר ווידער די אַרבעט מאַכט דיר אזוי מיד,
אז ס׳ברעכט דיר אין אָוונט יעטווידער גליד.

און ס׳קלייבן אזוי אין צרות זיך די יאָרן —
די נעכטנס די גרויע — טעג וואָס פאַרלאָרן,
און צום סוף בלייבסטו צעבראָכן, אליין,
ווי אויף וועגן זיך וואַלגערט אַ שטיין.

געדאַנקען

מיינע געדאַנקען ריידן צו מיר אין מאָנאָלאָגן,
אָדער איך אַליין דערצייל אַ מעשה זיך —
טרעפט: כ׳קען די רייד אייגענע ניט פאַרטראָגן,
ווייל כ׳בין פאַרנומען צופיל נאָר מיט זיך.

קנוילן זיך געדאַנקען קונציק, ווי אַ שפיל —
קריכן אַן פאַמעלעך און יאָגן זיך אַוועק גאַלאָפ,
ווי קערנער אין אַ שפייכלער קלייבן זיי זיך פיל —
מיט געדאַנקען ווערט אָנגעשטאָפט אַ פולער קאָפ.

פאַראַן צו טראַכטן אָן אַן אויפהער — טאָג און נאַכט,
פאַר יעדע זאַך געפינען מיין, באַשייד און זין,
פרוווסט דערגרונטעווען ס׳לעבן, ווען דערוואַכסט
און אויפן האָריזאָנט צאַפלט פריש אויף אַ באַגין.

שטרענג איך אָן זיך די געדאַנקען אויפצוקלייבן
אין די שורות זינגעוודיקע פון מיין ליד,
און אויף וויפל כ׳קען נאָר טו איך זיי פאַרשרייבן —
ביז איך פאַל אַוועק פון געדאַנקען מיד.

אַפּאַטיע

פלוצלינג טרעפט: כ׳ווער אַזוי שווער און מיד,
די שלאַפקייט שטעכט זיך אַריין אין יעדן גליד,
אויפן האַרצן ווערט קאַלעמוטנע און ניט גוט —
ס׳הייבט אָן זינקען, ווי אַ שיף, די מוט.

ווער איך שוואַך, אָן אַ ווילן, מאַט און פויל,
און די הימלען קוקן אויס שוואַרץ, ווי קויל,
און ווי אין מיטן נאַכט ציט מיך צום שלאָף,
נאָר דער טאָג ציט זיך אָן אַ ברעג, אָן אַ סוף.

זיץ איך ביז שפּעטע שעהען אין זיך פאַרטראַכט,
נאָר אָן אַ שיעור לענגער ציט זיך איצט די נאַכט.
ליג איך אינגאַנצן אין זיך אַריינגעטאָן —
און עס אַרט מיך ניט וואָס אַרום גייט אָן.

און ווי עס וואַלט זיך אויסגעשעפּט מיין לעבן —
צווישן ערד און הימל טו איך שוועבן,
און די אַפּאַטיע אויף מיר גיט זיך אַ לאָז,
נאָר מיך קימערט ניט — און כ׳ווייס ניט פאַרוואָס.

אַוועק

איך וועל מיט לידער היינט זיך ניט שפּילן,
ווייל אַוועק מיטאַמאָל זיינען אַלע געפילן,
פון מוח פאַרשוווּנדן אַלע געדאַנקען —
און אויף דעם אַלעם טוט אזוי באַנג מיר.

אַלץ איז צערונען, ווי זון אין פאַרגיין,
און אַ פרעמדע געלאָזן מיך — איינער אליין —
אויף נאַכטיקע סטעזשקעס — פוסטע און וויסט,
און אויף אַלץ וואָס אַוועק אזוי שטאַרק מיך פאַרדריסט.

אומזיסט כ׳האָב געוואַרט אונטערטעניק און שטיל,
אז אין האַרצן זאָל אויפגיין אַ ליכטיק געפיל
און זיין מיר אַ הילף אין מיין שרעקיקן קלעם,
נאָר אַלץ איז אַוועק — כ׳בין געבליבן פאַרשעמט.

ווערט בלאַסער מיין וואָרט, אומעטיק, מיד,
און ס׳בינדן זיך שורות ניט אויף אין אַ ליד,
ווי פון לעבן פאַררוקט כ׳וואָלט געוועזן גאָר ווייט
און ניט איין געדאַנק האָט אין מיר זיך באַנייט.

גראָם איך און גראָם — נאָר אַלץ קומט פאַרקערט,
און ס׳ווערן די שורות נאָך מער מיר פאַרשווערט.
כ׳וואָלט נאָר וועלן מיין עלנט מיט ווערטער פאַרטרייבן —
און הינטער די ווערטער מיט זיך אליין בלייבן.

וואָס איז מיט מיר געוואָרן?

וואָס איז מיט מיר געוואָרן?
נאָכאַנאַנד באַפאַלט מיך אַ שלאָף,
ווי כ׳וואָלט עפּעס פאַרלאָרן
און זוך עס אין אַ חלום אָן אַ סוף.

אין חלום די אויגן זעען — פאַרמאַכט
מיט קאָפּ אויפן קישן דעם האַרטן —
ווער שלאָפט עס בייטאָג און ביינאַכט?
צי קען איך שוין גאָרניט דערוואַרטן?

נאָר שטענדיק בין איך אַזוי מיד,
ווי כ׳וואָלט ביימער געהאַקט אין אַ וואַלד.
שווער ווי בליי אַ יעדער גליד,
און שלאָף — ווי אַ גזלן באַפאַלט.

און שווערער נאָך איז דאָס געפיל,
וואָס שטעכט אין מיין האַרץ ווי אַ דאָרן:
ווער שפּילט מיט מיר אָט די שפּיל?
ווער וויל איך זאָל ווערן פאַרלאָרן?

ווייטיקן

מײַנע ווייטיקן אין מיר
וואַרפֿן אָן אַ שווערע שרעק,
כ׳פֿיל זיי אין מײַן יעדן ריר —
זיי ווילן ניט פֿון מיר אַוועק.

זיי שפּיגלען זיך אין מײַן געוויין,
וויברירן אין מײַן האַרץ, מײַן טאָן,
דערדריקן מיך, ווען כ׳בלייב אַליין,
זיי מאַכן טעג מײַנע מאָנאָטאָן.

די שמערצן, אין מײַן גוף פֿאַרשטעקט,
זיי מאַכן שלאָף און מיד,
ווי לעבן וואָלט זי שוין געעקט
און אין אַ רגע ווערט ער ניט.

דערפֿיל איך ווי דער סם פֿון גאַל
אין מײַנע אָדערן שוין רינט,
און ס׳גיט די מוט אַ זינק, אַ פֿאַל,
און כ׳ווער אין טרויער אײַנגעשפּינט.

מיין צעבראָכן האַרץ

איך וואָלט וועלן מיין צעבראָכן האַרץ אויסהיילן,
מיט אַ ביסל פאַרגעניגן אויפזינגען, זיך פרייען,
און זאָלן זיין די פריידן טאָפּלטע, פאַר צווייען,
פאַרוואָס נאָר פּיין און שמערצן זיך אַליין פאַרטיילן?

נאָר עס דריקט דאָס האַרץ, לאָזט ניט אָפּ קיין רגע,
מיינע אויגן שטענדיק רויט און פייכט פון וויינען.
יסורים שניידן זיך אריין אין לייב, ווי טעמפּע זעגן,
אָ, זאָל כאָטש אַ טראָפּן פרייד אריין אין מיינע ביינער.

דאָס לעבן האָט געמאַכט פון העלן טאָג אַ בלייכע נאַכט,
מיין האַרץ צעפּרעסן האָבן צרות און פאַרדרוסן.
אָ, ווען אַ שפּעלטעלע צו גליק וואָלט זיך אויפגעמאַכט,
וואָלט איך דער גאַנצער וועלט באַפאַלן קושן.

נאָר פון מיינע גלידער אויסגעזויגן איז די קראַפט,
דאָס גיפטיק שלענגעלע אין האַרצן טוט אַ פּיק, אַ ביס.
אָ, גאָט, טו ארויף אויף ליפּן מיינע טרייסטונג־זאַפט,
אז מיין לעבן ווידער ווערן זאָל האָניקדיק פאַרזיסט.

צעבראָכן האַרץ

צעבראָכן האַרץ, פאַרצערטס,
וואָס וויל מען פון דיר האָבן ?
אַלץ וואָס דיך צעשטערט,
מ׳וועט אין דיר פאַרגראָבן.

ווו ערגעץ אַ פאַרדרוס,
וועט מען דיר פאַרטרויען,
מיט יעדן בייזן גרוס
וועט מען דיר פאַרנאָיען.

טאָ הער זיך גאָרניט צו
וואָס זיי דערציילן אַלע,
ווייל ווו אַ צרה — דו,
ביסט אַ האַרץ — פאַרפאַלן.

מען וויל דיך ניט פאַרגעסן,
ס׳טוט זיי גאָרניט באַנג —
זיי וועלן דיך צעפרעסן,
ווען דו ביסט אזוי קראַנק.

אַבי זיי פירן אויס
וואָס זיי דערציילן ווילן —
זיי ריידן ס׳האַרץ זיך אויס,
נאָר דו מוזט פילן, פילן...

נאָך אַ קראַנקייט

כ׳האָב מיין שוואַכקייט זיך אליין פאַררעדט
און מיט צרות קוים אַראָפּ פון בעט,
נאָר געבראָכן איז געווען מיין מוט,
ווי אויסגעברענט וואָלט לעצטע גלוט.

פאַמעלעך כ׳האָב געשאַרט זיך ביי די ווענט,
און אין שפּיגל זיך ניט מער דערקענט.
מיט אויגן אָנגעלאָפענע מיט טרערן,
האָב איך געשליאָנדערט מיט אַ טראָט אַ שווערן.

פּלוצלינג פאַלט מיך איין: זיי שטאַרק!
טו זיך אָן, גיי אַראָפּ אונטן, אינעם פּאַרק —
דאָרט זיינען ביימער, מענטשן, גראָזן,
ווייל ערגער איז צו זיין אליין, פאַרלאָזן.

מיט שוואַכע טריט בין איך אין פּאַרק אַראָפּ,
געשווינדלט האָט דער ווייטיקדיקער קאָפּ, —
נאָר ווי כ׳האָב פרישע לופט אריינגעצויגן אין די לונגען
האָט זיך דאָס לעבן פריידיק אַרום מיר צעזונגען.

איבערדריסיק

עס ווערט איבערדריסיק צו האַלטן די פעדער
און שרייבן די שורות די זעלבע כסדר.
ס׳ווילט זיך אַ הייב טאָן, ארויס אין די גאַסן,
שפּאַצירן אין דרויסן ביז טאָג הייבט אָן בלאַסן.

אַ וואַרף טאָן דאָס העפטל, די בויגנס פּאַפּיר —
איז וואָס אז מ׳גיט נאָך אַ שרייב, נאָך אַ שמיר ?
גענוג זאָל שוין זיין מיט די לידער, פּאָעמעס,
ס׳איז מיר דערעסן, איך מיין עס באמת.

טו איך אַ הייב זיך, ווי אַט וואָלט געברענט דאָ —
עס דריקן די ענגע, די שטוביקע ווענט דאָ,
נאָר פון דרויסן עס בליאַסקעט דער טאָג אזוי פיין,
עס ווינקט און עס רופט אזא זוניקע שיין.

קען איך שטוב שוין מערניט פאַרבלייבן
און ס׳ווילט זיך די צייט מיט עפּעס פאַרטרייבן :
אריינגיין צו שכנים — אַ שפּיל טאָן אין קאָרטן,
און שפּעטער — שפּאַצירן אין זוניקן גאָרטן.

מידקייט

זיץ איך אין שטיבל אזוי זיך, אליין,
און האַרץ מיינס איז פול מיט געוויין,
זינג־צו פאַר זיך אַזאַ אומעטיק ליד
פון לעבן וואָס מאַכט מיר שוין מיד.

די יוגנט אַ חלום געוועזן איז און גאָר,
נאָר אין לעבן אז מ׳טוט אזוי ווייט אַ פאַרפאָר,
קומט עלטער אָן מיט זיין קרעכץ, מיט זיין טרער
און לייגט אין די ביינער זיך — ווי בליי אזוי שווער.

איז שווער צו האַלטן די אויגן נאָך אָפן,
און שווערער נאָך ס׳איז איינצושלאָפן,
ווי כ׳וואָלט אין אַ פוסטקייט די יאָרן צעפּטרט
און כ׳בין שוין פון לעבן פאַרמאַטערט.

און דאָס לעבן — מיט יעטווידן טראָט,
טרייסלט זיך, טוט זיך אָט באַלד אַ צעשאָט,
ווי ס׳וואָלט זיך געענדיקט אַ קאָן —
און ווילסט שוין קיין זאַך מערניט טאָן.

אָבער אפילו פון לעבן שוין מיד —
פאַרענדיקן ווילסט נאָך דיין ליד,
נאָר פעדער זיך שאָקלט אַ לויזע אין האַנט,
כאָטש קלאָר איז נאָך אַלץ דיין פאַרשטאַנד.

ס׳איז גאַנג פון דער וועלט, ניט די שטראָף,
אז קומען מוז אייביקער שלאָף,
נאָר אין שורה דער לעצטער, דו האָף,
אז אוועקשטעלן וועסטו אַ פונקט ביי דעם סוף.

אליין

אַלע מעגן וויסן אַז איך בין אַליין.
און איך פרעג זיך: ווי אַזוי? פאַרוואָס?
קען איך אַליין עס אויכעט ניט פאַרשטיין
און עס קלייבט אין האַרצן זיך פאַרדראָס.

און עס קומען כסדר אויף מאָדנע פאַרדאַכטן,
אַז עפּעס זיינען זיך צעלאָפן אַלע פריינד.
לענגער ציט דער שאָטן אויס זיך אין פאַרנאַכטן
און אַלץ אומעטיקער ווערט דער הײנט.

דערמאָן איך זיך, אַז אַמאָל געווען איז גוט:
אַ הויז מיט מענטשן פול, מיט ברכות, גליק.
הײנט — אַליין, און פאַרשלאָגן איז די מוט
און אויפן האַרצן אַזוי אומעטיק עס דריקט.

און די עלנט, ווי אַ שטיין, פאַלט און צעברעכט,
פיל איך זיך נאָך עלנטער און פאַרשעמט,
ווי כ׳וואָלט צום טרויער זיין אַן אייביקער קנעכט,
און אין הויז די אַליינקייט — פאַרקלעמט.

ניטאָ איז צו וועמען אויסריידן אַ וואָרט,
כאָטש צעיאָמער די פּוסטקייט אין זיך מיט געוויין,
ווי כ׳וואָלט ניט געקענט זיך געפינען קיין אָרט,
בלייב איך אין שטומקייט פאַרשוויגן, אַליין.

איז אָבער מיר אַלץ נאָך שווער צו פאַרשטיין
פאַרוואָס כ׳בין געבליבן אײנזאַם, אַליין.
און נאָכאַמאָל פרעג איך: פאַרוואָס, אוי, פאַרוואָס?
נאָר אָנשטאָט אַן ענטפער וואַקסט אָן דער פאַרדראָס.

פֿאַרדראָסן

דאָס לעבן ווערט אַמאָל דערעסן
און ס׳טוט אַ קוליע זיך דער הײנט,
ווילסטו אַלץ מיט אַלעמען פֿאַרגעסן —
אי די שונאים, אי די פֿרײַנט.

און מער פֿון אַלץ — די פֿאַרדראָסן
וואָס פֿרעסן אויף מײַן האַרץ און זעל,
ווי עמעץ וואָלט ארײַנגעגאָסן
גאַל און עסיק אין מײַן קעל.

כאָטש איך דאַרף זיך קײנזאַך באָרגן
און עס פֿעלט מיר ניט קײן האָר,
בין איך שטענדיק פֿול מיט זאָרגן —
אַ בײזער חלום אויף דער וואָר.

עס קלײַבן אָן זיך די פֿאַרדראָסן,
וואָס איך האָב דורך טאָג געהאַט,
אין מײַן האַרץ — זײ נעמען ראָסטן
און איך ווער אינגאַנצן מאַט.

שווער צו העלפֿן זיך אַלײן איז —
זאָג איך צו קײנעם ניט קײן וואָרט,
הער אויס אַלע רײד — געמײנע,
און געפֿין זיך ניט קײן אָרט.

אין מײַן הויז איז שטיל

אין מײַן הויז איז שטיל —
אַלײן אין אים פֿאַרקלעמט,
זיץ איך און איך פֿיל
די שטומקײט אויף די ווענט.

גיב איך זיך אַ דרײ,
מיט דער האַנט אַ מאַך —
ווער איך און שאָטן — צוויי,
צוויי פֿרײנד אונטער אײן דאַך.

מײַן שאָטן איז מײַן פֿרײנד,
נאָר קײנעם כ׳וויל ניט זען,
כאָטש כ׳האָב ניט מענטשן פֿײנט,
נאָר גאָט האָט מיך פֿאַרזען.

אונטער ווענט — פֿאַרשלאָסן,
איך עפֿן ניט די טיר,
און ס׳וואַקסן די פֿאַרדראָסן —
קײן פֿרײנד קומט ניט צו מיר.

נאָר כ׳גאַר פֿאַרט נאָך אַ שמײכל,
אַז אַלץ זאָל ווערן שײן,
מיט אַ טראָט אַ פֿרײנדלעך־ווײכן
זאָל קומען ווער צוגײן.

מיין פידל

ווערט מיר אומעטיק — שפּיל איך מיר אַ לידל
און ס׳ווײנט מיין אַלטע כּישופדיקע פידל,
ווייל אין איר פּוסטער ברוסט איך רייד אריין
פון מיין האַרצן גאָר די פּיין.

און ס׳האָט די פידל אַזאַ טרייסט־געפיל,
אַז ווי איך טו אויף איר אַ שפּיל —
אַ צי מיטן סמיטשיק אויף די סטרונעס —
ווערט מיין ווייטיק ווי אויסגערונען.

רעדט זי צו מיר אין איר מוזיקשפּראַך —
ס׳איז אי געפילט און אי געטראַכט —
און אַלץ אזוי מין רירנדיק און שטיל,
ווי אויף דער נשמה כ׳וואָלט געשפּילט.

און מיטאַמאָל זי ווערט אַ פאַסטעכס פליייט,
ווי פון הימלען וואָלט גערונען פרייד,
און איך קען זיך שוין ניט מער באַפרייען
פון דעם צויבערדיקן ניגון אָט דעם נייעם.

ווי אַ באַלזאַם גיסן זיך די טענער
און מיט יעדער רגע ווערט מיין לעבן שענער —
איז מיר אומעטיק, זינג איך אַ ניי לידל
מיטן כּישוף פון מיין אַלטער פידל.

מײַן געזאַנג

עס איז פֿאַראַן עפּעס אין מײַן געזאַנג,
וואָס זשומט אין מיר אפֿילו אָן אַ קלאַנג —
דאָס קומט ווען אױפֿן האַרצן ווערט שווער
און עס ברומט אַ ניגון, גאָר אָן ווערטער.

זינגט עס איז מײַן טיף פֿאַר מיר אַלײן,
קײנער וועט דעם ניגון ניט פֿאַרשטײן —
כ׳וויל אפֿילו ניט מען זאָל אים הערן,
כּדי עס זאָל מײַן אומעט ניט פֿאַרשטערן.

מײַן געזאַנג איז נאָר פּײַן און לײַדן,
איך קען זײַנע קלאַנגען ניט אױסמײַדן —
און די ווײטיקן אַלײן געזאַנגען ווערן,
פֿילן אָן אױג און האַרץ — מיט טרערן.

אױף אַ מינוט לאָזן זײ ניט אָפּ,
זינג איך פֿון האַרצן זיך אַזױ אַראָפּ —
כ׳זינג פֿאַר קײנעם ניט, נאָר פֿאַר זיך אַלײן,
דוכט מיר: אַלץ ווערט בעסער, אַלץ ווערט שײן.

אליין מיט מיינע געפילן

מיט מיינע געפילן קען איך זיין אליין,
זיי זיינען מיר גאַנט, כ׳קען זיי פאַרשטיין,
כ׳קען זייער אומעט, כ׳קען זייען פיין,
וואָס בויערט זיך אין מיין האַרצן אריין.

קריכן די טעג מיינע זינלאָז און סתם
און איך בין פאַרלאָזן, עלנט, איינזאַם,
אזוי ווי פאַרגעסן אין וועג ליגט אַ שטיין —
כ׳זע ניט קיין פנים, ס׳קומט קיינער צוגיין.

און לאַנגע די נעכט — אומעטיק, באַנג,
בלייכע די מאָרגנס — זיי מאַכן מיר קראַנק.
נאָר פון האָפן אַ פונק טוט ווען נאָך אַ ברען :
אויב פרייד מיר באַשערט — ווען וועל איך עס זען ?

נאָר קיינער אַהער וועט ניט קומען צוגיין,
ווייל יעדער פאַרנומען מיט זיך איז אליין,
און צו יענעם צו גיין מיין פוס איז באַשווערט,
ווי איך וואָלט ·געטראָטן אויף פלאַמיקער ערד.

איך פֿאַרשרייב אַלץ

איך פֿאַרשרייב אַלץ, וואָס צייט רוקט אונטער:
דעם זונפֿאַרגאַנג מיט זיין רויטן צונטער,
מיין מינדסטן ריר און מיין יעדן קער
און ווי אויפֿן האַרצן איז מיר שווער.

אפשר איז עס ניט אין אַ בוך צו דרוקן,
אָבער אז איך טו אין די שורות אריינקוקן,
דערזע איך ווי אין שפּיגל — זיך אַליין,
פּאָזעס פֿאַרשיידענע — אי מיאוס, אי שיין.

די געדאַנקען מאַכן עס פֿלינק־באַוועגלעך,
ווי אין אַ מאַשין דרייען זיך די רעדלעך —
ס׳איז פֿון מוח דער קאָמפּליצירטער גאַנג —
וואָס פּראָדוצירט מיין פֿילן, מיין געדאַנק.

פֿון יענעמס גליק ווערט מיין האַרץ אַ צעגליטע,
נאָר פֿון יענעמס נויט ווערט מיר אזוי ביטער —
און איך פֿאַרשרייב עס אַלץ — קליין צי גרויס —
מיין ליד איז ווי אַ שפּיגל אין אַ הויז.

אפשר אַמאָל...

כ׳האָב געשריבן גאַנצע העפטן לידער, גאַנצע ביכער,
נאָר קיין מאָל ניט געווען אין זיך פאַרטרויט און זיכער:
צי זיי טויגן? צי מען דאַרף זיי? צי זיי זיינען פיין?
און ווער ווער וועט זיי באַהאַלטן, ווען איך וועל ניט זיין?

האָט דער טרויער מיר געזאָגט: הער אויף צו שרייבן!
האָט האָפענונג אַ שיין געטאָן: זיי וועלן בלייבן!
נאָר אין מיר האָט אומגלויבן געעקבערט ווי אַ וואָרעם:
וואַרף ארויס די העפטלעך — דיין ליד איז אָרעם.

האָב איך אויף זיך אליין צעשריען זיך אָן קול, פאַרביטערט:
אַ סוף זאָל מיט דעם נעמען, זיי ניט אזוי צעציטערט,
נאָר אין לעצטער רגע דערפילט: מיר אַלץ איז טייער,
און אומבאַפרידיקט ס׳האָט געוואַרט דאָס פייער...

טוט איך די העפטלעך אַלץ נאָך אין שופלאָד באַהאַלטן,
ווייל פאַר מיר לעבן זיי, ווי ליבע, טייערע געשטאַלטן.
און איך טראַכט: אפשר אַ מאָל... ווען כ׳וועל זיין אויס
וועט מיין נאָמען באַקאַנט ווערן און ווערן גרויס.

פיל געשריבן

אָנגעשריבן אזוי פיל העפטן — גאַנצע בערג,
זיי וועלן מיר פאַרשיטן, מיך דערווערגן;
אָנגעקליבן צופיל לידער — גאַנצע הויפנס,
וואָלט מען כאָטש געקענט דאָס פאַפּיר פאַרקויפן.

און וואָס פאַר אַ באַטייט האָבן מיינע גראַמען,
אז עס קומען וואָרט מיט וואָרט זיך ניט צוזאַמען,
אָבער צו דער פען ציען מאָדנע מיינע פינגער,
ווי כ׳וואָלט געווען געבאָרן נאָר צו זיין אַ זינגער.

קען איך דערפאַר ניט אויפהערן די שורות פלעכטן
און ס׳וואַקסט מיין פעקל לידער — שוין אַ רעכטער,
וואָלט איך וועלן גאָר אַ גרויסן בוך אָפּדרוקן,
אז אויף וווּנדער זאָלן מענטשן עס אָנקוקן.

און כ׳וועל מיין אמת טראָגן, ווי אַ פאָן פאָרויס:
מיט מיין שרייבן האַלט איך זיך ניט גרויס!
איך האָב געשריבן נאָר פאַר זיך, פאַר אייגענעם געמיט,
אַניט וואָלט איך קיין אות אפילו ניט פאַרהיט.

נייע לידער

מיין שופלאַד אָנגעשטאָפּט איז מיט העפטן אַלטע,
נאָר מיין ניי ליד ליגט אַלץ אין מיר באַהאַלטן.
פּרוּוו איך היינט עפּעס פאַר זיך אָנשרייבן
און ס׳וועדט מיר שווער, ווי זיך ניי באַלייבן.

נייע לידער! האַלט איך זיך אליין אין טרייבן,
ווי כ׳וואָלט צו אַ הייכן באַרג דאַרפן זיך דערקלייבן,
און ס׳ליגט דאָס פּאַפּיר אומשולדיק און ניט באַרירט
נאָר אַלץ איז שווייגעוודיק, פאַרשטומט אין מיר.

דאָס נייע איז אַן אינהאַלט נאָך, אַזוי זיך סתּם,
און פון די אַלטע איז שוין אויסגעוועפּט דער טעם.
און איך מיט אַלטקייט בין פאַרוועבט, פאַרשפּינט,
נאָר פון די נייע איך האָב נאָך ניט געכאַפּט דעם זין.

גיט זיך האַנט מיינע אַ צי צום ליכטיקן פּאַפּיר,
פאַרשוואַרץ איך אים מיט שורות פונעם אַלטן שמיר —
איך פיל אַז פון אַלטן איך ניט פריי נאָך בין,
נאָר צו נייע לידער זיך נאָך אַלץ ניט דערדינט.

איך וויל שרייבן אַ ליד

הײַנט וויל איך שרייבן אַ ליד,
נאָר מײַן האַנט פֿאַלט אַראָפּ אַזוי מיד,
ווי אויסגעשעפּט וואָלטן געווען די געדאַנקען
און ס׳הייבן די כּוחות אָן צאַנקען.

פּוסט איז מײַן מוח, מײַן זינען,
כ׳קען זיך קיין רו ניט געפֿינען,
ווי ס׳וואָלט זיך אין מיר אַ שדל פֿאַרקליבן
און אַלע געפֿילן פֿון האַרצן פֿאַרטריבן.

פּלוצעם די איינזאַמקייט טוט אַזאַ בויער,
עפֿנט זיך אויף אין מיר, ווי אַ טויער,
דורך אים די געדאַנקען, געפֿילן זיי קומען
און כ׳הייב אָן מײַן לידל צו ברומען.

נאָר ס׳פֿאַלן די ווערטער נאָך שווער מיר,
ווי שרייבן געווען וואָלט פֿאַרווערט מיר.
פּלוצעם קומען שורות צעבראָכענע,
ווי אויסגעבריט כ׳וואָלט זיי אין שויס דאָ.

נאָר פֿאַרוואָס ליגט נאָך האַנט אַזאַ שווערע
און צום שרייבן זי הייבט זיך ניט גערן?
וויל איך מײַן אומרו פֿאַרבאָרגן
און לאָזן דאָס ליד מײַנס אויף מאָרגן.

פּאַפּיר

איך האָב ליב דאָס פּאַפּיר, ווייל עס שווייגט,
כאָטש כ׳האָב אויף אים שוין אַלצדינג פאַרשריבן —
ווי בלעטלעך פאַרשטעלן אַ דינינקן צווייג,
איז אויפן פּאַפּיר מיין סוד שוין פאַרבליבן.

דאָס שרייבן, ווי זאַפּט וואָס רינט אויס,
לינדערט מיין שטימונג, מיין ווילן,
און ווייל עס בלייבן די רייד אין מיין הויז,
קען קיינער אין מיר מער ניט צילן...

דעם פּאַפּיר נאָר כ׳האָב זיי פאַרטרויט
און קיינמאָל וועט ער ניט אויסגעבן —
ווי מענטשן, פאַרקויפטע אין נויט,
פאַר דעם אָטעם פון אייגענעם לעבן.

פון מיין לעבן, מיין צער און מיין קומער
איז פּאַפּיר איצט דער שומר, דער שטומער.
אין פּאַפּיר מיין געוויין כ׳קען דערשטיקן,
מיין שמחה, מיין פרייד, מיינע גליקן.

ווייל עס שלאָפן די אותיות באַזאַכט
ביז עמעצנס אויג זיי דערוואַכט —
זיי טראָגן אין זיך מיינע סודות —
די שטומע פּאַפּירענע עדות.

שרייבן

ניט צעשרייב זיך — וואָס איז דען פּאַפּיר שולדיק
אז עס האַלט אויס דיינע רייד אזוי געדולדיק ?
שרייב נאָר אַ ביסעלע — מיט האַרץ און געפיל —
און מאָל ניט קיין לידער אזוי ווי אַ מיל.

קענסט דאָך מאַכן באמת אַ גאַנצע וועלט מיד
מיט פּאָעמעס טוצן און מיט ליד אויף ליד,
בעסער איז אָנשרייבן נאָר איין גוטע זאַך —
אָבער מיט אַ שמייכל, מיט שפּיל און לאַך.

און עס קען אויך עפּעס אזוינס טויגן,
וואָס איז ניט געשטויגן ניט געפלויגן,
נאָר מ׳דאַרף וויסן, מ׳דאַרף לערנען, קענען,
ווי ווייט זיך מיט אַ וואָרט מ׳קען פאַרנעמען.

מ׳טאָר פון אייגענע רייד ניט ווערן פאַרשייט,
און בעסער אז מ׳האָט דאָס וואָרט פאַרדייט,
דערצו נאָך — זיין אַ ביסל שעמעוודיק און באַשיידן,
ערשט דעמאָלט וועט דיין וואָרט דיר קליידן.

אפשר ניט שרייבן מער

אפשר ניט שרייבן מער — אַ שאָד איז די צייט,
זאָלן געדאַנקען זיך קלייבן, ווי וואָלקנס אין ווייט,
און דער טאָג פון ברכה וועט קומען מיט רעגן און גליק —
וועט אַלץ וואָס פאַרדאַרט איז נאָך וואַקסן צוריק.

און אויב מיינע לידער וועט קיינער ניט זען,
בין איך צופרידן מיט דעם וואָס איך האָב און איך קען,
ווייל צו גוט און צו קענטשאַפט ניטאָ איז קיין ברעג
און איך שרייב נאָר לידלעך פון פשוטע מענטשן און טעג.

איך וויל ניט צעשרייען מיין סחורה אין מאַרק,
ווייל וואָס איך פאַרמאָג, ווייס איך איז ווייניק און קאַרג,
כ׳וויל מיין וואָרט ניט צעפּויקן, ניט ווערן באַוווּסט —
גענוג אז איך פיל מיין ליד אין אייגענער ברוסט.

איז גענוג אפשר שרייבן, ווען צייט איז דערווידער,
און סיוּוּי שוין פול מיין שופלאָד איז מיט לידער —
שוין יאָרן איך טו זיי אין העפטן פאַרשרייבן
און איינס צו אַנאַנדער מיט זאָרג כ׳טו אויפקלייבן.

באַקאַנטע מיר זאָגן : גוט איז ווי דו האָסט געשריבן —
ניט מ׳זעט, ניט מ׳לייענט, ניט ס׳האָט ווער פאַראיבל,
דער עיקר : זיין פאַרנומען, די צייט נאָר פאַרטרייבן,
איז וואָס איז דער חילוק ווי דו וועסט שרייבן.

ניט וויכטיק דער אינהאַלט און אויך ניט די טעמעס,
אויב פאַראַן איז נאָר אייגנס אין דיינע פּאָעמעס,
מיט אַן איינציקן וואָרט, וואָס דו וועסט באַנייען,
וועסטו דיין שאַפן פון פרעמדקייט באַפרייען.

און אויב דו שרייבסט וועגן מענטשן און אַנדערע לענדער,
ווערט דער אינהאַלט פון זיך ווי פאַרענדערט —
און ס'ווערט דיין שרייבן דערפרישט, שענער, באַנייטער,
מאַכסט פלענער פאַר מאָרגן און טראַכסט שוין פון ווייטער.

נאָר איך טו מיין ליד פון אויגן פרעמדע פאַרהיטן,
ווייל עס זוכן די גריבלערס שוין מיך צו פאַרשיטן,
ניט פאַרגינערס אַ כאַפּטע יעדן וואָרט זיי שפּיאָנירן,
לאָז איך אויף מיין טיש בלויז די ווייסע פּאַפּירן.

ווייל כ'וויל אַז ניט גיין זאָל איצט שוין פאַרלאָרן
מיין פעדער, וואָס געדינט האָט אַזויפיל מיר יאָרן,
און זאָל כאָטש איין פריינד מיין בענקשאַפט דערפילן,
אין לידער, וואָס מיט זיי כ'האָב געטאָן זיך פאַרשפּילן.

קען איך מיט וואָרט מיינעם גרינג זיך ניט שיידן,
ווייל אין האַרצן אַ ליבשאַפט — צו שרייבן, צו ריידן,
מיין ליד לאָזט ניט אָפּ מיך, ער איז אַן עקשן —
און כ'בין מיט די העפטלעך ווי צוזאַמענגעוואַקסן.

מיין פעדער און איך זיינען איינס און צוזאַמען —
מיר זוכן אַ וואָרט מיט אַ וואָרט אויף צו גראַמען ,
איז שרייב איך שוין ווידער — אַזוי וועט עס בלייבן,
ביז אויף אייביק מיין פעדער וועט זיך אויסשרייבן.

פּאַמעס און לידער, וואָס ניט געשטויגן, געפלויגן,
אַלץ וואָס נאָר קומט צום מאָמענט פאַר די אויגן,
ניט פאַר פרעמדע איך שרייב, אליין נאָר פאַר זיך,
ביז אונטער לעצטער שורה כ'וועל מאַכן אַ שטריך.

נישט איינמאָל געשריבן

נישט איינמאָל געשריבן אזוי זיך, אָן טעם,
נאָר צייט צו פאַרטרייבן, אָן נוץ, אזוי סתם,
איז ליד מיר געוואָרן אַ לאַסט, אזוי שווער,
ווי כ׳וואָלט זיי, די אותיות — געשטעלט פונקט פאַרקערט.

איך האָב געפילט: עס איז ניט וואָס איך וויל,
מיין האַרץ איז צעשטורעמט — און איך וויל זיין שטיל.
דאַן קומען די ווערטער פּוסט, אויסגעהוילט —
ווי אַ פאַרלאַטעטער בגד, וואָס איז שוין פאַרפוילט.

האָב איך ווייטער געשריבן גלאַט אין דער וועלט —
די באַקן געקניפּן און פאַרב זיך געשטעלט,
כ׳האָב ניט איינמאָל געטראַכט: אַ שאָד דאָס פּאַפּיר,
נאָר נאָך מערער שאָדן געטאָן האָט עס מיר.

נאָר וואָס טויגן די רייד, אז איך אליין ווייס:
ס׳ברענגט מיר דאָס שרייבן אַ ביסעלע טרייסט,
כאָטש ניט איינמאָל ווערט עס אַלצדינג דערעסן
און איך וויל אָן שרייבן אינגאַנצן פאַרגעסן.

און איך וויל צעפליקן, וואָס איז שוין געשריבן,
ווי לעבן מיינס — זאָל שוין אַלץ ווערן צעריבן.
נאָר ס׳ווערט מיר מיין האַרץ פאַרלאָפן מיט בלוט:
אויב ניט פאַר די פרעמדע — פאַר מיר איז עס גוט.

צווייפל

עס וואַקסט אין מיר דער צווייפל אויס:
אומזיסט איך שרייב זיי — מיינע לידער,
אַ ליד מוז זיין אי שיין, אי גרויס,
און מיינע, דוכט מיר, קידער־ווידער.

וואָרט צו וואָרט עס טוט ניט קלעפּן —
שיטערע, האַמעטנע, ווי בליי,
זיי טוען זיך אין צונג פאַרטשעפּן,
מיין זאָג געצוימט איז און — ניט פריי.

פּרעסט דער צווייפל אין געהירן,
בויערט זיך אין האַרצן איין,
ביז איך באַשיימפּערלעך דערשפּיר אים —
ער אין די ביינער קריכט אריין.

אומזיסט דאָס שרייבן און דאָס זוכן!
דער צווייפל וועט פאַרסמען מיר.
שיק איך מיין ליד צו אלדי רוחות
און פאַרהאַק צום וואָרט די טיר.

שרייבן איז גרינג

שרייבן איז גרינג, ניט קיין גרויסע זאַך:
אַ פעדער מיט טינט, און פּאַפּיר — גאָר אַ סך.
נאָר צו געדאַנקען מ׳דאַרף אויך טאַלאַנט,
און אויף קענען שרייבן — דאַרף מען פאַרשטאַנד.

אותיות צו שטעלן איז גאָר ניט קיין קונץ,
שווער איז צו מאַכן פון ווערטער אַ קונסט.
מ׳קען שרייבן אַ זייט, מ׳קען שרייבן אויך צען,
און ס׳וועט ניט זיין וואָס צו הערן, ניט וואָס צו זען.

אַ ליד אויפצושרייבן איז גאָר ניט קיין שפּיל,
מ׳דאַרף קענען פאַרזינקען אין זיך און גאָר שטיל
ארויספּישן יעדן געפיל, וואָס אין דיר,
און דאַן — איז עס מער ווי אַ שטיקל פּאַפּיר.

פאַרגאַנגען

מיר דוכט אַז אַלץ איז פאַרגאַנגען —
און ס'איז אַזאַ מאָדנער געפיל:
פאַרטויבט זיינען אַלע פאַרלאַנגען
און די געדאַנקען — פאַרשטילט.

אַמאָל, אַז כ'פלעג נעמען די פעדער,
האָבן גראַמען געשטעלט זיך אין ריי —
וויביימער באַלאָדן — אין סעדער,
ווי קערנער — אין פרילינג־פאַרזיי.

קוים אַ געדאַנק טוט אַ שפּראָץ איצט,
ווי אַ גרעזל אין פעלדזיקן לאַנד;
קוים אַ געפיל טוט אַ גלאָץ איצט,
ווי אַ פלאַנצל אַ קראַנקס פונעם זאַמד.

נאָר האָפענונג ווינקט נאָך און שימערט
מיט שטראַלן פון זון, אין די טעג,
אַז ווידער וועט ווערן צעגלימערט
געדאַנק און געפיל — מיין פאַרמעג.

משפּחה און היים

2טע ריי פון רעכטס: טייבע סעגאַל און אירע צוויי שוועסטערס — רחל אביטל (ירושלים) און בת־שבע נאַטאַנזאָן־טעװעלאָװיטש (אומגעקומען אין ווילנע).

אייבערשטע ריי, 4טער פון רעכטס: אַ ברודער וואָס איז געשטאָרבן נאָך דער מלחמה, און אַ שוועסטער — אומגעקומען אין ווילנער געטאָ. חוץ דעם זיינען אויפן בילד פאַראַן שוואָגערס, פּלימעניצעס און קרובים, וואָס לעבן אין ישראל.

אויפן בילד פעלן אַ סך משפּחה־מענטשן, איבערהויפּט פון די וואָס זיינען פאַרלענדט געוואָרן אין חורבן און האָבן ניט איבערגעלאָזט קיין צייכן נאָך זיך. אָבער אַ סך פון די וואָס דער גורל האָט זיי אויסגעהיט האָבן נאָך דער מלחמה חתונה געהאַט, קינדער געבוירן און האַלטן לעבעדיק דעם משפּחה־שטאַם.

טײַן טײַערע משפּחה

דער שטורעם האָט ווי בלעטער אײַך צעריבן —
ווער געטאָרבן, ווער פֿאַרבליבן, ווער אוועק על קידוש...
איז מיר פֿון אײַך בלויז אַ בילדעלע פֿאַרבליבן
אַרײַנצונעמען צווישן מײַנע שורות־ייִדיש.

דאָס בילד — דאָס טײַערסטע וואָס כ'האָב געהאַט,
די פּנימער, שמײכלדיקע, שײַנט,
יעדער דאָ טײַער אין געשטאַלט,
איך זע אײַך בײַם לעבן און האַרץ מיר קוועלט.

מײַן טרײסט איז — ס'ליכט פֿון די געזיכטער
און כ'וועל ניט מיד ווערן קוקנדיק אין זײ.
איר שײַנט פֿאַר מיר, ווי יאָרצײַט־ליכטער,
אין שאָטן פֿון אײער קדושה, אײער ווײ.

די געשטאַלטן, פֿאַרקריצטע דאָ אין בלאַט,
דער אָנדענק אײנציקער פֿון יענע העלע טעג.
מיט זכרון אײערן מײַן האַרץ איז זאַט —
צו טראָגן אײַך ווײַטער אויף מײַן וועג.

אַן אײנציקער קוש

איך דאַרף ניט קײן זײדנס,
כ׳וויל ניט קײן גאָלד —
דײן ליבע פאַרבײט עס,
מיר האָבן זיך האָלט.

כ׳וויל ניט קײן הײזער,
קײן זאַלן, קײן פּוץ —
די ליבע — מײן שפּײזער,
ס׳נערט מיך דײן גוטס.

כ׳וויל ניט קײן װײנען,
ניט טאָרטן, די זיסטע,
צוזאַמען צו זײן נאָר
און ברויט — נאָר אַ ביסן.

אָנשטאָט טײערע מעבל,
גאַרדינען פון פּליוש —
כ׳וויל זאָלסט מיר געבן
אַן אײנציקן קוש.

געבאָרן אין אַ זיידן העמדל

אין אַ זיידן העמדל, אין ליבע,
זיינען מיר ביידע געבאָרן,
איז אונדז דאָס מזל געבליבן
נאָר ס׳העמדל לאַנג שוין פאַרלאָרן.

גייט ס׳לעבן אונדז גלאַטיק —
דאָס גליק שפּילט נאָך צו,
מיט רייכקייט באַשאָנקען, זאַטיק,
אָבער דער עיקר — מיט רו.

מיר האָבן די שלעכטס געמיטן
אויף אַלע אונדזערע וועגן,
דאַרפן מיר זיין צופרידן
מיט גוטסקייט וואָס קומט אנטקעגן.

ווי מיר וואָלטן ס׳מזל פאַרהאַלטן
צוזאַמען מיט טעג און מיט יאָרן —
אַ לעבן — מיט ברכות באַשטראַלטן,
נאָר ס׳העמדל מיר האָבן פאַרלאָרן.

דערמאָנונג

כ'האָב דעם זכרון־שפּיגל אָנגערירט —
און ווי ערשט וואָלט עס אַלץ פּאַסירט:
מיר זיצןביידע אויבנאָן —
איך אין ראָז בין אָנגעטאָן,
און דו ביסט אָנגעטאָן אין בלוי,
דיינע אויגן — פריש ווי טוי.
און ס'קוקן געסט, בליקן פאַלן
אויף דעם חתן מיט דער כלה.
שטיל און זיס שפּילט די מוזיק
און מיר ביידע — פול מיט גליק.

פערציק יאָר פון דאַן אַוועק —
ווי פאַרגעסן יענע טעג.
נאָר איצט דערמאָנט זיך יענעם גליק
און יאָרן לויפן אויף צוריק —
פערציק יאָר — צופרידן, פיין,
און עס קומט צוריק די שיין,
ניט פאַרלוירן איז אַ טראָפּ,
כאָטש פאַרגרויט איז שוין דיין קאָפּ.
און מיר גייען נאָך באַנאַנד,
אַלץ צוזאַמען, האַנט אין האַנט.
טאָ בעט איך איצט פאַר יאָרן נאָך
צו טראָגן דעם משפּחה־יאָך.
נחת האָבן פון די קינדער,
און אייניקלעך — גוט און שיין.

דערמאָנונג האָט געטאָן אַ צינד מיר —
זאָל זי צום גוטן זיין, אמן!

מיין מאַן

מיין מאַן האָט מיר צוגעזאָגט אין צייט צו קומען,
ווייס איך ווויל אליין: ער איז צופיל פאַרנומען.
און אז ער קומט אַהיים איז די שעה שוין שפּעט
(מסתמא וועגן מסחר האָט ער ערגעץ זיך פאַררעדט).

ער פאַלט אריין אין הויז אַ פאַרמאַטערטער און מיד,
דערפיל איך אַז עס טוט אים ווי אַ יעדער גליד,
און ווי ער וואַלט אַראָפּלייענען פון מיין פּנים
די פראַגע די שטענדיקע: צוּוואָס און פאַר וועמען?

בעט איך זיך ביי אים: „ניט אַרבעט אזוי שווער,
„פאַר אונדז וועט זיין גענוג, מ׳דאַרף ניט מער!"
נאָר זיין שמייכל פאַלט אַ ליכטיקער אויף מיר:
„נאַרעלע, איך אַרבעט דאָך פאַר דיר און — נאָר פאַר דיר.

„אז דו געזונט זאַלסט זיין — מיין איינציקער באַגער איז,
„און ניטאָ אַזא אַרבעט, וואָס פאַר מיר צו שווער איז,
„וועל איך לאַנג נאָך אַרבעטן פאַר דיר, מיין ליב ווייבעלע —
„און אַלץ ניץ געזונטערהייט, מיין טייבעלע".

אַ נײַער אויטאָ

אַ נײַעם אויטאָ האָסט געקויפט — אַ פרייד,
טאָ לאָמיר אים מיט מזל ניצן און געזונטערהייט
און פאָרן זאָלן מיר אויף שמחות אומעטום,
ווי ווייט די פריינדשאַפט גרייכט אינעם אַרום.

מיט געדולד זאָלסט פאָרן, טראַכטן נאָר פון מיר
און זאָלסט ברענגען גליק צו אונדזער טיר —
זאָלן דיר באַגלייטן מיינע אַלע גוטע ברכות
און אַנטקעגנלויפן זאָל דיר אומעטום הצלחה.

און וווּ מיר וועלן ווענדן זיך און קערן,
זאָל אונדזער גליק דער אויטאָ ניט צעשטערן,
לאָמיר אין די אויגן קוקן זיך — פאַרטרויטע,
מזלדיקע וועגן זאָלן זיין פאַר אונדזער אויטאָ.

ווייל געקומען זיינען היינט גאָר נייע צייטן —
אויף ראַקעטעס צו דער לבנה מענטשן רייטן,
וועט מען באַלד מיט אויטאָס אין דער לופט שפּאַצירן,
נאָר דו זאָלסט אונדזער אויטאָ אויף דער ערד אַלץ פירן.

פערציק יאָר

פון אונדזער חתונה איז היינט שוין פערציק יאָר,
נאָר מיר דוכט: ניט געענדערט האָט זיך אויף אַ האָר,
צוזאַמען זיך געהאַלטן, ווו דער גורל האָט גערופן,
און אויסגעהאַלטן פון לעבן אַלע שווערע פּרוּוון.

און מיר לעבן אַלץ נאָך שטיל, פיין, צופרידן,
די צייט האָט אונדזער פריינדשאַפט פעסט צונויפגעגלידערט.
און די משפחה אונדזערע — אַ לייטישע און גאָר אַ פיינע —
אונדזער לעבן מיט כבוד און איידלקייט באַשיינט זי.

זון און טאָכטער, איידעם, שנור, און אייניקלעך — אַ זעקסער,
קיינער קען אין נחת זיך מיט אונדז ניט וועקסלען,
אַלץ איז שיין און גוט, ווייל — אזא גן־עדן!
און אויף לאַנגע יאָרן מיר זאָלן זיך ניט שיידן.

צו אונדזער שמחה

איך וויל עס היינט געדענקען ווי אונדזער שמחה —
און די דערמאָנונג איז פון ערטער, צייטן — ווייט,
פון יונג־צאַפּלדיקע טעג, פון גוט־געשטימטע —
היינט זיך יערט איינאונפערציקסטער חתונה־טאָג אויפסניי.

די יאָרן זיינען לאַנג שוין ווי אַ ווינט פאַרפלויגן,
נאָר ס'ווערט אונדזער קנופּ נאָך אַלץ נישט לויז.
מיר קוקן זיך נאָך אַלץ — פאַרליבטע — אין די אויגן,
און אין הערצער אונדזערע די ליידנשאַפט נאָך ברויזט.

מ'טאָר ניט זינדיקן און זאָגן: אונדז געוועזן שלעכט איז,
די צייט געוועזן פאַרטיילט איז ווי געוויינלעך,
ווען פריידן קומען מיט דערלייכטערונג פון קרעכצן,
ווי אַלץ וואָס גוט איז — קען עס אויך זיין פיינלעך.

און ס'ווילט זיך ווינטשן: ניט ערגער אויך אויף ווייטער —
ביז צום פופציקער דעם גאָלדענעם — אַזאַ יאָר איז,
און אויב אפילו צאַנקען וועט דער שייטער,
טאָ זאָלן כאָטש בלייבן פונקען, ווי די וואָר איז.

און די עלטער — גרינגער זאָל נאָך זיין איר גאַנג,
און זאָלן טעג נאָך קומען — לויטער, שיין,
און נחת זאָלן מיר געניסן נאָך אויף לאַנג —
און די משפחה זיין צוזאַמען זאָל, אָמן!

אז דו וועסט אויסוואַקסן

א.

אז דו וועסט גרעסער אויסוואַקסן, מיין קינד,
וועסטו וויסן מערער נאָך פון דער וועלט,
ווייל אויב דו ווילסט אַלץ פאַרשטיין אַצינד —
איז עס פאַר דיינע יונגע יאָרן נאָך פאַרשטעלט.

יעדער מוז דורכגיין פון לעבן די שווערע שול
און וויסן, אַז ניט אַלץ קען מען איבערמאַכן —
ס'לעבן מאַכט איינעם קלוג, אַ צווייטן — דול,
איינעם — וויינען, און אַ צווייטן — לאַכן.

מאַכט איינעם גרינג, אַ צווייטן מאַכט — פאַרזאָרגט —
אין לעבן געפינט מען גוטע און שלעכטע ערטער.
און פרווו־נאַר זיין צו עמעצן פאַרבאָרגט,
וועסטו זיך ניט אויסקויפן מיט גוטע ווערטער.

אז דו וועסט, מיין קינד, אויסוואַקסן גרויס —
וועסטו אַלץ פון דערפאַרונג וויסן,
און אויך דער גרויסער, וואָס אין לעבן גייט ארויס,
קען ניט תמיד און פון אַלץ געניסן.

ב.

ניט מיין, אַז אַנדערש איז די וועלט געוואָרן,
ווי זי איז געווען ביז איצט, מיין קינד,
ווייל אַ מענטש עלטערט זיך און ציילט די יאָרן,
נאָר ער זעט ניט ווי די צייט פאַרשווינדט.

ווער ווייסט, מיט יאָרן, דערזען ווי שיין געווען איז
די וועלט פון נעכטן, היינט — שווער דיין פוס —
דאָס האָט די צייט זיך געטאָן אין דיר אַ ריס
און שפּאַלט דיינע יאָרן, ווי מ׳קנאַקט ניס.

ניט גאָט פירט דעם מענטשן און טוט אים אַלץ,
און ניט דער צופאַל איז עס, נאָר מענטשלעכער פאַרשטאַנד.
אויף צו פאַרדינען זיין ביסן ברויט־און־זאַלץ,
שאַפט מענטש מיט זיין שכל, שטרענגט אָן זיין האַנט.

אויב אַ מענטשן אַ גוטער געדאַנק פאַלט נאָר איין
און דערצו האָט ער גלויבן, טראַכט אַז ס׳איז ריכטיק,
זאָגט ער ״יהי״ — אָט אַזוי מוז עס זיין!
עקשנות און מוט איז אין לעבן גאָר וויכטיק.

אַמאָל אָבער טרעפט: אַן אַנטוישטער ער בלייבט,
ביזן ביין ווייטיקט אים און עס פאַרדריסט אים —
ווייל יעדער מענטש לערנט אויף אייגענער לייב,
און ס׳לעבן, מיין קינד, איז פאַרגאַלט און פאַרזיסט אים.

אייניקלעך

אייניקלעך האָבן מיר, קיין עין־הרע, אַ האַלבן טוץ,
יינגלעך איינס אין איינס — זיי זיינען אונדזער פוץ,
וואָלט אָבער איין מיידעלע צום רומל אינגאַנצן ניט פאַרשאַט,
אַ, ווען מיר וואָלטן נאָך אַן אייניקל — אַ ליאַלקעלע געהאַט!

דער עלטסטער איז אַ בחורעץ — שוין גאַנצע פופצן יאָר,
דער יינגסטער — מלא חן איז, אַ זיסינקער ביז גאָר,
און די גאַנצע חברה — פיין דערצויגן, גוט און איידל
(נאָר איך בענק נאָך אַלץ נאָך אַ בעבעלע — אַ מיידל).

און די פנימלעך ביי זיי, ווי זונען ליכטיק, שיין,
און ציכטיק זיינען זיי, זויבער האַלטן זיי זיך, ריין.
זאַכן טראָגן זיי לויט דער סאַמע לעצטער מאָדע,
און אַלע לערנען פיין, מיט חשק און התמדה.

געראָטן, ווייל איז יעדערער פון זיי באַזונדער,
אָבער טרעפן זיי זיך — איז צוזאַמענדיקער וווּנדער.
פאַרברענגען מיט די אייניקלעך איז אַ פאַרגעניגן —
דאַרף מען איינעם קאָרמענען, און אַ צווייטן — וויגן.

אז זיידע־באָבע קומען — וועט עפּעס, ווייסן זיי, געשען
(דערמאָנט מען אונדז כסדר: זיך ווידער מיט זיי זען),
ווייל שטענדיק ברענגען מיר אַ נייע „גוטע זאַך",
און זיי קענען שפּילן זיך ביז שפּעט און זיין וואַך.

טאַ זאָלן מיר דערלעבן נאָר צו אַלע זייערע בר־מיצווהס
(ביי אזעלכע אייניקלעך איז עס דאָך אַ גרויסע מצווה).
ווינטשן מיר דעריבער זיך אליין: געזונט און לעבן,
און ביי יעדן אייניקל זיך מזל־טוב אָפּצוגעבן.

איי, די אייניקלעך

איי, די אייניקלעך, איי־איי!
זיי לאָזן ניט אַ רגע פריי:
דערלאַנג מיר דאָס, גיב יענע זאַך...
אַ טומל, אַ געשריי, אַ קראַך.

זיי לויפן, זינגען, טאַנצן, שפּרינגען,
דאָס גאַנצע הויז זיי פאַרקלינגען,
זיי אַרבעטן מיט פיס און הענט,
אַזש עס טרייסלען זיך די ווענט.

זיי לאָזן אַ מינוט ניט אָפּ
און פאַרדולן דיר דעם קאָפּ;
וואָס זיי זענען איז זיי נייטיק,
נאָר די באָבע — זי פאַרשטייט ניט.

דערלאַנג איך שפּילצייג, נייע זאַכן,
נאָר זיי טוען זיך אויסלאַכן,
אַלץ געהערט זיי! אַזוי זיי מיינען,
און גיסטו ניט — נעמט מען זיך וויינען.

אַלץ וואָס גוט איז

צו דער בר־מצווה פון מיין איניקל בערנאר.

ווערסטו היינט שוין דרייצן יאָר, מיין יינגל,
טאָ זאָל דיין מזל זיין מיט פרייד צעפינקלט.
היינט ווערסטו לויטן דין אַ ייד אַ פולער —
צו טראָגן מצוות יידישע אויף דיין שולטער.

ס׳מיינט: אַ דערוואַקסענער מיט אַלע פליכטן —
טאָ זאָלסטו ווי אַ שנור דיין לעבן ריכטן,
גראָד דיין גאַנג זאָל זיין, זאָלסט אַלץ דערגרייכן,
ביז דו וועסט דערגיין צו העכסטע הייכן.

דער עיקר: טאָן אַלץ וואָס שיין און גוט איז,
ווייל גוטסקייט דערהייבט דעם מענטש און מוטיקט,
מאַך ריכטיק יעדע זאַך און נישט פאַרגרייזיק,
לערן זיך מיט חשק, מיט געדולד און פלייסיק.

זיי ווייסן: יידן האָבן אַלעמאָל געהיט די תורה,
וואָס איר לערע איז געווען די בעסטע סחורה,
ווייל נאָר פאַר חכמה וועט דיר יעדער לויבן,
פון דיין וויסן קען דיר קיינער ניט באַרויבן.

טאָ זיי אין בר־מצווה־טאָג דיינעם געבענטשט:
ליבשאַפט און גערעכטיקייט — דיין מאָס אַלס מענטש.
ווי אַ מוסטער זיי, בערנאר, און נאָר טו עס —
אַלץ וואָס שיין, וואָס ערלעך און וואָס גוט איז!

אינאײנעם מיט אײניקלעך

די אײניקלעך מיט דער באָבען װילן זײן אינאײנעם —
צוזאַמען איז פרײלעך און מ'װײס װאָס װעט קומען,
װילן טאַקע די אײניקלעך מער ניט האָבן קײנעם —
נאָר די באָבע מיט זײ זאָל זײן אַ גאַנצן טאָג פאַרנומען.

אָט דערלאַנגט זי צוקערלעך, ניס און אַלע גוטע זאַכן,
גלאַנצן אײגעלעך מיט נײגער און מען באַלעקט זיך,
טאַנצן אַלע קינדער און מיט פולע מײלער לאַכן —
ביז דער זײדע עפנט אויף אַן אויג, ער װעקט זיך.

זײ ליבן אויך דעם זײדן, װײל ער איז אַ גוטער,
און מ'האַלט אים שוין בײ אַ פאַלע: זײ אין דער מיט.
שפּרינגט מען אַרומעט — װעם אַרט עס צי רוט ער,
אַז דאָס צימער הײבט זיך, אַלץ שוין פליט.

און אָט האָט מען אַרײנגעכאַפּט אין רעדל טאַטע־מאַמען,
װערט דאָס געשרײ גרעסער — דאָס הויז טוט זיך אַ ריר...
און װי אַ קנויל װערן אַלע אויפגעדרײט צוזאַמען —
קײקלט זיך אַרויס געלעכטער דורך דער טיר.

פון קאָרידאָר די שכנים קוקן און זײ שמײכלען:
אַ נחת איז צו זען אַ משפחה אַזאַ פרײלעכע און שײנע.
און אויפן האַרצן גוט װערט, זיסער, װײכער,
װען מיט אײניקלעך צופרידן איז מען און — אינאײנעם.

בלומען צו אונדזער חתונה־טאָג

גייט אין האַרצן אויף אַ בענקשאַפט היינט און נאַגט —
פערציק יאָר געוואָרן נאָך אונדזער חתונה־טאָג,
די צייט האָט זיך געצויגן, ווי אַן אייביקייט געווען,
נאָר אַט דוכט זיך: אַלץ־אַלץ פריש, ווי ערשט געשען.

אָבער געווען איז עס אַמאָל און אַוועק שוין לאַנג —
טוט מיר פאַר די אָפּגעלעבטע יאָרן אזוי באַנג.
אַ מהלך אָפּגעגאַנגען פון דעם נעכטן ביז דעם היינט
און טרויעריקער ווערט, אַלץ שיטערער די פריינט.

נאָר אַט זיינען אָנגעקומען בלומען — בונטן אזוי פיל,
אין ליכטיק־פאַרביקע קאָלירן האָט דער זאַל געטאָן אַ שפּיל —
אויף אַלע טישלעך שטייען וואַזעס — נעלקן, רויזן־קראַנצן
און ניטאָ קיין אָרט מער — כאָטש שפּאַר ארויס די וואַנט שוין.

פון קינדער, פריינט, באַקאַנטע — בלומען גאַנצע קוישן,
באַגריסונגען, ברכות, ווינטשעוואַניעס — גאַנצע שטויסן,
און ס׳ווערט דאָס האַרץ פאַרפולט מיטן גליק פון יאָרן,
ס׳איז אַ צייכן אז מ׳איז אין לעבן ווייט ארייגעפאָרן.

בלומען און ברכות

זיידע־באָבע — שוין פערציק יאָר צוזאַמען —
ווילן אייניקלעך די שמחה ניט פאַרזאַמען:
קומען זיי די ערשטע מיט די קושן
און ברענגען פולע מיילער מיט גרוסן.

נאָך פאַרטאָג זיינען פון זיי אָנגעקומען
טעפּעלעך מיט שיינע בלומען —
פון גרויס ביז קליין — פון אַלע אייניקלעך,
איז דאָס אָבער אַלץ נאָך ווייניקלעך.

זיינען שפּעטער אָנגעקומען קאַרטעלעך אַ סך,
געשריבענע אין אַ קינדישער שפּראַך
נאָר מי טאַזויפיל גוטס און ליבשאַפט,
אז פאַרגעניגן דאָס לייענען פאַרשאַפט.

קומען אייניקלעך פון נאָנט און ווייט —
מיט ברכות אונדז באַשיטן פון יעדער זייט,
און אין האַרצן שפּאַרט אזא מין פרייד
פון משפחה־נחת, וואָס קומט פאַרטיקערהייט...

חתן־כּלה פריילעכס

(פֿאָלקסטימלעך)

די שימחה איז היינט גרויס!
ס׳גייט די שיינע כלה אַרויס
און איבער גאַסן פּויקן צעטראָגן
די פרייד: ס׳אַראַ כלה מיר פֿאַרמאָגן!

קלאַפּט אין די טאַצן! שפּילט מוזיק!
מיט מזל זאָל זיין און מיט גליק!
שטעלט זיך אויס אין רייען אַלע
און אַ וואַרע מאַכט פֿאַר חתן־כלה!

און לכבוד מחותנים, אַלע פריינד,
זאָל מען לוסטיק טאַנצן היינט,
אַ שערעלע, אַ האָפּקע, אַ קאַדריל —
אין ראָד אריין מיט טאַנץ און שפּיל!

געדעקטע טישן כיד־המלך — פֿאַר די געסט —
עולם פון כל־טוב מיט הנאה עסט.
דער זאָל אַ ליכטיקער איז, אזוי שיין,
די כלה שענער נאָך און מלא חן.

דער חתן קושט די כלה הייס,
וואַקסט די שמחה — ליכטיק, גרויס,
עס שטעלן זיך אויף די געסט אַלע
און רופן מיט פרייד: מזל־טוב חתן וכלה!

בריוו

אַט זעץ איך זיך גאָר אַוועק שרייבן בריוו,
אומעטום — ניו־יאָרק, פּאַריז און תל־אביב.
כ׳וועל אויסשרייבן אַלץ, ניט פאַרפעלן אַ וואָרט —
עלעהיי בריוו שרייבן איז אויך אַ ספּאָרט.

און ווי עס פּאַסירט תמיד בעת בריוו שרייבן,
מוז מען געוויסע זאַכן אַ ביסל איבערטרייבן,
טאָ וואָס זשע קען שאַטן נאָך אַ בריוול אָפּקנאַלן,
ווען עפּעס טשעקאַווע קען אַמאָל איינפאַלן.

אין די בריוו כ׳וועל לאָזן די פריינד מיינע וויסן,
ווי מיר לעבן דאָ און פון וואָס מיר געניסן,
ווי מען לאַכט, ווי מ׳וויינט, ווי מען קוועלט,
ווי מיר פאַרברענגען — סתם אין דער וועלט.

און פון קינדער — די חכמה, פון זיי שיקן קושן,
און פון די משפחות — וואַרעמע גרוסן,
אויך אַ פּאָר געדאַנקען זאָגן און אַ וויץ מאַכן,
זאָל מען ביים לייענען די בריוו — אויך לאַכן.

יידיש

דאָס איז יידיש, ס׳איז מיין שפּראַך,
מיט אַ וויין און מיט אַ לאַך,
און פּשוט איז עס, אַזוי גרינג,
יעדער וואָרט עס טוט אַ זינג.

אויב אפילו אַזוי זיך, סתם,
האָט יידיש אויך אַן אַנדער טעם —
ליב עס קלינגט, צאַרט און נאָנט,
יעדער וואָרט איז דיר באַקאַנט.

און גיסטו נאָר אַ שרייב אַ זאַץ,
איז יעדער וואָרט אויף זיין פּלאַץ —
די ווערטער ליכטיק אויסגעשטעלט
און אין זיי קיין אות ניט פעלט.

טרעפט: דו מאַכסט אַ יידיש ליד,
און די ווערטער זיינען מיד,
מיט אַ קרעכץ און מיט אַ ווײ —
אויף יידיש זינגט זיך עס אַזוי.

נאָר ווי עס לייגט זיך אויף דער צונג
טוט עס אַלעמאָל אַ זונג,
אויך — אַ וויין, אויך — אַ לאַך:
יידיש איז די שענסטע שפּראַך.

איך לייען יידיש

איך לייען נאָר יידיש,
ווייל יידיש איז מיין שפּראַך.
ס'איז פּשוט, ניט קיין חידוש —
אויף יידיש כ'וויין און לאַך.

אַ בוך איך לייען — שטיל,
צוערשט די שפּראַך איך פיל,
און די ווערטער — אויפגעקליבן,
ווי אַליין פאַרשריבן.

און פון דעם ווערט מיר גוט —
עס צעוואַרעמט הייס מיין בלוט,
אַלע שורות זינגען לידיש
אויף מיין לשון — יידיש.

יידיש טעאַטער

פון אַלע שפּראַכן קען איך יידיש בעסער פאַרשטיין,
האָב איך ליב אין יידישן טעאַטער צו גיין,
כ׳האָב ליב די קלאַנגען פון אַ יידישן קופּלעט,
ווייל אין מיין היים האָט מען בלויז יידיש גערעדט.

יידיש, מיר דוכט, איז דאָס בעסטע געזאַנג —
אַ לידל אין יידיש מאַכט אומעטיק, באַנג,
ווייל פּשוט עס קלינגט, האַרציק און מאַמיש,
און אַ יידישער פּערז איז מיר נאָנט און איז היימיש.

כ׳קען הערן און הערן און ווערן ניט מיד
און פילן די צאַרטקייט פון יידישן ליד —
ווי ס׳וואָלט זיך געעפנט אַ קוואַליקער גרונט
קומען מיר צו גאַנצע פודן געזונט.

געזאַנגען און שפּילן — אַ וווּנדער, אַ פּראַכט,
כ׳קען הערן אַ טאָג זיי, זען זיי — דורך נאַכט.
איך ליב מיין טעאַטער אויף פּשוטן יידיש —
און בין מיט מיין אייגענעם ליד אויך צופרידן.

מיין קעצעלע

מיין קעצעלע איז אויסגעוואַקסן שיין און גרויס,
דורכן פענצטער גאַנצע טעג קוקט עס ארויס
און זשמורעט די אייגעלעך אין בלענדיקן ליכט,
מיט ווייכע לאַפּקעלעך וואַשט ער זיין געזיכט.

צו מיר טוט ער אַלע ווײַלע גנביש אַזאַ ווונק,
ניט איך זע ווי ער עסט, ניט — ווי ער טרינקט,
ווי ער וואָלט געשטאַמט פון ליידיקגייער, פּריצים,
טוט ער אַ גאַנצן טאָג אויף איין אָרט זיך זיצן.

אַ פּנימל האָט עס ווי אַ מאַגנאַט — ליכטיק, שיין,
נאָר ער טוט זיך וואַשן, האַלט זיך זויבער, ריין,
טאַקע דערפאַר איז ער מיר ליב און טייער,
כ'וואָלט גיין פאַר אים אין וואַסער און אין פייער.

נאָר ער אַן מיר טוט זיך ניט אַ ריר פון אָרט —
ס'וועט ניט העלפן מילך, אפילו ניט קיין טאָרט,
כאָטש ער איז אַ נאַשער, בעט ער איידל און דין־דין —
און וואָס איך לייג אַוועק — גאַנץ איך געפין.

נאָך אַ שפּאַציר

אָנגעשפּאַצירט זיך אַ סך און זיך פֿיין פֿאַרבראַכט,
גיי איך שלאָפֿן איצט, האָט אַלע אַ גוטע נאַכט!
און באַגלייטן וועלן מיר די בילדער, וואָס געזען,
און די קלייניקייטן — וואָס דורכן טאָג געשען.

דער טאָג איז שיין געווען — אַ וווּנדער און אַ פּראַכט,
איצט ווינקט שוין מיט איר רו און שלאָף די נאַכט.
פֿון דעם טאָג זיינען אַלע גלידער מיד און טעמפּ,
ווי כ'וואָלט געוואַלגערט זיך אין פּאַרק — אַ טרעמפּ.

און די אַלע פֿריינד — נאָך יאָרן היינט געטראָפֿן,
שטעלן אויס זיך ווידער — פֿאַר מיין שלאָפֿן,
ווי דער וואַלד מיטביימער, גראָז און בלומען,
ווו מיר זיינען ווי אין בלאָנדזשעניש אריינגעקומען.

דער טאָג פֿאַר מיין אויג טוט ווי רויך פֿאַרגיין,
אַלץ זעט אויס ווי אַ חלום — מילד און שיין,
ווערט פֿאַרטונקלט אַלץ אין דעם אַרום
און עמעצער אין מיין אויער שעפּטשעט שטום.

טו איך אַ פֿאַל אַ מידע, ווי אין אַ טיפֿן טאַל,
מיר דוכט איך הער אין שלאָף מיין אייגן קול —
און איך בין בלויז אַ האַלבע רגע וואַך,
כדי צו זאָגן צו דער וועלט אַ גוטע נאַכט!

אונדזער שטאָט

אונדזער שטאָט, יאָהאַנעסבורג, איז מער ניט צו דערקענען —
פון אַלע זייטן וואַקסן נייע געגנטן און נייע נעמען.
נעכטן ערשט — דאָ און דאָרט איז ניט געווען קיין זאַך,
און היינט זיינען דאָ צעשאָטן הייזער — דאַך אויף דאַך.

די געביידעס שפּרינגען־אויף, ווי ריזן גרויס —
קוואַרטאַלן גאַנצע, מערק, געשעפטן, טומל און גערויש,
און ווו מ׳גיט זיך נאָר אַ ריר, אַ דריי, אַ קער,
ווי שוועמלעך נאָך אַ רעגן וואַקסן הייזער מער און מער.

און שויפענצטער־געפינקל, ווי אַ גלאַזוואַנט אַ פּאַרפּוצטע,
ניט סתם אזוי זיך אָנגעוואָרפן בערג מיט טראַנטעס אָפּגענוצטע,
נאָר מיט אַלדאָס־גוטס געשעפטן בליצן רייך, מיט טעם —
כאָטש שטעל אריין די גאַנצע שטאָט — אַ מאָדעל אין אַ ראָם.

און וואָלקן־קראַצערס שניידן זיך אין די הימלען — הויך,
ארויפצו יאָגן עלעוויטערס, ווי אַ רויך.
אויף ווינקל־גאַסן בייט זיך שנעל דער אויטאָמאָט,
ווי יעדע רגע וואָלט זיך איבערמישן גרין־און־רויט — אַ בלאַט.

און מיט דערזעלבער שנעלקייט בייט זיך אונדזער לאַנד,
וואָס מיט איר שיינקייט איז זי שוין דער וועלט באַקאַנט.
טוריסטן מיט די וווּנדערס זיך קענען זאַט ניט אָנזען —
און מ׳צעטראָגט פון אונדזער לאַנד און שטאָט דעם גוטן שם.

יאָהאַנעסבורג איז אָבער ניט רייכקייט בלויז און שוין,
אירע אוניווערסיטעטן, שולן באַשיינען זי — אַ קרוין,
קונסט־גאַלעריעס, צדקה, מעצענאַטן, הילף און שטיצער,
ביסטו, שטאָט דו גאָלדענע, ווי אַ שטערן אַ צעבליצטער.

מיטן עראָפּלאַן צו קייפּטאָן

אַט פליען מיר צו קייפּטאָן מיטן עראָפּלאַן,
אין פענצטערלעך צעשפּיגלט איז אַ בלויע שיין —
דער הימל אזא ליכטיקער און אזוי ברייט,
אז דאָס האַרץ פון שמחה ווערט דערפרייט.

און די געביידעס אונטן — אזוי קליין,
ווי שפּילצייג פאַרביקע צעשטעלט אין רייען.
איבער פעלדער — צעקעסטלטע אין גרין —
גליטשט זיך אין די הייכן אונדזער פלימאַשין.

און מענטשן זיצן רואיק און פאַרשטילט,
מ׳הערט זיך צו ווי דער ראַדיאָ שפּילט.
די פאָטעלן ווייך, ס׳איז ממש אַ געניוס,
אין געדאַנק שיקט מען צו די היימען אַ גרוס.

ריין איז דאָ און דורכזיכטיק די לופט,
ניט קיינער שטערט, ניט מ׳וועקט און ניט מ׳רופט.
און דאָס עסן ציכטיק איז, שאַפט געמיט,
ווערט עס פאַרצערט מיט טאָפּלטן אַפּעטיט.

אין עראָפּלאַן איז אָנגענעם און ליבלעך־קיל
און דאָס פליען איז אַ פאַרגעניגן, ווי אַ שפּיל.
די קיילעכיקע פענצטערלעך, ווי אין וווּנדערלאַנד,
ווערן אָנגעפילט מיט בלויקייט איבער זייער ראַנד.

פליען אויך די פּאָר שעה אַוועק — ווי ניט געוועזן —
נאָר מ׳קען נאָך לאַנג די רייזע ניט פאַרגעסן.
און אָפּצופרישן די הנאה — אויף דער וואָר —
פליען מיר צו קייפּטאָן יעדן יאָר.

אַ קייפּטאָן־שפּאַציר

אַרויסגעפּאָרן היינט אויף אַ לוסטיקן שפּאַציר —
און ווי אַ כּישוף־קלאַנג האָט אַ ליד וויברירט
איבער אַלע פּלעצער פון דער שטאָט, דער שיינער,
וואָס צווישן שטעט ניטאָ איז נאָך אַזוינע.

די בערג צעפינקלט האָבן זיך אין העלע פאַרבן,
גאָלד־שטראַלן — פון אַלע פעלדזן־קאַרבן,
און קאָליר־געפלאַנטער אין די ביימער, פלאַנצן,
ווי זון אין יעדן ווינקעלע וואָלט טאַנצן.

האָט ים געריסן זיך אַרויפצו מיט די כוואַליעס,
צום בלויען הימל געשפּרונגען אַלע וויילע.
די לופט — דורכזיכטיק, געפילט מיט זוניק ווייַן,
האָט איבער אַלע בערג און ימען ווי אַ שלייער אויפגעשיינט.

מיטאַמאָל האָט די שטילקייט זיך דין־דין צעלידלט
און פון די בערג דער אָוונט האָט אַראָפּגעגלידערט.
לאָמפּן האָבן זיך געצונדן אויף די גאַסן, סקווערן,
און אין הימל אויפגעזילבערט האָבן שטערן.

האָט זיך אויסגעשפּרייט אַרום אַ פינקלדיקע נאַכט,
לבֿנה האָט איבער בערג געקייקלט זיך באַזאַכט.
און דער ים געזשומט האָט, שטיל געפּליסטערט,
ווי ער וואָלט געשעפּטשעט צו דער נאַכט זיין סוד, דעם זיסטן.

קײַף

אויף די בערג ארויפֿצו קריכן קלײנע בײמער,
ווי יעדער וואָלט געווען פֿון באַרג דער שומר —
ווען די קערנער זײנען זײערצײט צום שפּיץ דערפֿלויגן,
האָבן זײ די פֿעלדזן, קרעפּטיקע, אין זיך פֿאַרזויגן.

איצט שטײען זײ שטאָלצע, שווײַגעוודיק און שטום,
נאָר דער ווינט בלאָזט די בלעטער זײערע אַרום.
און ים — צעשטורעמט, וואַרפֿט זיך אויף די פֿעלדזן —
מיט זײער ברוסט האָבן זײ דעם גאַנג פֿאַרשטעלט אים.

שטויסט ער זיך צום ברעג כּסדר מיט אַ ריזן־קראַפֿט,
אויף זײַן רוקן גלאַצן פֿיל ליכטעלעך — פֿאַרגאַפֿט.
פֿון אַלע הײזער ווינקען שויבן — פֿרײלעכע צעגלאַנצט,
און דער ים אין צאָרן שוימט אין ווילדן טאַנץ.

מיט גבֿורה רײַסט ער זיך, ווײל ניט זײַן פֿאַרשפּאַרט,
און דערבײַ — בײטן בלומען, פֿאַרביקע און צאַרט.
קומען מענטשן, קײַקלען זיך אין זאַמד, זיך באָדן —
און זאָל דער ים גײן מיט זײ זיך לאָדן...

שיפן

אַ נעפּל פֿאַרצויגן האָט דעם פֿינצטערן פֿאַרטאָג
און די שיף־סירענעס צום ברעג יאָגן אָן אַ געקלאָג.
הימל, ווי אַ פֿאַנצער פֿון בליי איז צעהענגט,
און ים, אינעם שטורעם, מיט כוואַליעס ער שווענקט.

גיט מען פֿון ברעג צייכנס און סיגנאַלן:
טוט איר אַ ריר זיך — זייט איר פֿאַרפֿאַלן.
פֿאַראַנקערט און האַלט זיך! — עס זשומען די דראָטן,
ווערן כוואַליעס, ווי בערג, אויף פּיצלעך צעשאָטן.

נאָר פּלוצלינג דער הימל ווערט לויטער און ריין,
ווי אַ רויכל, דער נעפּל הייבט אָן צעגיין,
שטעלט זיך דער טאָג גאָלדיק און פֿיין —
און עס שווימען די שיפֿן אין פּאָרט דאַן אַריין.

אונדזער פרײַנדס גאָרטן

האָט אונדזער פרײַנד אַ פּראַכטיק גאָרטן,
אַלץ וואָס וואַקסט דאָרט איז געראָטן,
ביימער הייכע — אַלע סאָרטן —
און מיט בלומען אָפּגעשאָטן.

אויף צווייגן — זאַפטיק־גרינע בלעטער,
זיי מיניען זיך אין ליכט, צעהעלט,
און ווי זײַדנס אויסגעגלעטער —
דאָ שפּילן פאַרבן גאָלדיק־געל.

און דאָס גראָז — אַ ים צעפלאַטערט,
ביימער־שאָטנס — דופטיק־קיל,
לאָזסטו זיך אַראָפּ פאַרמאַטערט
אין בלעטערוויש,וואָס לאַשטשעט שטיל.

קוקסט אויף אַלץ, ווי אויף אַ צויבער.
זון זיך זעצט, זי גייט אַוועק.
און אַ שלייער — גרין צעשויבערט,
דעם גאָרטן פּראַכטיקן פאַרדעקט.

אַן אָוונט צוזאַמען

אַן אָוונט צוזאַמען — זאַלבעפערט,
אין אַ קליין צימערל, אין רעסטאָראַן,
און ס׳האָבן רייד ניט אויפגעהערט —
וואָס געווען און וואָס וועט זיין.

אינטים און וואַרעם און פאַרטרויט,
מ׳האָט דערציילט מיט האַרץ, געמיט,
און דעם געשמאַקן אָוונטברויט
פאַרצערט מ׳האָט מיט אַפּעטיט.

אַ לעמפּל אויף דער וואַנט — אַ רויטס,
אַ פאָטאָגראַף נעמט אַראָפּ אַ בילד,
אין גאַס צוזאַמען מ׳גייט ארויס —
רואיק דאָ און אזוי שטיל.

און שפּעטער אין דעם קינאָזאַל —
אַ פאַרבן־וועלט אויפן עקראַן,
דאָס לעבן נאַקעט, אויפגעפּראַלט
און מיר זיצן אָנגעשפּאַנט.

אַ שטאַרקן מאַן — דער העלד, ער שפּילט
און בייט כסדר זיין געשטאַלט,
דאָ איז ער מילד, דאָ איז ער ווילד —
אַ כאַראַקטער, וואָס זיך שפּאַלט...

און אין שפּעטער שעה פון נאַכט,
מיר האָבן זיך געזעגנט — פיר,
צוזאַמען האָבן מיר פאַרבראַכט
און די פריינדשאַפט מער דערשפּירט.

פריינד

מיר האָבן היינט פאַרבעטן טייערע פריינד,
זיי זיינען ביי אונדז זייער אָנגעלייגט,
וועט אונדזער הויז פון זיי זיין באַשיינט.
דער מאַן איז אַ פּאָעט, וועט ער זען צי ס׳טויג
מיין ביסל שרייבעריי, מיין פּיצל פאַרשטאַנד
און צי איך האָב בכלל אַ שטיקל טאַלאַנט.
אז כ׳זאָג : די צייט צו פאַרטרייבן כ׳שרייב,
האַלט מיין מאַן, אז איך איבערטרייב,
און וואָס איך זאָג, מיינט ער אַלץ קאַפּויער,
וואָלט איך געווען אַ חדר־ייִנגל
וואָלט ער מיר אוודאי אָנגעדרייט אַן אויער.
נאָר איך וויל נאָך אַלץ פון שמחה ניט שפּרינגען,
ווייל מיר דוכט נאָך, אז ס׳האָט ניט קיין טעם —
ניט דער סטיל און ניט דער גראַם,
און אויב ס׳וועט פון דעם ווערן אַ יש,
וועט עס פּשוט זיין אַ וווּנדער, אַ נס.
ווייל זעענדיק די פאַרגרייזטע זאַצן,
קען מען דאָך פון פאַרדרוס אָוועקפּלאַצן,
איז אָבער צו יעדער קראַנקייט דאָ אַ דאָקטער,
וועלן מיר הערן זיין דיאַגנאָז, וואָס זאָגט ער.
און מיר נעמען די פריינד אויף וואַרעם, אינטים
און מיט אַ ברייטן ברוכים הבאים.

נייע פריינד

מיר האָבן נייע פריינד געקראָגן —
אַ משפּחה מיט קינדער און מיט פרייד,
מ׳קען מיט זיי זיך גוט פאַרטראָגן
און געמיטלעכע זיינען די רייד.

און גאָרניט לאַנג האָט עס גענומען
ביז מ׳איז געוואָרן נאָנטע פריינד,
מיט אַ לחיים מ׳האָט באַנעצט דעם גומען
און פריילעך האָבן פּנימער געשיינט.

אַ ליכטיקע איז זייער הויז, דאָס גרויסע,
און די זון גאָלדיק פינקלט אין די שויבן,
און די פריינדשאַפט איז אַזאַ צעברויזטע —
די שטימונגען צעוואַרעמט און דערהויבן.

און אין גאָרטן בליען שיינע ביימער,
אין שווימבאַסיין שפּיגלט זיך דער הימל,
און בלומען פאַרביקע, אַזוי ווי טרוימער,
שיינען אין אַ פרילינגדיקן דרימל.

און צוויי הינט, שטילע, ביי די ווענט
ליגן, ווי אַ צוגאָב צו דער אידיליע,
זיינען מיט פריינדשאַפט פאַרנומען אַלע הענט
אין דער אויסטערלישער פאַמיליע.

דער מאַן אַ פּאָעט איז, קיין עין־הרע,
און די פרוי שפּילט זיס אויף אַן האַרמאָניק,
און די רייד — נאָך שענערע און קלאָרע,
צעגייען דיר אין מויל, ווי האָניק.

און אַלע קינדער זיינען ווי אויף ווונדער —
יעדער האָט עפּעס אייגנס צוגעגעבן:
די עלטסטע טאָכטער פּעאיק איז, באַזונדערס —
זי שרייבט און שפּילט מיט האַרץ און לעבן.

האָב איך אין האַרצן זיי אַזוי געבענטשט:
זאָל אין אייער הויז זיין ליכטיק, שיין,
און האָבן זאָלט איר פון בעסטן, שענסטן!
און מיין מאַן געענטפערט האָט אָמן!

אונדזער שטעטעלע

א.

אונדזער שטעטעלע אַ שטילע איז און אַ קליינע,
אירע געסעלעך — קורצע, שמאָלינקע און ריינע,
אויף דער מאַפּע איז זי קוים צו זען — אַ פּינטל,
און מ׳לעבט דאָרט גאַנץ געדיכט — געזינטל אויף געזינטל.
פאַראַן אַ ריי הייזער — און נאָך אַ ריי אַנטקעגן,
שפּרייטסטו אויס די פיס — ביסט בייביידע ברעגן,
און הייזעלעך פאַראַן, ווי די צאַצקעס אויסגעפּאַרבטע,
מיט הילצערנע געזימסן — פיין־געשניצטע און געקאַרבטע.
כמעט יעדע הויז האָט איר גערטנדל מיט בלומען,
און קינדער שפּילן, טאַנצן, שפּרינגען דאָ ארומעט,
און אַ מאַרק אַ קליינער — פּונקט אינמיטן שטעטל,
מיט גבירים, קרעמער, אַרבעטער און אפילו בעטלער —
און צוזאַמען האָבן זיי ניט וויפל איין ראַטשילד פאַרמאָגט.
איז ווי נאָר עס טוט אַ שפּראַץ אַ נייער טאָג
לאָזט מען זיך ארויס אין מאַרק זוכן אַ מציאה,
און מען דינגט זיך, כאָטש מע מאַכט נאָכניט די קניה;
דרייט מען זיך ארום, מ׳טאַפּט אין פויערישע זעק —
קאָרן, ווייץ און זאָמען — אַ דינג זיך און אַוועק,
נאָר צום סוף פּאַטשט מען צו, אַ פּיים ארויף, אַראָפּ,
און דעם פּויער — פונעם חשבון מישט זיך אים אין קאָפּ.
אויך פאַראַן נאָך גבירים אדירים, יוסטע בעלי־בתים,
זיינען זייערע הייזער ליכטיקע און תמיד זאַטע,
און אַ דינסט גייט איינקויפן פּוטער, אייער, אינדיק —
און דאָס לעבן, חלילה, אזוינער ניט פאַרזינדיקט.

ב.

אַנטקעגן כאַטקעס הילצערנע — אָפּגעקראַכענע און בלייך —
הייבן זיך גבירישע מויערלעך, צוויי־דריי גאָרנס הייך,
און אַז אַזוינער קומט פון אַ יאַזדע וואָס ער האָט געמאַכט,
לויפט שטעטל אָנקוקן די וווּנדער וואָס ער האָט געבראַכט.
און פאַראַן חורבהלעך, אָרעמע, ווי אַ גענעץ פון אַ פליי,
נאָר מ׳האַלט זיי זויבער און עס שמעקט אין זיי,
כאָטש מיט קינדערלעך זיינען אָנגעשטאָפּט אַלע ווינקלען,
און די אייגעלעך ביי זיי מיט גוטסקייט פינקלען;
זיי וויסן: טאַטע־מאַמע אַרבעטן שווער, זיך קווענקלען,
אַז אין שטוב אַ שטיקל ברויט, חלילה, זאָל ניט פעלן,
און כאָטש די גראָשנס טוט מען אַזוי ציטעריק אויסציילן,
וועט מען יעדערן זיין חלק פּיין און אָרנטלעך פאַרטיילן.
אוודאי קען מען קינדער קיין פּאַטראָנעס דאָ ניט געבן —
אין באַשיידנקייט דאַרף מען וויסן ווי צו לעבן.
ווייל אָט קומט ערב־שבת און די וואָך איז ווי פאַרגעסן,
גרייט יעדערער זיך אָן פון שענסטן און פון בעסטן,
דעריבער זוכט מען אינדערוואָכן מערער צו פאַרדינען,
כדי מען זאָל אויף שבת קאָנען זיך פון אַלץ פאַרגינען.
און פרייטיק שוין פּאַלט אַוועק די קינאה, דער פאַראיבל,
אַן אָרעמאַן שמירט אויס מיט טראָן די יוכטאָווע שטיוול,
און פון אַ גאַנצע וואָך אָרומשמייען, פאַרקלעפּט מיט בלאָטע —
פּוצט ער אויס און רייניקט אָפּ זיין איינציקע קאַפּאָטע.
נעמט אַ פּעקל וועש, לויפט אין מרחץ זיך אויסבאָדן —
ווערט ער מיט ריינקייט און מיט שבת־קדושה אָנגעלאָדן.

ג.

פרייטיק צונאַכט נעמט מען די קינדערלעך אין שול אריין
און אַלע שײַנען אזוי ליכטיק, אזוי ריין, אזוי פיין.
און אז מ׳קומט צוריק איז שוין געדעקט דער טיש
מיט קיטקעס, הינער, יויך, צימעס און אפילו פיש.
און אויב ניט גביריש איז דער שבתדיקער „מעניו״,
שמעקט אָבער אַלץ די שטוב מיט זעטיקייט און רו.
נאָר שבת אויפדערנאַכט גיט עס אַלץ, ווי רויך, אַ פלי אַוועק
און ווידער קומען אָן די שווערע, פּראַצעוואַטע טעג.
זונטיק פרי קלינגען שוין די גלאָקן אינעם קלויסטער
און יעדער ייד שוין ווידער מיט זיין טרויער הויזט ער,
ווידער שטעלט זיך איין אין היים דער וואָכעדיקער סדר
און קינדער אין די קלאַסן לויפן, אויך אין חדר.
ציט מען ווידער אָן אין מאַרק די לייוונטענע ביידלעך,
ווידער עפענען שוין קרעמער די טירן פון די קלייטלעך,
און פון אומעטום רופט מען און מ׳רייסט אַ יעדן קונה,
אַלץ באַט מען אָן פאַר פרייזן ביליגע און קליינע —
יעדער לויבט זיין סחורה וואָס איז בעסער, וואָס איז שענער:
שיך און קליידער — פאַר קינדער, פרויען און פאַר מענער,
לעפל, גאָפל, מעסער און — וואָס אַ מויל קען ריידן,
אַ טעפל און אַ פענדל, דזשעגעכץ און אַ ציצן קליידל.
און דורך די פענצטער קלינגען לידער, הודזשען ניי־מאַשינען:
שניידער, שניידערקעס, שוסטער־געזעלן ציען דראַטוועס דינע,
אַ פאַריקמאַכער אַ באַוואָנצטער, ווי אַ פראַנטל, מיט אַ שערל,
און אַ ציגיינער פירט אויף אַ קייט צוויי בערן.
און אויך אַ קינאָ און אַ טרופּע אַקטיאָרן זיינען דאָ פאַראַן —
כאָטש דאָס גאַנצע שטעטל גרויס איז אַ שפּאַן אויף אַ שפּאַן.
און ווען די נאַכט פאַלט אויף די געסלעך מאַט און טונקל,
ווערט אַלץ אין שטילקייט אין אידילישער פאַרזונקען.

מײַן מאַמעס ליכטבענטשן

װען מײַן מאַמע פֿלעגט אַרײַנשטעלן ליכט אין די שבת־לײַכטער
און פֿאַרדעקן צו דער ברכה איר שײן געזיכט,
פֿלעגט זי בלײַבן שטײן װי אַ בת־מלכה אין זײַדענעם קלײד,
מיט אַ שאַל איבערן האַלדז, מיט בלומען אױסגענײט.

און פֿלעגט אַ צי טאָן די שאַל, צו פֿאַרדעקן אירע האָר,
פֿלעגט דאָס פּנים אױפֿלױכטן לױטער און קלאָר.
מיט ליפּן מיט הײסע פֿלעגט זי שעפּטשען די ברכה
און בעטן פּרנסה און לעבן פֿאַר דער גאַנצער משפּחה.

יעדער לײַכטער האָט געפֿינקלט װי אַ גאָלדענע רױז
און צעשפּרײט אַ ליכטיקע פֿרײד אינעם הױז.
איר האַרץ איז געװען פֿאַרפֿולט מיט ליבע, מיט מוט,
און דער שבת פֿלעגט אָנקומען מנוחהדיק, גוט.

נאָכן עסן פֿלעגט טאַטע דערצײלן מעשׂיות פֿון לעבן
און מיר, קינדער, פֿלעגן פֿון זײַנע רײד חלומות זיך װעבן.
און װי לאַנג ס׳איז די צײַט און װי װײַט איז דאָס אָרט —
געדענק איך די מעשׂיות װי הײַנט, יעדן װאָרט.

נאָר דעמאָלט כ׳האָב ניט געװוּסט זײער מײן און באַטײַט,
דאָך געפֿילט זײער טעם און אַז גוט איז די צײַט.
און דאָס לעבן פֿון דאַן אָן אַ לאַנג־לאַנגער װעג —
אױף װעלכן כּמעט אַלע זײַנע פֿאַרשװוּנדן, אַװעק — — —

אַ מעשׂה פֿון אַ קינד און זיין טאַטן

(עפּיזאָד פֿון דער 1טער וועלט־מלחמה)

א.

ער געדענקט קוים איצט זיין מאַמען — לאַנג איז זי געשטאָרבן,
די יאָרן איינס אויף ס'אַנדערע, ווי אַ באַרג שוין אָנגעהאָרבעט.
האָט אים אָבער היינט דערמאָנט דער מאַמעס יאָרצייט
אַ מעשׂה אַ גאָר טרויעריקע פֿון לאַנג צוריק, פֿון וויט.
בעת דער מלחמה האָט דער טויט די מאַמען אַוועקגעריסן,
און דעם טאַטן ערגעצווו — אויף די פֿראָנטן אים פֿאַרשמיסן.
זיינען געבליבן פֿיר יתומימלעך עלנט און אליין,
ער — דער עלטסטער פֿון זיי — מיט אַ הערצל פֿול געוויין.
נאָכדעם ווי די ערד האָט זיין יונגע מאַמען פֿאַרנאָרט —
האָט אים שוין פֿאַר די אַנדערע קינדער שטאַרק געאַרט,
נאָר ניט געווען ביי וועמען צו בעטן, ווו צו באָרגן
און ווער עס זאָל די הויז מיט עפּעס וואָס באַזאָרגן.
ניט געווען וווהין צו גיין, אַהיים — ניט קיין עסן,
זיינען קינדערלעך מיט פֿאַרקלעמטע הערצלעך זיך געזעסן
נאָר אין שטוב איז קאַלט געווען, פֿינצטער ווי די נאַכט,
ס'האָט די אייגענע משפּחה זיך ניט ווייסנדיק געמאַכט.
ווי די גרויסע וואָלטן ניט געקענט באַנעמען און פֿאַרשטיין,
אַז פּיצלעך קינדער ניט לאָזן קען מען אייגינקער אליין —
און ווען דער עלטסטער וואָלט ברויט זוכן ניט געגאַנגען,
וואָלטן אַלע פֿיר פֿון הונגער און פֿון קעלט אויסגעגאַנגען.

ב.

חוץ דעם האָט ער זיין טאַטן מיט ליבשאַפט נאָך געדענקט
און ס׳האָט זיך נאָך אים הייס און שטאַרק געבענקט,
האָט ער גענומען זיין ברודערל און שוועסטערלעך צוויי
און האָט אַ ווינקעלע אין יתומים־הויז באַזאָרגט פאַר זיי.
איז זיי דאָרט געווען וואַרעם אין די מלחמה־טעג —
און ער אליין דעם טאַטן אויפזוכן איז צום פראָנט אַוועק.
האָט ער זיך געשלעפּט אַ הונגעריקער טאָג און נאַכט,
לויט דעם פּלאַן וואָס ער אליין האָט פאַר זיך געמאַכט.
איבער זיין קעפּל קוילן האָבן געפייפט, געפלויגן,
נאָר וואָס קען אים שוין זיין לעבן אָן דעם טאַטן טויגן ?
האָט ער געמאָסטן די פעלדער, אין בלאָטעס געבראָדזשעט —
ביז אין איינעם אַ טאָג צו די סאָלדאַטן פאַרבלאָנדזשעט.
האָט אים אַ סאָלדאַט געפרעגט : „וווּ קריכסטו אין פייער ?"
האָט ער געענטפערט : „כ׳זוך מיין טאַטן, ער איז מיר טייער.
„מיין מאַמע איז געשטאָרבן, בין איך אליין פאַרבליבן,
„האָט מיך נויט און הונגער אַהער געיאָגט, געטריבן.
„און איצט, אז איך האָב ניט מער מיין אייגענע מאַמען,
„וויל איך מיט מיין פאָטער זיין באַנאַנד, צוזאַמען".
אז די סאָלדאַטן האָבן דערהערט אזעלכע רירנדיקע ווערטער
און געזען זיינע אויגן — אומעטיקע און פאַרטרערטע,
האָבן זיי געפרעגט : „ווי הייסט דיין טאַטע, יינגל ?"
האָט ער זיי געזאָגט און ס׳איז אים געוואָרן גרינגער,
ווייל איינער האָט זיך געכאַפּט : „איך קען אים גוט, דיין טאַטן!
בראַווער יאַטל ! גיי אַהין, דאָרטן איז זיין פּאַלאַטע".
און ער האָט מיט אַ פינגער אָנגעוויזן פון דער ווייט :
„זעסט, דאָרט ביים וועלדל, ערגעץ אָן אַ זייט..."
און איידער דער סאָלדאַט האָט זיך אויפגעהערט צו וויצלען
האָט ער שוין אַהין אַ צי געטאָן מיט פלינקע פיסלעך.
און אין מיטן לויפן האָט ער פריילעך שוין געקלערט
אָט אַ גליק, אויפן פראָנט מיין טאַטן זען איז מיר באַשערט !

ג.

אַ פֿאַרמאַטערטער געבליבן שטיין איז ער ביי דער טיר
און געטראַכט: צי האָבן די סאַלדאַטן אים ניט פֿאַרפֿירט?
נאָר ס'האָט דער טאַטע, ווי דורך אַ צופֿאַל, אים דערזען
און ארומגעכאַפּט, געדריקט צום האַרץ מיטביידע הענט.
און פֿון זיין אויג געפֿאַלן איז אויף אים אַ הייסע טרער:
„אוי וויי מיר, קינד, ווי קומסטו אין דעם פֿייער דאָ אַהער?"
און געהאַלטן ארומגענומען האָט ער זיין אָרעם קינד
און געוויינט, געכליפּעט: „וויי איז מיר און ווינד..."
האָט דער טאַטע געחזרט: „וויי איז מיר און ווינד,
„ווי ביסטו אַהער דערגאַנגען, מיין ליב קינד?
„און ווילסטו נאָך בלייבן דאָ — ווי ס'איז דיין פּלאַן,
„נאָר ס'איז ניט קיין פֿראַגע צי פּלאַץ איז דאָ פֿאַראַן —
„אין מיטן העליש פֿייער — וואָס ווּעסטו איצט דאָ טאָן?
„זעסט דאָך: די מלחמה ברענט און צינדט אַלץ אָן".
האָט דער פֿאָטער אַ רגע געקלערט און אַוועק צום באַאַמטן,
און אים דערציילט, אַז זיין לעבן איז פֿאַרסמט אים,
ווייל אָט איז איצט געקומען זיין זונעלע צוגיין —
צי קען ער אים דען לאָזן אין מיטן פֿעלד אליין שטיין?
דער באַאַמטער האָט געענטפֿערט: „ביסט גערעכט, אוודאי,
„כ'וועל דיר געבן פֿאַר אים ברויט און מאַרמעלאַדע —
„מלחמה־צייט איז עס דער בעסטער מאכל, אַ פּאַטראַווע,
„און ניטאָ קיין מילך איז, טאָ מאַך אים שוואַרצע קאַווע".
און ווי אויסגעמאַטערט און מיד דאָס קינד איז ניט געווען,
האָט ער געוואָלט טאַנצן פֿון גליק וואָס איז אים געשען:
געפֿונען האָט ער פּלוצלינג אין מיטן פֿעלד דעם פֿאָטער,
ווי ער וואָלט דערפֿילט, אַז פֿון אַלעליידן ווערט ער פּטור.

ד.

און ווען ס׳האָבן אויפגעהערט זיך שלאָגן דייטש און רוס,
האָט דער טאַטע געגומען זיין יינגל און אוועק אהיים צופוס.
און אז זיי האָבן זיך קוים דערשלעפּט צו זייער הויז,
האָבן זיי דערפילט: אַ קעלט יאָגט און עלנט איז גרויס.
טאַטע געווען איז אַן אַ ווייב, דאָס יינגל — אָן אַ מאַמען,
האָבן זיי דערפרוירענע, אין אימה, זיך געקלאַמערט.
„דאָ קען מען ניט בלייבן!״ האָט טאַטע געמורמלט אין פּיין,
„פאַר זיך מוז איך אַרבעט זוכן, פאַר דיר — אַ ביסל שיין״.
האָט ער געפונען אַ הייזקעלע — אַ ציכטיקס און אַ קליינס,
האָט מען אַלע קינדער אַהין געבראַכט, ס׳איז געווען שיין.
און אַ גוטע פרוי האָט ער געפונען, ערגעץ ביי אַ שכן,
וואָס האָט זיך גענומען ראַמען, וואַשן, קאָכן.
נאָר דאָס הייזעלע איז געווען פון שטאָט אַ מהלך ווייט,
ווייל ניט געקראָגן האָט מען נענטער אין יענער צייט.
נאָר די קינדער מיטן עלטסטן ברודערל האָבן זיך געפילט גוט,
און אז דייטשן זיינען געלאָפן האָט מען נאָכגעשריען: קאַפּוט!
דער פאָטער האָט געאַרבעט אָן אַן אויפהער — וואָכן פול —
די קינדער זיינען זאַטע און צופרידענע געגאַנגען אין דער שול.
זיינען אַוועק די שלעכטע טעג, פאַרגעסן, ווי אַנטלאָפן.
נאָר צייט אַן אָפּשטעל איז געגאַנגען—האָט דערפאַר געטראָפן,
ווי די קינדער וואָלטן מיטאַמאָל גרויס געוואָרן און צעשיינט—
פלעגן זיי שוין אין די אָוונטן פאַרשווינדן מיט חברים, פריינד.
און דער טאַטע פלעגט בלייבן איינזאַם און אליין,
ווי דער שומר פון זיין קליינע, אומעטיקע היים.
האָט ער אין זיין עלנט טיפער זיך פאַרגראָבן,
האָבן די קינדער געזאָגט: „טאַטע, וועסט חופה האָבן!
„מיר האָבן באַשלאָסן — טאָרסט אליין זיך ניט וואַלגערן מער,
„ניט האָבנדיק אַ וואָרט זאָל ארויסריידן צו דיר עמעצער.
„אפילו גאָט אליין קען דאָך אויך אזוי אַ מענטש ניט שטראָפן...״
און ס׳האָט דעמאָלט דער פאָטער די מוטער געטראָפן.

ה.

היינט איז דער סך־הכּול טרויעריק און סמוטנע גאָר:
אויף יענער וועלט זיינען שוין אַוועק די אַלטע פּאָר.
און ווי די עלטערן — זיינען כּמעט אַלע שוין פאַרלאָרן,
פון קיינעם גאָרניט איז געבליבן, צונישט איז אַלץ געוואָרן.
די עלטערע שוועסטער אין רוסלאַנד — ערגעצוו פאַרבליבן?
די יינגערע האָבן די רוצחים אין פייערפלאַם פאַרטריבן,
און ווי אַ טרייסט נאָר געבליבן: מיין מאַן און די משפּחה
(מאַכן מיר אויף דאָס ביסעלע אַ ברכה).
און אונדזער ברודער איז אויך ניט פאַרבליבן אליין —
ער מיט זיין פלימעניק צוזאַמען האָבן זייער היים,
און מיין מאַן גיט אכטונג אויף אַלעמען, אויף זיי.
פאַרענדיק איך מיט די ווערטער פון טאַטן: ווינד מיר און וויי!
ווען ער האָט זיין ליבן קינד דערזען.
און דאָס אַלץ איז בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה געשען.

פרייטיק צו נאַכט

היינט איז אין שטוב יעדער ווינקעלע צעשיינט,
שבת־ליכט אין די זילבערנע לייכטער — העל.
און די מאַמע אליין שיינט ווי אַ בריליאַנט.
דער טאַטע קושט די מזוזה — אויף דער שוועל.

ער שטייט אַ גליקלעכער מיטן סידור אין האַנט,
און מיט דער אַנדערער — די קינדער ארומגענומען.
גוט־שבת! קומט זיין קול ווי פון אַ כישוף־לאַנד
און אין הויז לייגט זיך אויס אַ שטילקייט אַ פרומע.

גייט אים די מאַמע אַנטקעגן מיט אַ שמייכל
און נעמט צו דעם סידור פון זיינע שבתדיקע הענט,
טענצלט טאַטע צו צום טיש מיט אַ טראַט אַ ווייכן
און די שבת־רו שטראַלט אַראָפּ פון אַלע ווענט.

אין שטוב איז רואיק, ליכטיק און ריין,
און פון דעם ווערט לויטער דעם טאַטעס געשטאַלט,
ער מאַכט קידוש און מיר ענטפערן אָמן —
און דער שבת אין קדושה ווערט צעקוואַלט.

די שטיפמאַמע

ווען איך בין געווען גאָר־גאָר קליין
און ניט אַ האָר, וואָס קומט פאָר, פאַרשטאַנען,
בין איך — דעם אמת — געווען דאַר, ניט שיין,
געליטן צרות געגנוג פון דער שטיפמאַמען.

זי פלעגט רייסן, קנייפן, תמיד שלאָגן,
און מײַנע אויגן רויט פון שטענדיק קלאָגן —
די מאַמע האָט מיך פיינט געהאַט, ניט געקענט פאַרטראָגן,
און דער הונגער האָט געיאָמערט אין מיין פוסטן מאָגן.

טאַטע אין געשעפט פאַרנומען איז געווען ביז שפּעט —
איז מיר אָן אים געווען שווער און ביטער,
און אז כ׳פלעג אַ דערפרוירענע אריין אין בעט,
פלעגט מאַמע זיך אָראָפּלאָזן — אַ בייז געוויטער.

און אַ סטראַשע טאָן: „דעם טאַטן ניט דערציילן!
„טאָמער יאָ — וועסטו מער דאָ ניט אריין...“
האָב איך אין שטומעניש געטראָגן מיינע ווייען,
און אין האַרץ געוואַקסן איז די פּיין.

מײַן פֿאַרשניטענע משפּחה

װוּ איך שטײ און װוּ איך גײ,
קומט מײַן משפּחה מיר אַנטקעגן —
זײער אַש און זײער װײ,
װי שטויב אויף אַלע מײַנע װעגן.

קען איך עס אַלײן ניט גלײבן,
נאָר די בענקשאַפֿט ציט און ציט,
כ׳װאָלט יעדן שטױבעלע אויפֿהײבן —
ס׳איז מײַן משפּחהדיקער גליד.

און זײער פֿונק אויפֿצובלאָזן —
דאָס איז דאָך מײַן ציל נאָר,
װײַל כ׳האָב זײ לעבעדיק געלאָזן
אין מײַן הײמשטאָט, װילנע.

דערמאָן איך זיך יעדן אײנעם,
טוליע זיך צו זײער אָנדענק,
קומען צוריק די צײַטן שײנע
און מײַן האַרץ צעװײנט זיך.

כ׳קען טאַטע־מאַמע ניט פֿאַרגעסן,
ס׳ברענט די ליבשאַפֿט װי אַ פֿײער,
פֿון יענע אַלע כ׳בין באַזעסן —
און יעדער אײנער איז מיר טײער.

און זײ לעבן אין מיר װידער,
מיט זײער לעבן — אַזאַ נײעם,
קומט מײַן װילנע אויף פֿון נידער
מיט מײַנע ליבסטע און געטרײַע.

ווילנע

ווילנע — שטאָט וואָס שענער איז פון שיין,
ביסט געוואָרן קדושה, די הייליקייט אליין —
אַלע דיינע יידן אין חורבן אומגעקומען,
נאָר אַלע דיינע קברים — געבליבן שטומע.

ווען מ'וואָלט געקענט אָפּוועגן דיין יעדע טרער,
וואָלט איר פּיין, ווי אַ באַרג געווען שווער;
ווען מ'וואָלט געקענט לעבעדיק מאַכן אַלע ביינער,
וואָלט מען אין דעם קאָשמאַר געהערט ס'קריצעניש פון ציינער.

איז אָבער זייער רויך פאַרשוואונדן שוין פון יעדער גאַס,
און פאַרבליבן איז נאָך זיי בלויז אַ הייפל אַש,
נאָר די ביינער פילן אַלץ נאָך אָן דעם טויטנטאָל,
און אין דער שטומקייט ווערט פאַרגליווערט אויך דאָס קול.

און דאָס געווען איז אַמאָל מיין שטאָט, מיין היים,
אויף מיין האַרצן דריקט איר גורל, ווי אַ שטיין,
אייביק וועט אַ שוואַרצער דענקמאָל דאָרטן שטאַרצן,
ווי אייביק ס'וועט בלוטיקן מיין וווּנד אין האַרצן.

פאַר מיר וועט ווילנע שוין אזוי אייביק בלייבן,
ווייל זי האָט זיך איינגעגעסן אין מיין לייב מיר,
איך זע מיין משפחה, וואָס איז דאָרט פאַרבליבן,
אין פּאָנאַר, ביי ווילנע, אין אַלע אירע גריבער.

ווילנע — מיין היים

מאַדנע, ווי ס׳געדענקט זיך אַלץ וואָס איז געשען
אין צייטן ווייטע, ווען איך בין אַ קינד געווען.
היינט שטייען לעבעדיק און פריש פאַר מיינע אויגן
יענע אַלע יאָרן, וואָס לאַנג זיינען פאַרפלויגן.

ווי פון חלום קומט־אויף אַלץ וואָס איז פאַרגאַנגען,
ווידער צאַפּלען אויף פאַרגעסענע, קינדישע פאַרלאַנגען.
אָט זע איך טאַטע־מאַמען — זוכנדיק אַ מיצווה — פרום,
גרייט צו העלפן, אויף יעדן ניצרך קוקן זיך ארום.

אָט שאָקלט טאַטע זיך איבער אַ גרויסע, ליכטיקע גמרא
און זיין שטים זינגט מיר היינט נאָך אַזאַ קלאָרע.
טאַטע איידל איז, מאַמע ווי אַ טויב איז שטיל,
און אַ שטוב מיט קינדער — קיין עין־הרע אזוי פיל.

עלף געדענק איך — כמעט יאָר ביי יאָר פאַרטיילט —
און פון נאָך דריי, וואָס „אַוועק״, מ׳האָט דערציילט.
יעדער קינד איז געווען גוט און פיין דערצויגן,
אז פאַר גאָט און לייטן זאָל מען זיך אויסטויגן.

מ׳האָט געלערנט קינדער רואיק זיין, ניט טומלען,
מיט כבוד זיך באַציען צו יעדן, וואָס וועט קומען
מיט אויסגעשטרעקטער האַנט — טראָגן אַלע מענטשן
הילף אַנטקעגן און גאָט וועט דערפאַר בענטשן.

געווען איז אונדזער הויז אין אַ ברייט־צעלייגטן הויף,
מיט מענטשן פול, מיט גערויש פון האַנדל און פאַרקויף.
און צווישן קראָמען אויף אונדזער גאַלאַנטעריי־געשעפט.
אַ שטעטל אַ גאַנץ אריינגעשפּאַרט אין איין געהעפט.

אונדזער קראָם מיט סחורה אָנגעשטאָפּט, ווי אַ פולער כוס,
און יעדער אַרטיקל — זיין אָרט, זיין פרייז, זיין מאָס.
מאַמע פלעגט באַגינען שוין לויפן אין געוויל צום געשעפט,
און מיר, קינדער, אין שול אריין — מיט בוך און העפט.

דעם לאַנגן טאָג אין קראָם האָט די מאַמע קוים ארויסגעפּטרט,
פלעגט זי אריינפאַלן אין שטוב אַ מידע, טויט־פאַרמאַטערט.
און אז מ׳האָט זיך אויסגעזעצט אין שטילקייט עסן,
פלעגט דער שווערער טאָג ווערן ווי פאַרגעסן.

זיינען יאָרן זיך געגאַנגען אָן אַ שיעור און פיל,
ביז איינמאָל כ׳האָב געזאָגט דער מאַמען אינדערשטיל
איך האָב אַ בחור, איינער נאָך אזא איז אין ווילנע ניט פאַראַן,
וויל איך אז מיין חתן ווערן זאָל מיין מאַן...

און ער איז געוואָרן — — און אַוועק קיין אפריקע, אליין.
בין איך געבליבן דערווייל ביי טאַטע־מאַמען, אינדערהיים.
און אז צו דער צייט געקומען איז דאָס ערשטע קינד,
האָט מיין מאַן געאיילט זיך, פאַפירן ארויסגעשיקט געשווינד.

און איך בין קיין אפריקע געקומען — אזא צעזוניקט לאַנד —
נאָר ליכטיקער געוועזן נאָך איז דאָס זיין באַנאַנד.
און פּלוצלינג, ווי אַ שטורעם, האָט אויסגעבראָכן די מלחמה —
איז איצט די נייע היים געוואָרן אונדזער שטיקעלע נחמה.

נאָר ווי דער נאַצי־מערדער איז אריין אין מיין שטאָט
(צי קען ווער אויסמאָלן דעם אומקום, ליבער גאָט ?),
מיין ווילנע יידישע צעשרפעט איז געוואָרן, אַש און קויל,
און מיין משפחה אַ צעמאָלענע — אין פּיין און גרויל.

האָב איך אין ווילנע היינט מער קיין לעבעדיק נפש ניט,
נאָר נאָכגעבליבן אַ צעבראָכן האַרץ, אַ צעפּייניקטער געמיט
און דאָס בילד ווי מיין ווילנע איז אין תהום פאַרלאָרן
און ווי פון טאַטע־מאַמעס היים אַ חורבן איז געוואָרן.

איז פון דעם אין מיין האַרץ אַ וווּנד אַ בלוטיקע געבליבן,
און אין נשמה האָט אַ טרויער זיך טיף פאַרקליבן.
האָב איך היינט פאַרשריבן אָט די שורות און געשוואָרן:
פאַר מיר, מיין ווילנע, ביסטו אייביק ניט פאַרלאָרן!

מיין געסעלע

כ׳וועל, מיין געסעלע, דיך אייביק ניט פֿאַרגעסן,
ווייל אין יונגע טעג כ׳בין אין דיין ענגשאַפֿט געזעסן
און איינגעקריצט האָט זיך מיר אין האַרצן יעדער אָרט,
יעדער שטיינדעלע און גרעזעלע, וואָס געווען איז דאָרט.

כ׳האָב געליבט דיך, געסעלע, דיין לענג און ברייט,
דו האָסט מיך אין דער וועלט טרויעריק באַגלייט,
כ׳זע דיך נאָך אצינדערט — אַ פֿאַררוקטע אָן אַ זייט,
און אַנטקעגן קומסטו מיר פֿון חרובדיקער ווייט.

מיט דיין נאָמען היינט איך רים זיך און שטאָלציר,
פֿון בענקשאַפֿטן צו דיר כ׳וועל נאָך איצט פֿאַרפֿירט.
צוריק אויף דיינע שמאָלע לאָווען איך שפּאַציר
און — מיר דוכט — כ׳בלייב שטיין פֿאַר אונדזער טיר.

דו ביסט, געסעלע, אין מיר פֿאַרזונקען אַזוי טיף,
ווי אַ זיסער רעגן פֿון דער יוגנט — טריף נאָך טריף.
אין מיין האַרצן, געסעלע, לעבסטו־אויף באַזונדער,
און איך קוק אויף דיר מיט קינדישן באַוואונדער.

כ׳וועל דיך טראָגן נאָך מיט זיך אַלע מיינע יאָרן,
אין האַרצן — טיף, און פֿריש — אין מיין זכרון,
ווייל דו מיט יוגנט מיינער ביסט געקניפּט, געבונדן,
און אין מיר — אַלע דיינע פֿריידן, אַלע דיינע וווּנדן.

עס דערמאָנט זיך

האָט זיך מיט פּחד צעקלונגען אין שטילקייט אַ גלאָק —
אין מיטן נאַכט אין אַ יידישן הויף, ביי אַ טויער,
האָט די מורא ווי אַ פינצטערע נייעס איר עכאָ געטראָגן:
אויף אונדזערע לעבנס ערגעץ מיט מעסערס מען לויערט.

מיטן מאָרגן איז די שרעק אַנגעוואַקסן. גויים צעיושעט.
אין די גרויסע לאַפּעס האַלטן זיי פאַרקוועטשט שטיינער.
שלאָגן יידן, ברעכן שויבן, רייסן בערד — זיינען צעבושעט.
מענער שרייען גוואַלד, קינדער און פרויען וויינען.

מ׳שעכט יידן. בלוט אויפן ברוק פון שטעטלשע גאַסן.
ס׳רייטן יונגע שקצים, ווי אין אַ פּאַראַד, אויף פערד.
אויגן ברענען מיט רציחה, זיי הוליענען און שפּאַסן.
אַלטע יידן — מורמלען תהילים — באַגראָבן אין דער ערד.

פאַרבאַהאַלט מען קינדער אונטער בעטן, אונטער טרעפּ,
איבערהויפּט די מיידלעך — ווייל יענע טוען אָפּ מעשים...
און מיט פינצטערע אויגן, מיט געזונקען־שווערע קעפּ
נעמט מען זיך צום יאָמערן, די הימלען איינרייסן.

יידן האָבן געלעבט אין פינצטער־תהומיקער שרעק —
האָט מען דאָך געזען ווי מ׳האָט די אייגענע כסדר פאַרשניטן,
ווען גויים האָבן זיך אריינגעריסן מיט בליציקע העק —
איז מען געלעגן אין באַהעלטעניש, געציטערט און געליטן.

און יידן פאַריאָגטע, פאַרקלעמטע אין צוואַנג און מורא
האָבן זיך אין צרות געבייגן נידעריקער ווי גראָז.
ס׳האָבן זיך אויף יידישע קעפּ כסדר געשאָטן גזירות —
דאָס לעבן האָט זיך געבראָכן ווי שערבלעך, ווי גראָז.

האָט מען געטראָגן דעם נאָמען ייד אין שטומען פּיין
און אויפן רוקן איז ווי אַ טאָרבע געהאַנגען געפּאַר,
נאָר מיט איינמאָל האָט זיך אינגאַנצן פאַרצייגן די שיין:
דייטש־נאַצי איז געקומען מיט דעם פינצטערסטן גזר.

און מ׳האָט שוין פריי ניט געקענט מער ארויסגיין אין שטאָט,
אויף אַלע וועגן האָט ווי אַ שריפה געברענט דער האַס,
ווי ס׳וואָלט אונדז אינגאַנצן פאַרלאָזן אונדזער גאָט —
איז אין פלאַמען אַוועק די יידישע גאַס.

און גויים האָבן הנאה געהאַט ווען דייטש האָט געשניטן,
די שנאה האָט ווידער געברענט אין זייערע אָדערן —
און ס׳רעשטל יידן, וואָס מ׳האָט ניט באַוויזן פאַרשיטן
האָט מען כלומרשט צוגעטיילט רעכט, ווי די צייטן פאָדערן.

מיטאַמאָל האָט זיך ווידער די צייט אומגעביטן,
ווי מען וואָלט געוואָרן פון יידישן עסק מיד —
האָט מען אָן חלפים דאָס יידישע לעבן פאַרשניטן
אז עס זאָל מער ניט בלייבן קיין לעבעדיקער ייד.

נאָר אז מען האָט דערזען ווי אַ יידישע פויסט קען שלאָגן,
איז ארויף אויף אַלעמען, ווי אַ וויסטע בהלה —
די גויים קענען מער קיין יידיש פּנים ניט פאַרטראָגן,
ווי צוזאַמען מיט די אַראַבער וואָלטן זיי געליטן אַ מפּלה.

ישראל



ירושלים

ירושלים, דו טייערסטע פון אַלע שטעט, ירושלים!
צוויי טויזנט יאָר האָט מיין פאָלק געבענקט נאָך דיר.
און איצט ביסטו אונדז נאָך טייערער, אָן אַ שיעור —
אַז מיר האָבן דיר דערזען אין דיין רום, דעם נייעם.
מער פאַרשווינדן וועסטו ניט פון אונדז, ירושלים.

מיר האָבן געשוואָרן: אָפּדאָרן זאָל אונדזער רעכטע האַנט...
צוויי טויזנט יאָר פאַרגאָסן טרערן ביי דיין וואַנט.
אָנגעזאַפּט דיין לופט מיט אונדזער תּפילה און געוויין,
און קומענדיק צוריק — געגלעט יעדן זעמדעלע און שטיין,
ירושלים, פאַר אונדז וועסטו אייביק ניט פאַרגיין.

דיין פאָלק ישׂראל שטייט אויף דיינע בערג מיט שטאָלצן קאָפּ.
פון רו און שלום זאָל די ברכה אויף דיין ערד אַראָפּ.
זאָל אין דיינע גרענעצן זיין נאָר פרייד און גליק.
איצט ווען אומגעקערט האָט זיך דיין פאָלק צו דיר צוריק.
ירושלים, מיט דיין הייליקייט ווידער אונדז דערקוויק.

אייביק בלייבט דיין פאָלק ישׂראל אויף דעם אָרט.
דו געוואָרן ביסט פאַר זין דיינע דאָס כּישוף־וואָרט,
וואָס מיט אים געבלוטיקט האָבן זיי, אין האַרצן אים געהיט,
ווען מ'האָט געברענט אויף פרעמדער ערד זייערע טריט.
ירושלים, פאַרזיגלט ביסט פאַר אַלע צייטן אין יידישן געמיט.

ווייל מיט דיר, ירושלים, זיינען מיר געוועזן אַלעמאָל.
יאָרהונדערטער באַקלאָגט דיין חורבן מיט אַן איכה־קול.
אין אַלע תּפילות מיטן פּנים זיך צו דיר געווענדט,
און דיין פייער אין הערצער אונדזערע האָט אַלעמאָל געברענט.
איצט שטייען קינדער אונדזערע — אַ שוץ אויף דיינע ווענט.

י הייליקע וואַנט

יך האָב שוין מיט יאָרן צוריק געהערט פון דער הייליקער וואַנט,
י איינציקע וואָס פאַרבליבן איז פאַרהיט פון אַלטן חורבן־בראַנד,
אָר אז כ׳האָב זי דערזען פלוצלינג מיט מיינע לעבעדיקע אויגן,
אָב איך דערפילט די ציטערדיקע קדושה, וואָס איז אין איר פאַרזויגן.
ין איך געשטאַנען איבערראַשט און צעטומלט פאַר דער שטומער וואַנט
ון געטאַפּט דעם שטיין דעם פּשוטן מיט מיין נאַקעטער האַנט —
אָב איך געפילט ווי עס שטראָמט אַ ציטער פון יאָרטויזנטער אין מיר,
׳האָט מיין האַרץ געפרייט זיך און געוויינט — איך האָב געשפּירט.
ווישן פינגער האָב איך גענומען אַ ביסל פון דעם שטיינער־שטויב,
אַרירט מיט מיינע ליפּן און איך האָב געשעפּטשעט אַ דאַנק, אַ לויב.
׳האָב אזוי אַ לאַנגע צייט די שטיינער הייליקע אַלץ געגלעט —
זטיינער פון דער וואַנט אין ירושלים — די שטאָט פון שטעט!
ון כ׳האָב זיך צוגעדריקט צו דער וואַנט אַלץ נענטער, נאָענט,
י זי וואָלט מיר פון דעם חורבן אָן שוין זיין באַקאַנט.
אָב איך שטיל און מיט ערפורכט געמאַכט אַ פרומע ברכה
אַר שלום אויף ישראל, און שלום אין דער וועלטישער משפּחה.

איך האָב געזען מענער, פרויען, קינדער ביי דער וואַנט צעשטעלט —
יידן אַנגעשטראָמט פון דער מדינה און פון אַלע עקן וועלט.
רבנים אין פוטערנע שטריימלעך מיט ווייסע זאָקן — באַזונדער,
סאָלדאַטן, מיידלעך און ייִנגלעך, טוריסטן — אַלע איין ווונדער.
עס שאָקלען זיך געבייגענע רוקנס, יאַרמלקעס, פּיאות — פרום,
ווערט מיין אַטעם פאַרכאַפּט פון דעם בילד, אַ הייליקייט נעמט מיך ארום.
אַלץ איז דאָ תפילה, געזאַנג און געקרעכץ, געוויין און געברום,
נאָר איך איינע, דוכט מיר, שטיי דאָ פאַרגליווערט און שטום.
אַ סאָלדאַט דערציילט נאָך איינמאָל ווי מ׳האָט די וואַנט פאַרנומען,
דערביי שטייט אַ ייד אין אַ שוואַרצער קאַפּאָטע און בעט: משיח זאָל קומען
אין רו, אויף ציונס בערג, זאָל ישראל זיין דערלייזט און באַזעסן
און די שינאה אויף אייביק זאָל זיין פאַרווישט און פאַרגעסן!
דער סאָלדאַט מאַכט צו די אויגן — זיין תפילה: אַראַבער און יידן
זאָלן שוין לעבן איינס ביי אַנאַנדער גליקלעך, צופרידן!
נאָר די שוואַרצע וואַנט שווייגט פאַרשטיינט, ווי די לאַנגע גלות־נאַכט,
און זאָגט ניט אויס פאַרוואָס הערצער פון שונאים טראָגן פאַרדאַכט.
זי נעמט־אויף די ברכות, וואָס קלאַפּן אין איר אָן אַ סוף
און שיקט זיי אויף גאָלדיקע פליגלען צום הימל ארויף.
ווי אין טויער פון גאָט שטייען דאָ מיט בטחון די מענטשן —
דאָ קומט מען אין נויט, אין צרות און פּיין, מ׳קומט גומל בענטשן.
די האָפענונג דאָ איז כסדר צעליכטיקט — אַ געצונדענער קנויט —
מ׳בעט דאָ אויף געזונט, געזונט, אויף אַרבעט און ברויט.
דער הימל פאַררינגלט די וואַנט — אַזא ליכטיקער ראָד —
דאָ דערוואַרט מען דעם נס דעם גרעסטן, דעם אייביקן סוד,
וואָס וועט אַ פלייץ טאָן מיט געשאַל פון דעם גרויען שטיין:
זיי גרייט, ישראל, דיין משיח שוין קומט ער, אָמן!

ישראל

א.

ישראל איז אַ שיין וווּנדערלאַנד
מיט הימלען בלויע, גאָלד־צעפּינקלט זאַמד,
און די געשיכטע־סליאַדן אַלץ נאָך פירן
צו דעם אַמאָל — אַ צעגלאַנצטער אין קאָלירן.

נאָר היינט שוין נייע שטעט זיך שפּרייטן
איבערן לאַנד — אין זיינע לענגן, ברייטן.
מיט היסטאָריע שמעקט עס, מיט קולטור,
ציען אַהערצו מענטשן, ווי אַ לאַנגע שנור.

אין טעאַטערן, אויף קאָנצערטן, איבער אַלע גאַסן,
אַ קאַליידאָסקאָפּ פון פּנימער און ראַסן.
אַלע זיינען גלייך, ניטאָ קיין אויסדערוויילטע,
ניט אויף קאַטעגאָריעס איז דער מענטש פאַרטיילט דאָ.

יעדער טוט ווי זיין ווילן און ווי זיין פאַרלאַנג,
אין גאַס מ׳עסט, מ׳טרינקט — אַזוי דער גאַנג.
די קעפּ געהייבענע און שטאָלץ מע שפּאַנט,
צווישן מענטש און מענטש איז ניטאָ קיין וואַנט.

מ׳פילט ניט דעם בירגערלעך, דעם סנאָבישן שאַבלאָן,
פּשוט, פיין, כאָטש עלעגאַנט איז מען אָנגעטאָן.
פול איז אומעטום — אין קינאָס, קאַפעס, רעסטאָראַנען,
אויב נאָר אַ פּלאַץ צום זיצן איז פאַראַנען.

דאָס לעבן אין די אָוונטן טומלדיק, געדיכט —
גאַסן פריילעכע און לאָמפּן פלייצן ליכט,
און דער מענטש זעט אויס זאָרגלאָז, פריי —
און לעבעדיקע כוואַליעס לויפן, קומען פונדאַסניי.

שפּאַצירן כאָפּטעס זינגעוודיקע יונגע פּאָרלעך,
און אַ חייל, וואָס אויף חופש איז אַהיים פֿאַרפֿאָרן,
שפּאַצירט מען דאָ צוזאַמען רואיק, אומגעשטערט,
ווי די געמיטער וואָלטן ניט געווען באַשווערט.

מ׳ווייס: ערגעץ איז פֿאַראַן אַ שומר, אַ פּאַטרול.
ווערן אַלע גאַסן, אַלע זאַלן זשומיק, פֿול,
פֿאַרשווינדט די מורא — אַלע נאָענט און ליב,
ס׳יאָגט דער גרויסשטאָטישער, דער אָוונטיקער טריב.

ישׂראל אַליין פֿאַרמאָגט מיט דער וועלט צוגלייך,
און ס׳איז אייגנס — ביי אָרעם צי ביי רייך,
און האָט מען נאָך אַן אויטאָ איז שוין ווויל און גוט —
מ׳דאַרף אין מיטן נאַכט ניט זוכן אַ „שירות״.

אַן דינסטן האַלטן זיי די הייזער זויבער, ריין.
נאָר אין רייכע געגנטן, וווּ אַלץ פֿאַרפּוצט איז, שיין,
מ׳קען דערלויבן זיך עוזרות אַפֿילו אַ האַלבן טוץ,
ווייל אין ישׂראל האָט מען אויך פֿון אַלדאָס גוטס.

און פּאָר קינדער שולן האַלטן זיך אין מערן —
אַ פֿאָלק אַ גאַנץ האַלט אַלץ אין שטודירן, לערנען,
קינד און קייט זיינען אין לימודים איינגעשפּאַנט,
גימנאַזיעס און ישיבהס, קיין עין־הרע, גענוג פֿאַראַן.

אָבער ניט ביי ביכער גאָר די צייט ווערט אויסגעפּילט,
יוגנט איז אין ספּאָרטן אלערליי פֿאַרטאָן, פֿאַרשפּילט.
נאָר אויך די עלטערע, וווּ מ׳זאָל נאָר דאַרפֿן,
אַ פֿלייצע לייגן צו — ביים בויען און ביים שאַפֿן.

העלפן יונג און אַלט דעם שווערן יאָך צו טראָגן,
ווייל זיי ווילן אַז ישראל זאָל פון אַלץ פאַרמאָגן —
דער דאָקטאָר אין שפּיטאָל, דער פויער אין זיין שטאָל,
אין פאַבריק דער ארבעטער, אויפן פראָנט דער חייל.

נאָר אין שטאָט פילט מען ניט דעם פראָנט. געשעפטן גרויסע
מיט מאָדערנע זאַכן, שיך און קליידער גאַנצע שטויסן.
מענער — פאַרפוצטע, און פרויען — מונטער, פריש,
מיט האָר־פריזורן לעצטע מאָדע, פונקט ווי אין פאַריז.

מ׳קריגט דאָ פון דאָס שענסטע און דאָס בעסטע :
גאָלד און זילבער, אַנטיקן מיט דימענטן באַזעצטע,
און פעלצן די טייערסטע, לויט פאַסאָן לעצטן גענייטע,
און „דאָס לעצטע וואָרט״ אין עלעגאַנטע קליידער.

פאַבריקן אייגענע פּראָדוצירן לויטן בעסטן מוסטער,
מאַטעריאַלן — מאַרקעס אין דער וועלט באַוווּסטע.
און וואָס אַ מויל נאָר רעדט, וואָס קומט אויפן זינען,
קען מען אין די שטאָטישע געשעפטן היינט געפינען.

מען טראַנספּאָרטירט אין אויסלאַנד ראָזן און מימאָזן,
טייערע קרישטאָלן, מעבל און די שענסטע גלאָזן,
אויך ביליגע אַרטיקלען קען ישראל מאכן זייער שנעל,
און וואָס ישראל מאַכט — אַלעמען געפעלט !

און אויף די גאַסן קיאָסקן, וואָס מיט דערפרישונג האַנדלען :
גזוז און ניסלעך, צייטונגען, ראַזשינקעס מיט מאַנדלען,
דאָ קען מען זיך ס׳האַרץ דערקוויקן מיט אַלערליי געבעקס —
שטייען מענטשן אין מיטן גאַס און ווי אַהיים — מ׳עסט.

און אויף געשטעלן, אין די מערק פֿאַרקויפֿט מען פֿון אַלץ:
ברויטלעך, גרויפּן, ציבעלע און צוקער, פּעפּער, זאַלץ,
פּלעצלעך, פֿאַלאַפֿעל, צוקערקעס, אַפֿילו אַלטע שקראַבעס,
פֿלאָדן, קוכן, צימרינג, הייוון און בלומען אויף שבת.

און בענק פֿעלט ניט אויס — אויף יעדער גאַס פּאַרזייטע,
ווי מענטשן וואָלטן לעבן דאָ פֿון אַלעם גרייטן.
טוריסטן בייטן „טראַוולער־טשעקס״, מ׳קויפֿט מתנות:
קנעפּלעך, מגן־דודס און ווייס־בלויע פֿאָנעס.

מע באַטאַפּט אַלץ מיט ליבשאַפֿט און אַזוי באַזאַכט,
ווי פֿון סאַמע הייליקייט וואָלט מען עס געמאַכט,
נאָר דער קרעמער פֿלינק איז און ער זאָגט געשיקט:
„מאַדאַם, אַזעלכע קרעלן אין ערגעץ איר ניט קריגט!״

און ער מיט רייד צעלייגט זיך — אַזאַ מייסטער...
די מאַדאַם שאָקלט אַרויס אַ לעצטע פּרוטה פֿונעם טייסטער
און די פּעקלעך שיינען שוין מיט סאַמע עברית־ווערטער —
און מ׳פֿירט ישׂראלס פֿריידן אין אַלע ערטער...

איז מען פֿאַרשמייעט, פֿאַרהאַוועט און פֿאַרנומען,
מ׳באַמערקט אַפֿילו ניט די אַלעען,ביימער, בלומען.
נאָר אָט אַ גאָרטן איז אין מיטן שטאָט, אַזאַ שיינער!
לאָזט מען זיך אַראָפּ אויף אַ באַנק אָפּרוען די ביינער.

אין די הייזער מ׳קען זיך אויך אָפּקילן, אָפּפֿרישן,
די לופֿט איז איינגעשטעלט, אַז מ׳זאָל געניסן:
מאַכט מען קיל ווען היצן ברענען אומדערבאַרעמט,
אויך אין פֿייכטע, קאַלטע טעג — אַ מחיה וואַרעמט.

ב.

און אז מיר זיינען אָנגעקומען אין ירושלים,
ווי די שטאָט וואָלט זיך אַנטפּלעקט מן השמים:
הימלדיק און אַלט די הייזער, גאָרניט אויף קאַטאָוועס,
ווי זיי וואָלטן אויפגעהיט דעם גאַנג פון אבות.

און ווו געשטאַנען איז מיט יאָרטויזנטער ס׳בית־המיקדש,
שוועבט אין דער לופט ישראלס חלום אַ צעוויגטער.
מ׳האָט פאַר דעם געצאָלט מיט בלוט פון יוגנט — טייער,
מ׳פילט נאָך פון זעקס מלחמה־טעג דאָס הייליק פייער.

און די וואַנט די פאַרהייליקטע — דער כותל מערבי,
ווי אויף אים געפלאַטערט וואָלט דער גייסט פון נביא,
ער שטייט אין סודות איינגעהילט, אַ פאַרכטיקע דערמאָנונג,
צייטן ווייטע הערן דאָ ניט אויף צו שטראָמען.

ס׳הייבן זיך די שטיינער — גראָבע, שווערע, דיקע,
אין די שפּאַלטן געוויינען, קרעכצן יידישע — פאַרשטיקטע,
האָבן אָנגעזאַפּט פון הערצער אַלע יאָמערן און תפילה־שאָרכן
קוקן זיי אַראָפּ פאַרטרויערטע־דערלייזטע און זיי האָרכן.

און עס שטראָמען מחנות יידן פון אַלע עקן וועלט אהערצו,
ווער עס שאָקלט זיך, ווער עס לאָזט אַ הייסע טרער דערצו,
ווער עס דאַוונט הייס, זאָגט אַ ברכה, ווער עס שטאַמלט —
ס׳האָבן אַלט און יונג מיט פאַרכטיקייט זיך דאָ פאַרזאַמלט.

ווער עס גיט די וואַנט אַ קוש און ווער אַ גלעט,
מיט אויגן פול געוויין, מיט הערצער פול געבעט,
דאָ קומט מען דאַנקען גאָט, בעטן הילף אין נויט —
איינער פאַר געזונט, אַ צווייטער — נאָר אַ שטיקל ברויט.

אמונה־פונקען ברענען, גליען דאָ אין אַלע אויגן,
שטייען יידן פרומע מיט הכנעה נאָכמער אָנגעבויגן.
און איבער אַלעמען דער הימל אַזאַ בלויער, טיפער,
אויף דער וואַנט דער פּאַרכטיקער מיט זוניק רעגן טריפט ער.

רבנים בערדיקע, ווי שטייגן וואָלטן זיי אויף הימלישע טרעפּ,
זאָקן—ליכטיק־ווייסע, און שטריימלעך פוטערנע—אויף קעפּ,
קאַפּאָטעס יום־טובדיק צעגלאַנצטע, פון אַטלאַס און פון זייד —
פאַרטראָגן זיינען זיי אין וועלטן אַנדערע, ניט ערדישע און ווייט.

בין איך געשטאַנען מיט אָטעם אַ פאַרכאַפּטן, ווי אַנטשטומט,
כאָטש ניט פאַנאַטיש בין איך, אפילו ניט שטאַרק פרום,
נאָר ווי אַ הייליקייט אַנטפּלעקט געוואָרן איז דער היינט —
יידן, איינגעוויקלט אין טליתים, האָבן לויטער זיך צעשיינט.

נאָר טרויעריק געוואָרן איז אין קעלער פונעם חורבן־בראָך,
יעדער נאָמען פון אַ חרובע קהילה—אין האַרץ געטאָן אַ שטאָך.
און זעקס ליכט, וואָס ברענען אויף דער שוואַרצער פאָן,
הינטער זיי קדושה פלאַקערט אין דעם ציפער — זעקס מיליאָן.

דאָ, דער זכר הייליקער, ניט ווערן קיינמאָל וועט פאַרבלאַסט.
דאָ איז באַערדיקט, ווי אַ סימבאָל, אַ הייפל ביינער, אַש,
פון בערג מיט קדושים, וואָס פאַרצערט האָט זיי דער פלאַם —
אַ מצבה נאָך דעם יידישן פאַרברענטן שטאַם.

און אָט די היילן, אַלטע קברים אויף די בערג אַרום,
דערמאָנען אונדז עבר יידישן, עפּאָכעס גרויסע, זייער רום.
און אוהלס הייליקע, מיט דעכלעך קופּערנע איבער זיי,
נאָגן, ברויזן־אויף דאָס האַרץ מיט שטאָלץ און וויי.

און אז מ׳נידערט אין די געסלעך — שמאָלינקע און קרומע —
דערפילט מען ווי די דורות אונדז אַנטקעגן קומען.
ס׳גיט אַ הויך מיט אָטעם יידישן פון אַלטע צייטן,
און חומש־בילדער אונדז צו יעדן ווינקעלע באַגלייטן.

און אז ערב־שבת, אויף דער שוועל פון מנוחה און פון רו,
ווען פאַבריק און מאַרק, געשעפט און ביידל קלאַפּן זיך שנעל צו,
און צו קבלת שבת ציען עדהס יידן צו קלויז און שול —
ווערט דאָס האַרץ מיט אַלטע בענקשאפטן און תפילות פול.

אין אַלטע קרעמעלעך, טונקעלע, ווי להבדיל טיפע נאָרעס,
אויף טישן זיינען אָנגעוואָרפן חומשים, סידורים און גמראָס.
נאָר אָט אַ גלאַנץ טוען געשעפטן, צו דער גאַס צעפראַלטע —
פון די ניי־מאָדערנע ליכטיקע קוואַרטאַלן.

אין פענצטער בליצט דאָס גאָלד און דימענטן — צעשטראַלטע,
די שענסטע קופּער־אַרבעטן, מאָדעלן פון „בצלאל״.
אַן אָנדענק פון ירושלים — מעג עס זיין ווי טייער! —
מוז מען מיטנעמען, ווי אַ פונק פון אַ הייליק פייער.

און ארום — בנינים הייבן זיך ביז אין הימל הויך,
דערביי אַ פּאָליציי־דיזשור, מיליטער, פייערלעשער אויך.
מ׳היט די שטאָט, אירע מענטשן מיט אויגן גאַר־גאָר וואַך,
ווייל שונאים — אָפן און פאַרשטעקט — לויערן אַ סך.

נאָר פון וויטן אָפּגעזונדערט, גראַנדיעז, ווי אָנגעמאָלט —
ליגט די כנסת — אַ באַשיידענע, אַ הערלעכע און שטאָלץ.
און ס׳פאַרכאַפּט דער אָטעם פון אזויפיל הערן, זען,
פון דעם וואָס הײַנט איז און וואָס נעכטן איז געווען.

און ארום ירושלים עטלעכע קיבוצים האָבן מיר באַזוכט,
נאָר דאָרט אַן אַנדער לעבן איז — אייגן מי און אייגן פרוכט.
ווען ארום לויערט פון די ניי־באַזעצטע ערטער אַ געפאַר,
מיט זיכערקייט און מיט כוח פרישן פון קיבוץ עס שפּאַרט.

און די אַראַבער געדיכט אזוי — איינס ביי איינס דערנעבן,
וווּ מ׳שטעלט אַ טריט — אין אָרעמקייט און דחקות לעבן,
אין ענגשאַפט אָנגעשטופּט, אַ קרעמל אויף אַ קרעמל,
און וואָלקנס פליגן אויף די פרוכטן, אויף די פיטאס, זעמל.

קינדער שמוציקע דרייען זיך, אָפּגעריסן און פֿאַרלאָזן,
לויפֿן אום צעשראָקענע, ווי די ווילדע האָזן,
זיי פֿלאָדיען זיך ווי די קראָליקעס — גאָר אַ סך,
אין הייזקעס איינגעפֿאַלענע, אָן פֿענצטער, אָן אַ דאַך.

אין אַ כאַטקעלע אַזאַ לעבן אָנגעשפּאַרט עטלעכע משפּחות,
און צום הונגער פֿאַרבייסט מען נאָך מיט קרענק און מיט קדחת.
די פֿרוי זי האָרעוועט, רוימט און וואַשט די גרעט,
בעת דער מאַן אין קאַפֿע־הייזל זיצט, רויכערט און ער רעדט.

און מיסט מעג וואַקסן ביי דער טיר — ניט קיינעם אַרט,
די גאַנצע שמוץ אין איין אָרט כסדר מען פֿאַרשאַרט.
און די קינדער שפּילן זיך אויף דעם בערגל אַזוי פֿריי —
ביז דער טאָג אין הונגער, עלנט, לאַנגזאַם גייט פֿאַרביי.

און זיי צוזאַמען ריידן, מיט געפּילדער, מיט געשריי,
נאָר זייער יעדן קער און ריר ס'היט די ישׂראל־אַרמיי,
ווייל טאָמער טוט מען אָפּ אַן אויג אויף אַ מאָמענט,
גיבן זיי מיט טויט גלייך אַ צעפּיר די הענט...

און שוין פֿליט אַ באָמבע — זיי אַרט ניט ווו און וועמען,
מעג מען אַפֿילו די הייזער זייערע פֿאַרברענען,
ווייל קוים פֿאַרלירן זיי דעם חשבון און דעם קאָפּ,
מיט לעבנס אומשולדיקע רעכענען זיי זיך אָפּ.

כאָטש ישׂראל זוכט בלוט־פֿאַרגיסונג צו פֿאַרמיידן,
העצט מען די אָרעמע, די אַראַבער און זיי ליידן,
מען צעפֿלאַקערט די נקמה־לוסט — אַ האַק אין האַנט פֿון גולם:
„טרעפֿסטו אָן אַ יידן, שנייד אים, קויל אים!"

ג.

נאָר אָט מיר זײַנען אין דער רואיקער און שיינער חיפה —
וווּ צו די הייכן דאָ אַלע גאַסן, ווי צום הימל, לויפן.
אין די אונטן דאָ איז דער ים, ווי סאַמעט גלאַט צעשפּרייט,
און שיפן שאָקלען זיך, ווי פון אַ ווינטעלע וואָס ווייט.

שיפן, גאַסן, הײַזער, סלופּעס — אַ געדרייטער שנור.
דעם בליק פאַרכאַפּט די ווײַטקייט, ווי אַ מיניאַטור :
לויפן אַרבעטער, ווי מוראַשקעס, יאָגן, בויען, שאַפן,
די שטאָט, אין אימפּעט, האַלט צעוויקלט אַלע אירע קראַפטן.

און שוין איז אילת — אויפן ברעג פון רויטן ים,
אָנגעצונדן איז זי מיטן כישוף פון אַ קאָלירטן פלאַם.
פינקלען אירע שטיינער אויף די ברעגן, אין די טיפן,
און די פיש, די פלאַנצן — דורכן בויך פון שיפל.

כאָטש שווער איז דאָ דאָס לעבן, שווערער נאָך — דאָס בויען,
נאָר די טרייסט איז : דאָ איז צו דער וועלט אַ טויער.
און דער אָנשטרענג איז דאָ גרעסער נאָך און האַרטער
און מ׳חלומט פון צײַטן בעסערע, מיט דערוואַרטונג.

און אַ שפּרונג — נתניה, בײַ דעם ים דעם גרויסן —
אַ שטעטל, וווּ דאָס לעבן שטאַרקער נאָך ער ברויזט דאָ.
די לופט איז דורכזיכטיק, קלאָר אַזוי און ריין,
אַרום די פעלדער, וועלדער — צויבערדיק און שיין.

קומט מען אַהער זיך אָפּרוען, פאַרגעסן צרות, אַלץ.
בײַ דעם ים־ברעג אַ זון אַ גאָלדיקע איז דאָ צעשטראַלט.
די הײַזער, ווי אַ דאָרף אין פרידן און אין שלום —
נתניה בײַ דעם ים איז אַ גוטער וואָרער חלום.

און רמת־גן — אַ שטאָט און גאָרטן, ווי פאַרביטן,
געביידעס שפּראָצן דאָ, ווי אין פרילינג בליטן.
דער הימל צו דער שטאָט גאָלדיק ווינקט און זוניקט,
און די שטאָט ארויפצו, צו די הייכן רייסט זיך שווונקיק.

ס׳ליכטיקן די הייזער, קאַפע־שטיבלעך און טעאַטערס,
און מענטשן איילן זיך פאַרביי צופרידענע, צעפלאַטערט,
אין אָוונט צעבליצן זיך די קינאָ־שילדן מיט רעקלאַמע,
דורך אַ פענצטער, הערט מען, אַ וויגליד זינגט אַ מאַמע.

און ווי פאַרנאַכט אַ חלום ווערט די שטאָט מילד פאַרשפּינט
פון דעם זומערדיקן, קיל־שמעקעוודיקן ווינט.
ווערט אַלץ אָנגעפילט מיט באַוועגונג, לעבן און מיט מוט,
און שפּעטער דעקט זי איין די שטילקייט — די שטאָט, זי רוט.

און אומעטום דאָס לעבן שפּרודלט לוסטיק, מיט געזשום,
אין אַלע שטעט און דערפער און קיבוצים פון ארום.
נאָר די גאָרטנשטאָט רמת־גן האָט קאָלירן שיינע אַלע —
ווי אַ פאַרביק־העלער פעכער ליגט זי אַ צעשטראַלטע.

אָבער דאָך איז ניט דער מענטש פויל, פאַרקלערט אין זיך,
דער ריטעם איז אַ שנעלער און מ׳ארבעט פלייסיק, גיך,
אַלץ גייט דאָ פאָרויס, מ׳קוקט מיט אַ ווייטן בליק,
ווי יעדער וואָלט מיט זיכערקייט שוין זיין באַגליקט.

און די מענטשן גרייט צופרידנשטעלן יעדן גאַסט —
מיט אַן עצה העלפט מען, מ׳לאַכט, מ׳שפּאַסט.
ווערט מען אויסגעמישט מיט יידן און ס׳איז אַ פרייד —
און פון די אַלע וווּנדער אין תענוג מען פאַרגייט.

נאַר אין גאַנצן לאַנד אַ פּינטעלע פאַראַן דאָרט איז,
וואָס משפּחה הייסט זי, און איז טייער, זיס.
און די באַגעגעניש מיט אונדז גאָר אַ וואַרעמע איז געווען,
און גוט געווען צו זען — זיי לעבן זיך באַקוועם.

ווידער קרובים, פריינד, באַקאַנטע האָבן מיר געטראָפן
נאָך יאָרן בענקעניש, נאָך יאָרן וואַרטעניש און האָפן,
און פון אַלע זייטן האָט מען אונדז געוואָלט איינריידן:
ישראל איז פאַר אייך דער איינציקער גן־עדן!

און אַ וווּנדער זעען מיר גאָר אַ כּישופדיקן, נייעם:
ישראלס קינדער — די חיילים די געטרייע!
מיט קעפּ פאַררייסענע זיי גייען, מוטיק שטאָלץ,
ווי עס פּאַסט פאַר שומרים פון אַ גאַנצן פאָלק.

קינדער טייערע, מיט פאַרשטאַנד און איבערגעבן,
זיי ווילן פאַרן לאַנד אין פייער גיין, אוועקלייגן ס׳לעבן.
שטאָלצע יידן זיינען זיי, לאָזן זיך ניט בייגן,
און לעבעדיקע חכמה שפּריצט זיי פון די אויגן.

און אַלע יידן דאָ אַרבעטן מיט ווילן שטאַרקן און געדולד.
מען טראָגט מלחמה־יאָך און ניט מען הוליעט.
נאָר מיט קרובים, נאָך אַזויפיל יאָרן, אַ לחיים מאַכן
מעג מען — און זיי דערציילן פון די אַלע שיינע זאַכן.

און מיט ליבשאַפט ריידן אַלע, יעדער איינער ייד:
משפּחה זיינען אַלע מיר, קומט אין אונדזער מיט,
פּאַקט די פּעקלעך גיכער, עס איז ניט קיין חלום —
באַלד וועט אָנקלאַפּן אין אונדזער טיר דער שלום.

כאַמסין אין תּל־אבֿיבֿ

אין דרויסן גרויס איז הײַנט דער בראַנד —
אין דער לופֿטן טראָגן זיך וואָלקנס זאַמד,
לויפֿסטו אַהיים אַ נאַסער און פֿאַרשוויצטער,
נאָר אינדערהיים די היץ איז מער.

ווי פֿון אַ דאַמפּקעסל אַ פֿאַרשרויפֿטן —
ווילסטו ראַטעווען זיך, גיך אַנטלויפֿן!
פֿאַלט דיר אײַן: אוי, צום ים, געשווינדער!
און ס׳יאָגן דיר נאָך אַלע הייסע ווינטן.

מענטשן דאָ זיצן געדיכט, ווי פֿליגן,
צום ברעג דו קענסט זיך קוים דורכקריגן,
און די זון האַלט אין ברענען, בראָטן —
ביסט אויסגעשטעלט אויף אירע היציקע גענאָדן.

דער הימל אָנגעגליט איז — רויטער קופּער,
ווען וואַסער ברענגט דאָ כאַטש אַ זופּ ווער?
פֿאַלסטו אויף דער ערד, ווילסטו שרײַען,
אין זאַמד דו ליגסט, ווי אין אַ וואַנע פֿײַער.

נאָר מיטאַמאָל, אַזוי גאָר זיך שטיל,
אַ ווינטעלע אַ בלאָז טוט מילד און קיל,
און אַ כוואַליע זיך מיט גאָלד צעשפּריצט —
ווערט די לופֿט מחיהדיק און אָפּגעפֿרישט.

שטרעקן זיך צום ים קאָפּ נאָך קאָפּ
און יעדערער כאַפּט דעם אָטעם אָפּ.
און אַ גאַנצן אָוונט — אַלץ מ׳גייט
פֿון ים אהיים — אַזוי, נאַסערהייט.

אַ, זאָג מיר מײַן קלײן טעכטערל

(לויט אַ פֿאָלקסמאָטיוו)

„אַ, זאָג מיר מײַן קלײן טעכטערל, נאָך וואָס טוסטו שטרעבן ?
„וואָס וואָלסטו וועלן דערגרייכן אין דײַן לעבן ?
„ווייסטו דען ניט, אַז מדינת ישׂראל איז ווייט
„און איך וויל דיר האָבן דאָ, בײַ מײַן זײַט".

„אָ, מאַמע, דו קענסט מיר ניט פֿאַרשטיין —
„איך וויל פֿאָרן מיט מײַן חתן, ניט אײנע אַלײן.
„מיר וועלן דאָרט פֿון אַלץ הנאה האָבן און געניסן,
„ווי עס בויט זיך אונדזער פֿאָלק וויל איך וויסן".

„אָ, זאָג מײַן טעכטערל, ווי קענסטו עס פֿאַרגעסן,
„אַז דײַן מאַמע וועט ניט שלאָפֿן, פֿון בענקעניש ניט עסן.
„זע, מײַן קינד, אַז צוריק זאָלסטו גיך נאָר קומען,
„אַניט קען דײַן מאַמע דאָ, חלילה, נאָך אומקומען".

„אָ, מאַמע ליבע, כ'קען דיר איצטער שווערן,
„אַז טאָג און נאַכט וועל איך פֿון דיר קלערן.
„אָבער פֿון מײַן לאַנד צוריק כ'קען ניט קומען שנעל,
„אפֿילו ווען מײַן מאַמע גיט מיר דעם באַפֿעל !

„אָ, מײַן קלײן טעכטערל, טאָ שרײַב כאָטש אָפֿט און פֿיל,
„און ווי נאָר שלום קומט, זאָג מיר אָן : ס'איז שטיל.
„וועל איך ניט האָבן קײן פֿאַרדרוס, און אין הארץ — אַ וווּנד,
„אַז דו וועסט שרײַבן אַ גרוס, אַז דו ביסט געזונט".

„איך וועל טראַכטן, ליבע מאַמע, נאָר פֿון דיר אַלײן,
„און שיקן דיר אַ גרוס אין עבֿרית — וועסטו עס פֿאַרשטיין.
„דאָרטן אין מײַן לאַנד, כ'וועל מיט אַרבעט זיך ניט שעמען,
„און אַז כ'וועל צוריקקומען — וועל איך דיר אַהין מיטנעמען".

חנוכה

היינט איז חנוכה — מ׳צינדט אָן די ליכטלעך
און עס דערמאָנט די אַלטע יידישע געשיכטע,
וואָס ישראל האָט איצט ווידעראַמאָל באַנייט —
מיט איר גבורה און מיט איר פריילעכקייט.

אַהיים דעם בליצלאָמפּ פלעגט מען אָנצינדן
און אין הערצלעך קינדערשע פלעגט אָפּקלינגען
פון ווייטע צייטן ניסים, יענע וווּנדער —
ווייל חנוכה האָט יידן אומעטום געמונטערט.

אין ישראל איז חנוכה פול ארייַנגעוועבט
און מיט העלדישקייט נייער אויפגעלעבט,
אויך דאָ — לאַטקעס, דריידלעך ווי אַהיים,
נאָר אַ סטרונע ציטערט ערגעץ אין געהיים.

צו קאַמף און מוטיקייט שוין צוגעווינטע,
ווייסן ישראלס קינדער, ווי דעם יום־טוב
צעשיינען מיט אַלע פריידן און מיט ליכטער —
ווייל חנוכה מיינט : באַנייטע יידישע געשיכטע !

אַ נייע צייט פאַר יידן

פאַר יידן איז היינט געקומען אַ נייע צייט
צוגלייך מיט אַלע פעלקער און מיט לייט,
דאָס יידישע לעבן איז אזוי געגאַנגען פאָרויס,
אז מיר מעגן זיך פילן שטאָלץ און גרויס.

דער געבויגענער רוקן איז שוין אויסגעגלייכט,
יידן, ווי אַ פאָלק, זיינען דערהייכט —
און עס ליכטיקט פאַר אים זיין אייגן לאַנד,
און דאָס ליכט פון ישראל אויך אויף אונדז שיינט.

די וועלט איז געוואָרן צו אונדז גוט —
ווייל ישראל איז געוואָרן אַ נייע יידישע לעגענדע.
באַוווּנדערט מען איר גבורה, איר קראַפט, איר מוט —
אַ קליין פאָלק, וואָס וויל ניט ווערן מער פאַרלענדט.

יידישע העלדן זיינען היינט מיט כוח באַנייט,
עס גליט אין זייער האַרץ דער שטאָלץ פון מכבי,
ווייל געקומען איז אַ גרויסע און אַ נייע צייט,
ווען עס שרעקן מער ניט קיין דייטשן, פּאָליאַקן, אַראַבער.

דאָס לאַנד ישראל מאַכט אונדז גליקלעך, רייך —
די מדינה וועט אַ נייע יידישע אגדה אויסשפּינען.
מיר וועלן ווערן מיט אַלע פעלקער גלייך
און ישראל וועט דעם שלום געווינען.

לאָזט ישראל צורו

ביי יידן אין ישראל, אין זייער אייגן לאַנד
שטייען אַלץ נאָך שונאים הינטער יעדער וואַנט,
נאָר די ישראל־קינדער זיינען אזוי איבערגעבן, טריי,
אז אַ דאַנק זיי אָטעמט ס׳גאַנצע לאַנד איצט פריי.

זיי האָבן רום און כבוד זייער פאָלק געבראַכט,
ווי שטאָלצע יידן — גבורהדיק, מיט מאַכט,
יעדער איינער גרייט איז ווו מ׳ווועט אים דאַרפן —
אויף קאַמף־פּאָזיציעס, ביי ארבעטן, ביים שאַפן.

שונאים אַלץ נאָך — ארום די גרענעצן פּאַרטייעט,
ווי עס לויערן אויף רויב די ווילדע חיות.
טאָ זאָל די וועלט שוין אויסרופן מיט אַ פול מויל :
ישראל לאָזט צורו ! זאָל איר זיין גוט און וויל.

משל, מעשהלע און סתם אזוי



העזעלע און ציגעלע

אויף אַ לאַנקע מיט אַ גרינעם פעטן גראָז
פּאַשעט זיך אַ ציגעלע, צופּט בלעטעלעך און עסט,
ראַפּטעם בלייבט שטיין, אין מיטן לויפן, אַ האָז
און גיט זיך צו דעם יונגן ציגעלע אַ מעסט.

און העזל גיט צום ציגעלע אַ זאָג: „כ׳קען שווערן,
„מיר קענען זיין חברים — כמעט דיזעלבע מאָס.
„דער אונטערשייד — איך עס אַ בלעטל קרויט, מערן,
„און דו כראָמשקעסט אָפּ אין פעלד אַ ביסל גראָז.

„און אויך פעלצעלעך טראָגן מיר פון זעלביקן קאָליר:
„אַזעלכע קלאָרינקע און ליכטיק־ווייסע,
„פּאַסן מיר צוזאַמען — דו צו מיר, איך צו דיר,
„ווי אין אַ ביכל וואָלט געווען די אַ שיינע מעשה״.

„ניין, העזעלע, אַזאַ חברשאַפט ניט גוט פאַר דיר איז,
„ווייל דיין אָרט איז אין באַהעלטעניש, אין נאָרע,
„און מיין אָרט מיט מענטשן, אַ שטעלכל מיט אַ טיר איז,
„אויב ניט וועל איך אין די ווינטערטעג ווערן פאַרפראָרן.

„און כדי זאָלסט האָבן אַ ביסל רו און זיין צופרידן,
„טאָ לויף זשע ווייטער, דאָ וועט פאַר דיר ניט טויגן...״
פלוצלינג זיינען מיט אַ געזשום אָנגעפלויגן צוויי פליגן
און העזעלע האָט אַוועקגעיאָגט ווי אַ פייל פון בויגן.

ווינט צום רעגן

באַקלאָגט דער ווינט זיך פאַר דעם רעגן:
דו מעגסט גיסן, פאַרפלייצן אַלע וועגן,
נאָר קוים טו איך אַ בלאָז אויף קאַלט,
הייבט זיך אויף אַ יאָמער, אַ גוואַלד.

דאָ האָט זיך אַ פרוי פון ווינט דערשראָקן,
דאָרט האָט זיך אויף אַ קול צעוויינט אַ קינד,
און אין מיטן גאַס איז אומגעפאַלן אַ זקן —
איז אין אַלעם דעם שולדיק נאָר דער ווינט.

אָבער דו קענסט אָן אַ סוף פריי זיך גיסן,
ס'הייסט: די ביימער, פלאַנצן פרישסטו אָפּ —
איז פון דיין ברכה וויל מען גאָר געניסן
און מ'בענטשט דיך פאַר אַ יעדן טראָפּ.

נאָר ווי איך טו אָן אָטעם שטאַרקער, טיפער,
בורטשען אַלע: זיך אַ ביסל היינט צעבלאָזט,
דער בייזער ווינט, דער הולטיי, דער שטיפער,
ער וועט נאָך ברענגען קעלט און פראָסט.

פאַרגיי איך טאַקע אין די גלידער שניידיק, שאַרף,
בעלי־חיים און געוויקסן קאָרטשען זיך אין דרייען.
רייס די צווייגן, פענצטער, שמייס און וואַרף,
און אליין בלייב איך מיר — אַ פויגל אזא פרייער.

בליץ, דונער, זון און רעגן

צווישן בליץ און דונער איז געקומען צו אַ קריגערײַ.
מיט אַ פול מויל פײַער האָט דער בליץ געטאָן אַ שפּײַ:
„מיט איין צינד טו איך דעם הימל פײַערדיק צעקעמען".
„און איך — מיט מײַן ברום דעם גאַנצן הימל קען פאַרנעמען",
האָט זיך דער דונער מיט זײַן באַס דעם ברוסטיקן צעקײַקלט,
ווי באַראַבאַנען הונדערטער וואָלטן זיך צעפּײַקלט.
האָט בליץ געטאָן אַ שפּריץ: „געקומען בין איך פריער —
איך לויכט־אויף איידער דו באַוויזט זיך טאָן אַ ריר,
טו איך איצטער בײַ מײַן פײַערדיקן האַרץ זיך שווערן:
עס וועט דער גאַנצער הימל נאָר מיר אַליין געהערן!"
האָט די זון פון אויבן דערהערט דעם דאַזיקן געצאַנק
און צעשמייכלט זיך: „איר ביידע האָט דאָך איין פאַרלאַנג,
„נאָר איך אין סאַמע הימל בין, העכער איבער אײַך,
„אדרבא, פּרוּווט נאָר טאָן צו מיר זיך אַ פאַרגלײַך.
„איר דעקט מיך צו בלויז פאַר אַ ווײַל, אַ קורצע צײַט,
„נאָר אײַך ביידן ווילן מענטשן האָבן פון דער ווײַט —
„טאָ וואָס זשע קריגט איר זיך און טוט זיך קלאָגן,
„אַז סײַווי קען אײַך קיינער ניט פאַרטראָגן.
„אומזיסט דער פײַערדיקער חוזק און ברומענדיקער שעלטן,
„ניט צו אײַך געהערט דער הימל, ניט די וועלטן,
„און דער פויער איז צופרידן, ווען ער אַקערט און ער זייט,
„אַז דער רעגן קומט אָן דעם בליץ־דונער־באַגלייט.
„טאָ ליגט בעסער אײַנגעלייגט אין אײַער שרעקיקן באַהעלטער,
„ווען דער רעגן גייט אַראָפּ אויף פעלדער, וועלדער,
„ס'האָט דאָך סײַווי אײַער ליכט און רעווען ניט קיין צוועק,
„ווײַל איר צעטראָגט פאַרניכטונג און געשרעק.
„טוט אַ טובה און געשווינדער זאָלט איר זיך אָפּטראָגן,
„לאָזט דעם הימל פאַר זוניק שטראַלן, פאַר די רעגן־טראָפּנס.
„מיר וועלן זיך גאַר וואַזשנע ספּראַווענען אָן אײַך,
„ווײַל זון און רעגן ברענגען ברכה — ביידע גלײַך".

אַ מעשהלע וועגן אַ בלעטל און אַ צווייגל

א.

אויפֿן שטאַם פֿון אַ בוים,
מיט דער נאָז
צום גראָז,
האָט זיך קוים־קוים
געהאַלטן אַ צווייגל
אויף פּעדעמלעך דריי נאָר,
און פֿון יסורים, פֿון ווייען
האָט ער זיך געקאָרטשעט אין דרייען —
נאָר ווי קען אַ צווייגעלע שרייען ?..

האָט עס אַ דערבייאיק בלעטעלע דערזען
און ס׳הערצעלע האָט אים פאַרכאַפּט :
„וואָס איז, צווייגעלע, מיט דיר געשען ?
„מיט פּעדעמלעך בלויז דריי איינגעזאַפּט
„ביסטו אין דיין שטאַם —
„איך פאַרשטיי
„אז דיר טוט וויי
„און ס׳איז ניט אזוי סתם,
„איז מסתמא דיר זייער שווער,
„טאָ ווער זאָל העלפן, ווער ?
„נאָר אָט וועל איך אַ שפּרונג טאָן פונדערווייטן
„אויף דיין צעריסן הייטל
„און אַ ביסעלע פאַרגלעטן דיינע ליידן״.

„ניין, כ׳וויל דיר פֿאַרמיידן
„אַ שפּרונג אַ מסוכנעם אומזיניקן,
„מיין טייערינקער בלעטל, גרינינקער,
„סיידן
„דו האָסט קיין צווייג ניט
„וווּ זיך אָנצוהאַלטן.
„טאָ שווייג ניט,
„זאָג: האָסטו אַן אייגן צווייגל ?
„אויב יאָ — קלאַמער זיך אָן אים, קלאַמער,
„ווי אַ קינד צו זיין אייגענער מאַמען,
„ווייל דיין לעבן ער שפּייזט מיט זיין גרינינקן פֿייער —
„ווי דיין גופֿל ער דאַרף דיר זיין טייער.
„און אז ביינאַכט וועסטו ניט קומען שלאָפֿן צו דער צייט,
„וועט דיין צווייגל ארויסשיקן זיינע זאַפֿטן אינדערווייט
„זוכן דיר —
„און אז ער וועט געפֿינען דיר ביי מיר,
„נו, נו...
„טאָ האָב אַ גוטע נאַכט אין שלום און אין רו״.

„דיר מסתמא טונקל איז פֿאַר די אויגן
„איילסטו זיך מיט אַ גוטע נאַכט,
„נאָר אויבן
„איז די זון נאָך הויך און וואַך,
„וועל איך דערווייל פֿון ווייטן שטיין
„און זיך צוקוקן — ניט לאָזן דיך אליין״.

„אַ דאַנק, אַ דאַנק!
„טאַקע טונקל פאַר די אויגן פון יסורים,
„נאָר ווייל דו ביסט אַ בלעטל מיט פאַרשטאַנד,
„וועל איך גאָר מיט דיר אַ ביסל שמועסן:
„ווייסט, איך וועל מסתמא נאָך ווערן געזונט,
„נאָר ווער ווייס ווי לאַנג וועט היילן זיך די ווונד.
„מיין אומגליק האָט פּאַסירט אַנומלט,
„בעת דער ווינט האָט געמאַכט אַ סקאַנדאַל, אַ טומל
„און האָט ווי אַ בייזער אשמדאַי אַלץ געשטאָכן,
„האָב איך געוואָלט אַראָפּלאָזן דעם קאָפּ אַ ווײַלע,
„ער זאָל אין פּנים מיך ניט פּאַטשן,
„האָט ער אַ וואָרף געטאָן זיך און דעם נאַקן מיר צעבראָכן.
„איצטער מיך אַ ווייטיק סמאַליעט
„און מיין הויט האַלט אַלץ אין איין פּלאַצן.
„נאָר דו, מיט דיין פריינדשאַפט
„האָסט געלינדערט מיינע ווייען —
„אַלעמאָל איז בעת אַ צרה גוט צו זיין אין צווייען —
„איז מיינע ברכות דיר און מיין דאַנקשאַפט".

„וואַרט, וואַרט, געזעגן זיך נאָך ניט,
„ווייל דיין פריינדשאַפט איז מיר טייער, ליב
„און איך וויל דיר זען אַ באַשאַטענעם מיט צוויט,
„נאָר דיינע ווייען אומעטיק מאַכן מיך און טריב.
„וועל איך ביי מיין צווייגעלע באַלד בעטן
„דערלויבן מיר צו קומען צו דיין קראַנקן־בעטל,
„און שפּעטער, ווען אַראָפּפאַלן וועט נאַכט,
„וועל איך דיר אויפּפאַסן, זיין ביי דיר וואָך!
„מיט מיין גופעלע באַשיצן דיין ווונד פון קעלט!"
דאָס קראַנקע צווייגעלע געשעפּטשעט האָט גערירט:
„איך דאַנק דיר, גרינינק בלעטעלע, ווי גוט דו ביסט צו מיר!
„איצט באַשיימפּערלעך איך שפּיר,
„ס'איז פאַראַן נאָך גוטסקייט אין דער ביימערישער וועלט".

ב.

דער אָוונט צוגעפאַלן צום האָריזאָנט איז מיט אַ טונקל מויל
און מיט איין שלונג פאַרצוקט די רויטע קויל,
די נאַכט ארויסגעשווומען איז אויף איר זילבערנעם געיעג,
דער גאָרטן האָט מיט זיסן צוויט געשמעקט,
דאָס בלעטעלע האָט אויף אַ זילבערטריף
צום קראַנקן צווייגעלע, מיט אַ כּישוף־שפּרונג, זיך צוגעשיפט.

האָט דאָס קליינע בלעטעלע די רייד געוואָלט אָפּווענדן
און דערציילן אָנגעהויבן זיין אייגענע לעגענדע:
„ווייסט, צווייגעלע, אַ פיינע מעשה האָט פּאַסירט מיט מיר,
„דער ווינט האָט מיך געטאָן אַ צופּ, אַ ריר,
„נאָר איך בין לייכט, איז עס ניט צו מערקן,
„אָט־דאָ, עטוואָס אַ לונק געטאָן דאָס קערקל,
„אָבער דיך האָט ער צורעכטגעמאַכט מיט אַ בריכל —
„ניט געזאָרגט, ברודערקע, די צייט וועט עס פאַרריכטן,
„און אויב אפילו ס'וועט נעמען וואָכן,
„וועסטו זיך אויסהיילן — ניט זיין מער צעבראָכן —
„און דו וועסט מיר מעשהלעך דערציילן".

„גוט, בלעטעלע, כ'וועל דיר שעפּטשען וווּנדער־זאַכן
„פון לעבןביימערשן — אי צום וויינען, אי צום לאַכן,
„ווען די נאַכט פאַרבייגיין שנעל און גיך,
„און ווען אין הימל צינדט זיך אָן דער רויטער שטריך,
„וועסטו לויפן צו דיין צווייגעלע צוריק.
„נאָר היינט מיר וועלן אָנהייבן מיט פילאָסאָפיע —
„פון אייגענער דערפאַרונג, וואָס עס האָט מיט מיר געטראָפן,
„כדי דו זאָלסט ניט מיינען, אז דער ווינט אַ רשע איז און שלעכט,
„ווייל ווען די זון ברענט און פייערט איז ער גערעכט:
„מיט זיין אָטעם קילט ער דעמאָלט אונדזער גוף

„און דאָס איז זיין ווינטישער באַרוף —
„ווען ניט זיין ווייען און זיין לינדן בלאָזן,
„וואָלטן אויסגעטריקנט ביימער, בלומען, גראָזן —
„און אויך דו און איך וואָלטן געווען פאַרשמאַכט".

דאָס בלעטעלע האָט מיט אַ שעפּטש געזאָגט פאַרטראַכט:
„אוודאי ביסטו גערעכט, צווייגעלע, מיט דיין געדאַנק —
„דעם ווינטל קומען מיר פאַר אַלעם דעם אַ דאַנק,
„ער איז ניט שלעכט ווען די זון אַ ברי טוט,
„נאָר מ'דאַרף וויסן ווי זיך פון אים צו היטן".

„יאָ, דאָס מיין איך דאָך צו זאָגן, ווי אַ מוסר־השכל:
„אָט האָט דער ווינט צעבראָכן מיך, צעפּראַסקעט,
„נאָר איצט אַז ווייטיק ברענט און שווער איז אויסצוהאַלטן,
„פרישט מיך אָפּ דער ווינט מיט זיין אָטעם קאַלטן.
„מ'דאַרף אליין זיך היטן — אים ניט פאַראַנטוואָרטלעך האַלטן,
„ווייל אָט בין איך געקראָכן קוקן וווּ מ'טאָר ניט,
„איז דער ווייטיק איצט ניט פאַרשפּאָרט מיר,
„נאָר די כוונה ווינטישע איז ניט טאָן שלעכט —
„ער טוט בלויז זיין עובדא, ס'איז זיין רעכט,
„און שולדיק דער איז, וואָס לויפט אים אַנטקעגן,
„ווי אַ בוים וואָלט זיך אליין אונטערגערוקט דעם זעגער.
„אָבער טאָמער חלילה דער ווינט זאָל אָוועק —
„אָט לאָמיר זאָגן, אַ שטרייק אויף עטלעכע טעג —
„וועט אונדז שוין איינמאָל אַרן,
„ווייל אדרבא, מיר דאַרפן זיך ניט נאַרן:
„אז עס גיט די זון אַ סמאַליע, הייבט אָן ברענען,
חלשן מיר אז ווינטלעך זאָלן קושן אונדז, ארומנעמען".

יושר און געלט

מ׳אַרבעט ניט פֿאַר יושר, נאָר פֿאַר געלט —
דאָס איז די מאָס פֿון דער וועלט.
אַ באַלעבאָס — אַ וואַזשנער, שיינער,
איז זיין יושר — נאָר פֿאַר אים איינער.

איינער מאָלט וועגן יושר מיטן מויל,
אַ סימן: ער אַרבעט ניט און איז פֿויל.
דער גביר שטעלט דעם יושר ארויס פֿאַר דער טיר,
נאָר זיין בייטל גיט ער ניט קיין ריר.

מיט יושר וויל מען אַלץ יענעם פֿול אָנשטאָפּן,
נאָר פֿון דאָס אייגענע ניט אַ טראָפּן.
מעג אַ ברודער זיין הונגעריק, אָן כוח,
וועט מען אים ניט זשאַלעווען יושר — אַ פֿולן בויך.

אויב וועגן געלט פֿרעגט מען ניט קיין שאלה,
איז ריידן וועגן יושר גאָר אַ גרויסע מעלה,
און אויב עמעצער דעם געוויסן וויל פֿאַרשרייען,
קאָרמעט ער דער וועלט מיט יושר־צדקה־קלייען.

אַ פלאַסטער

צוליב די ווייטיקן גיי איך קיינמאָל ניט אַרויס אין גאַס
(און כסדר אַהיים זיצן איז גאָר ווייט פון אַ שפּאַס),
ווייל אַט האָט מיר אַנומלט אַ פוס אזוי אָנגעריסן,
אז כ׳בין ארויס פון שטוב מיט די ליפּן פאַרביסן.

און איך האָב זיך געדרייט, געקאָרטשעט אין דרייען
(צו וועמען אין גאַס זאָל איך מיין פּיין אויסשרייען ?),
אָבער אז כ׳בין גאָר שפּעט צוריק אַהיים געקומען
האָט מיר אויף זיך אליין אַ גרויס צער אָנגענומען.

ווייל ווי נאָר איך האָב געגעבן אויפן פוס אַ קוק
האָט זיך מיר אין אויג דאָס וואונדל געטאָן אַ רוק :
„נאַ, זע, טייערער אוצר, וואָס דו האָסט זיך אָנגעמאַכט״,
און ס׳האַרץ, צום חלשן, איז מיר געוואָרן פאַרשמאַכט.

דאָס וואונדל האָט געצופּט, געקניפּן און געדרייט,
און איך האָב געקרעכצט און געשריען „אוי וויי !״
ביז איך בין געוואָרן אויסער זיך, אַ פאַרכעסטע,
און האָב אויף דער מכה ארויפגעלייגט אַ פלאַסטער.

דער פּרינץ און דאָס בעטלער־ייִנגל

לויט מאַרק טוויין

א.

ווען דער פּרינץ איז געבאָרן געוואָרן האָט מען אין די גאַסן געזונגען,
ווי אין אַ יום־טוב האָבן אין קלויסטערס די גלאָקן געקלונגען,
האָט מען אין פּויקן געקלאַפּט, מ׳האָט געבלאָזן אין האָרנס,
איבער דער וועלט האָט זיך די נייעס געטראָגן: אַ פּרינץ איז געבאָרן!
אין די הערצער ביים מלך און מלכה פרייד און גליק האָט געשטורעמט:
נאָך זיבן פּרינצעסינס דער פּרינץ איז געקומען, ווי אַ ליכטיקע בשורה.
האָט דער מלך באַפוילן — אומזיסט צערעמאָניעס און סעודות אָפּריכטן,
פון אַלע עקן האָבן זיך געטראָגן צום פּאַלאַץ רייטער־שליחים.
די שמחה אין לאַנד האָט געשפּרייט זיך — אין דער לענג און דער ברייט:
באַלאָנען זיינען געפלויגן, ס׳האָבן פאַרביקע פענער געוויים.
דאָס פאָלק האָט געטאַנצט און געטרונקען, געקושט זיך, געגריסט,
די אָרעמע האָט דער מלך געטיילט געלט און מתנות אומזיסט,
מקוים געוואָרן זיין חלום, וואָס ער האָט לאַנג זיך געווינטשט.
לוסטיק און פריילעך האָט געיובלט דאָס פאָלק: זאָל לעבן דער פּרינץ!
האָבן שטאָפּעטן די נייעס צעטראָגן ווו די וועלט האָט אַן עק,
און מתנות האָבן ניט אויפגעהערט קומען דורך נעכט און דורך טעג.
אויף דעם מלכס באַפעל האָט מען דעם פּרינץ מער ווי דעם אוצר געהיט,
די דינערס געשוועבט האָבן שטיל — מיט ווייכע, מיט לופטיקע טריט,
איז קיינמאָל דער טומל פון גאַסן ארום ניט דערגאַנגען צום אים —
דער פּרינץ האָט נאָר געהערט פון די נאָנטסטע די שטים.
ער האָט געהאַט דאָס בעסטע, געווען מיט אַלע פריידן באַגליקט —
האָט דער פּרינץ נאָר געוווסט פון ווילטאָג, פון אייגענער גוטס,
קיינמאָל ניט געהערט פון אנדערנס אָרעמקייט, הונגער צי שמוץ,
מ׳האָט אים געלערנט בלויז חכמות און וויסנשאַפט, אַלערליי שפּראַכן,
און געוווסט האָט ער: דאָס לעבן אַ שפּיל איז, מיט טאַנצן און לאַכן,
און אז זאַט איז די וועלט, לוסטיק און גליקלעך און רייך,
ווי זי וואָלט געווען אַ פּאַלאַץ אַ גרויסער — פאַר אַלעמען גלייך.

אין דערזעלבער רגע, ווען דער פּרינץ איז אין פּאַלאַץ געקומען,
איז אַ קינד ביי אַ בעטלער געבאָרן געוואָרן, אין עלנט אין שטומען,
אויך אין דער זעלביקער שטאָט, נאָר אין אַ פינצטערער נאָרע פון נויט,
וו ניט געוועזן איז פאַר קינד און פאַר מאַמען אַ פּענעצל ברויט.
ס׳האָבן צרות אין שטוב ניט געפעלט, דער מאַן תמיד שיכור געוועזן איז,
און אַ מוראַשניק פון קינדער, מיטן נייעם — שוין גאַנצענע צען איז.
פון דרויסן געגרייכט האָט אין שטיבל פון המון דער לוסטיקער ליאַרעם,
דער טאַטע אריינגעפאַלן איז, פון וויין שוין פריילעך צעוואָרעמט,
האָט ער די נייעס דערציילט: אַ פּרינץ איז געבאָרן פּונקט צו דער שעה,
ווען זייערס געבאָרן איז, אין דחקות און דלות — אָט דאָ.
נאָר אָרעמער מאַמען געוועזן איז די שיכורע רייד ניט קיין טרייסט,
דעם גורל פון קינד אירס פאָרויס שוין זי זעט און זי ווייס:
נאָך איינעם וועט ער איצט האָבן — צו שלאָגן, צו בעטלען פאַר אים.
האָט מיט טרערן פון וויטיק געציטערט אין טרויער איר שטים:
„זויג, קינד, זויג אויס דעם לעצטן טראָפּן בלוט פון דיין מאַמען,
„בעסער דער טויט ווי אַ לעבן אַזאַ, נאָר זאָל ער זיך מערניט פאַרזאַמען —
„און מיר ביידע וועלן דערלייזט זיין פון פּיין, פון ווי אָן אַ ברעג,
„און ס׳וועלן פאַרביטערט ניט זיין מער אונדזערע פינצטערע טעג".
דעם באַשייד פון די טרערן האָט דאָס קינד נאָך איצט ניט געוווסט,
האָט ער נענטער אַ צי זיך געטאָן צו דער דאַר־אויסגעטריקנטער ברוסט
און דערפילט דעם ביטערן טעם פון אַ טרער אויף זיין קינדישער ליפּ,
און אויך אין מאַמישן ציטער — ווי זי האָט אים שטאַרק ליב.
און זי האָט גערעדט צו איר מאַן מיט ציינער פאַרביסן, פאַרקלעמט:
„זעסט דאָך די פּיין פון געבעטלטן ברויט, נאָר ביסט אומפאַרשעמט!"
האָט ער פאַרקלאַפּט די טיר, געלאָפן אין גאַס מיט געבייזער, געשעלט,
נאָר קיינער ניט וויסן געקענט האָט, אז גורל געבראַכט אויף דער וועלט
האָט דעם פּרינץ און איר קינד — וואָס אַ בעטלער וועט זיין —
נאָר ביידע זיך טיילן וועלן צוגלייך מיט גליק און מיט שיין.

ג.

נישט מקוים געוואָרן וואָס מאַמע האָט געבעטן — פאַרביידן דעם טויט,
דאָס קינד געוואַקסן איז שיין, אויך אין דלות, אין שמוץ און אין קויט,
געכאַפּט האָט ער קלעפּ פון שיכור, דעם טאַטן, גאָר אָן רחמנות, אָן מאָס,
נאָר ס'האָט ניט פאַרביטערט זיין לעבן, ניט געוועקט זיין פאַרדראָס,
ווי ער וואָלט ניט געפילט דעם ווייטיק, ניט די צעלאָטעטע שיך,
ער האָט געשפּילט מיט די קינדער מיט זיכערן גלויבן אין זיך
און מיט שטאָלץ צו זיי געזאָגט: „זייט וויסן אז איך בין אַ פּרינץ!"
האָבן די בעטלער געחוזקט, געדרייצט זיך: „ס'איז דיין פאַרדינסט —
„מיר וועלן דיר אָנטאָן אַ פּאַפּירענע קרוין! ביסט דער פּרינץ אליין!"
און כאָטש זיין קאָפּ געלאָקט איז געווען און געווען איז ער שיין,
דאָך פלעגט מען פאַרוועגן מיט אים די סצענעס פון שפּאָט און פון שאַנד
און ער האָט געשטרעקט צו נדבות זיין מאָגערע קינדערשע האַנט.
ביז איינמאָל, פאַרחלומט, פאַרבלאָנדזשעט צום דערבייאיקן פּריסט
און געהאָלפן האָט ער דעם דינער דאָרט ראַמען און טראָגן די מיסט.
נאָר אַז דער פּריסט איז געקומען און דערזען זיין קינדערשע פּראַכט,
האָט ער געפרעגט אים, צי וויל ער לערנען שרייבן, קענען אַ שפּראַך.
האָט דער בעטלער פאַרשעמט געזאָגט: „יאָ!" און געדאַנקט דעם פּריסט
און פון יענעם טאָג האָט ער פאַר זיין אַרבעט געלערנט — אומזיסט,
נאָר שפּעט ביינאַכט, אז ער פלעגט קומען אהיים אַ הונגעריק־מידער,
פלעגט דער שיכורער טאַטע כסדר אים שלאָגן, יעדן טאָג — ווידער.
און די מאַמע פלעגט ליגן פאַרשטומט, וויינען און זיך דערמאָנען,
ווי איר קינד איז געבאָרן מיטן פּרינץ אין סאַמע זעלבן מאָמענט.
און זי איז געווען זיכער, אז איר קינד זעט אויס אַזוי שיין,
פּונקט ווי דער פּרינץ! און איר האַרץ פלעגט פון פּיין זיך פאַרגיין.
און דער בעטלער פלעגט יעדן טאָג נאָענט צום פּאַלאַץ צוקומען,
נאָר די דינער האָבן אים פון דאָרטן געטריבן, געמאַכט אַ טומל:
קיין בעטלער טאָר זיך דאָ ניט באַווייזן, זיך ניט ארומדרייען,
נאָר ווי אויף צו להכעיס פלעגט ער דאָרט ווידער יעדן טאָג שטייען.

איינמאָל, ווי ער וואָלט אַלץ פאַרגעסן, געגאַנגען איז ער פאַרטראַכט
און געבליבן ביים פּאַלאַץ שטיין — ניט געפילט אז אַראָפּ איז די נאַכט.
געווען אַ פאַרכאַפּטער פון קלערן, ווי ס'לעבט דאָרט דער פּרינץ,
נאָר געוווּסט: ער מוז לויפן אהיים, ברענגען דעם טאַטן די קעשענע מינץ.
די מאַמע איז הונגעריק און ניטאָ איז קיין סקאָרינקע ברויט דאָרט...
און אין טונקל האָט ער די שומרים געמיטן, ביים פּאַלאַץ ער שטייט פאַרט,
האָט ער אין ציטערניש געדריקט זיך צו דער גלאַטער, מאַרמאָרנער וואַנט,
מיט גלוסט געגלעט איר שטיינערנעם זייד מיט זיין נאַקעטער האַנט.
נאָר פּלוצלינג פּאַסירט האָט: דער פּרינץ איז געשטאַנען אזוי קעגן אים
און געזעדט שטיל — ווי זיין אייגענע האָט אים געקלונגען די שטים.
איז אַ וועכטער אַנגעלאָפן: „ווי וואַגסטו, בעטלער, די רגע ארויס!"
נאָר דער פּרינץ האָט אַ צייכן געגעבן: „פירט אים אריין אין מיין הויז!"
און די דינער באַפוילן: „ברענגט עסן מיין גאַסט! אַלץ אים גיט!"
און ס'האָט דער בעטלער דעם קיניגלעכן מאַלצייט געגעסן מיט אַפּעטיט.
האָט דער פּרינץ אים געפרעגט, פאַרוואָס ער איז אָפּגעריסן, פאַרברודיקט,
האָט דער בעטלער געזאָגט: „ס'איז אָרעמקייט, און דאָס מיך אנטמוטיקט.
„בעטלער אַ סך פאַראַן אין דיין שטאָט — זיי הונגערן, קרענקען
און וואַרטן אויף גאַסן און ראָגן ביז מ'וועט אַ נדבה זיי שענקען".
דער פּרינץ איז געווען דערשטוינט: „איך האָב נאָך אזוינס ניט געהערט,
„נאָר איך פאַרשטיי, אז אַ לעבן אזא מוז אָן אַ מאָס זיין שווער".
האָט אים דער בעטלער פון זיך אַלץ מיט אַנאַנדער, מיט פּרטים דערציילט,
ווי זיין טאַטע דער שיכור שינדט פאַסן פון אים, די הויט ער אים שיילט.
„נאָר דו רעדסט אזוי שיין און געלערנט, פון וואַנען קענסטו עס אַלץ?"
איז דער פּרינץ, ווי אַ ברודער, געפאַלן דעם בעטלער אויפן האַלדז.
ער האָט אים דערציילט, ווי דער פּריסט לערנט אים אינגאַנצן אומזיסט:
„און כאָטש איצט איז מיין לעבן, מיט דיין פריינדשאַפט, מער נאָך פאַרזיסט,
„דאַך מוז איך גלייך לויפן אהיים, ווו דאָס לעבן איז שווער".
און דער פּרינץ האָט באַמערקט אין אויג פונעם בעטלער אַ טרער.

ה.

„נו, אַ דאַנק דיר פּרינץ, כ'וועל אייביק דעם צוזאַמענטרעף ניט פֿאַרגעסן,
„נאָר איצט מוז איך אהיים לויפֿן, מיין טאַטע קומט אַ שיכורער צום עסן".
„וואַרט אַ ווײַלע, ס'פּאַלט מיך עפּעס איין", האָט דער פּרינץ געזאָגט,
„לאָמיר מיט די קליידער בייטן זיך, אין שפּאַס, נאָר פֿאַר איין טאָג.
„ווען איך קומען צו דיין הויז, זען ווי דיינע מענטשן זיך דאָרט לעבן —
„איז געמאַכט! לאָמיר דעם סוד האַלטן!" און האָבן זיך די הענט געגעבן.
און זיי האָבן זיך געביטן מיט די קליידער, אַ קוק געטאָן אין שפּיגלוואַנט:
זיי האָבן אויסגעזען גלייך — איינער דעם אַנדערן האָט ניט דערקאָנט.
און איידער דער פּרינץ איז פֿון פּאַלאַץ צום ערשטן מאָל אין שטאָט אַוועק,
האָט ער זיין מעדאַליאָן ערגעצווו, אז קיינער זאָל ניט זען, פֿאַרשטעקט.
און ווי נאָר די דינער האָבן געזען ווי דער פּרינץ גייט אַראָפּ פֿון די טרעפּ,
האָבן זיי אים נאָכגעיאָגט מיט זידלערייען און מיט אַ צוגאָב — קלעפּ.
נאָר דער פּרינץ האָט זיך ניט ווױסנדיק געמאַכט, געלאָפֿן אין גאַס ארויס,
געדרייט זיך אין אָרעמע הייפֿן און קוים געפֿונען דעם בעטלערס הויז.
און ווי ער האָט באַוויזן עפֿענען די טיר, איבערטרעטן נאָר די שוועל,
האָט אים דער שיכור שוין געמזיקט, געריסן פֿון אים די פּרינצלעכע פּעל.
נאָר אז דער פּרינץ האָט זיך צעיאָמערט: „כ'בין דער אמתער פּרינץ!"
האָט דער שיכור זיך צעלאַכט: „נאָך אַלץ משוגע, חסר־דעה דו נאָך ביסט,
„אַ פּרינץ גאָר האָט זיך דיר פֿאַרוואָלט אין בעטלערשטוב נאָך אַלץ צו זיין,
„אויב מיינע קלעפּ קענען דיך ניט אויסהיילן, וועסטו מער דאָ ניט אריין!
„גיי אין פּאַלאַץ, פּרינץ משוגענער — דאָרטן וועסטו שוין פֿאַרבלייבן,
„ביז זיי וועלן דעם שגעון פֿון דיין בעטלערקאָפּ ארויסטרייבן".
נאָר ווי דער פּרינץ איז געקומען מיטן זעלבן פּזמון צו די שנאָרערס,
האָבן זיי מיט אַ טאָפּ אויפֿן קאָפּ, אָנשטאָט אַ קרוין, געטאָן אַ פֿאַרפֿאָר אים.
און ארויפֿגעזעצט אים אויף אַ הערינגטון, אָנשטאָט אַ טראָן, און געלאַכט,
נאָר ער האָט געשריען: „כ'בין דער פּרינץ, וואָס האָט איר געמאַכט?"
האָבן זיי נאָך מער פֿון אים געלאַכט, ניט געוואָלט די שפּיל צעשטערן,
כאָטש פֿון פּרינצס אויגן האָבן, ווי פֿון אַ פֿאָנטאַן, זיך געגאָסן טרערן.

ז.

גראָדע איז דער פריסט אין דערזעלבער מינוט דאָרט פאַרבייגעגאַנגען
און געזען ווי אַלע בעטלער האָבן זיך ארום פרינץ ארומגעהאַנגען.
האָט ער אים אַ רוף געטאָן: „ווו ביסטו געווען פאַרפאַלן אַ גאַנצן טאָג?"
„איך בין דער פרינץ דער אמתער!" האָט דער פרינץ זיך געקלאָגט.
„אוודאי ביסטו עס!" האָט דער פריסט מיט אַ שמייכל אים געטרייסט,
„נאָר איצט קום צו מיין הויז — דיין איינריידעניש יעדערער ווייסט..."
און אז געקומען איז דער פרינץ אַ טרויעריקער צום פריסט אין הויז,
איז ער געבליבן ווי אַ פרעמדער שטיין, ניט געוווסט ווו איין ווו אויס.
האָט דער פריסט געזאָגט: „נו, גיב זיך אַ ריר, ניט שטיי און טרוים".
האָט דער פרינץ פאַרשטאַנען און גיך געטאָן אַ פוץ, אַ קער, אַ רוים.
האָט דער פריסט דערווייל אים צוגעגרייט זיין ביסל אָרעם עסן,
נאָר דער פרינץ האָט צו זיין פאַרוווּנדער געבעטן: אַ גאָפּל, מעסער.
האָט דער פריסט ניט פאַרשטאַנען, וואָס האָט פאַסירט מיטן פרינץ,
אויף אַן אמת איז ער דאָסמאָל אינגאַנצן שוין אַראָפּ פון זינען.
און אז ער האָט זיך שפּעטער געזעצט מיט אים זיינע לעקציעס מאַכן,
האָט ער דערהערט ווי דער פרינץ רעדט גאָר אַן אַ שיעור שפּראַכן,
און ער קען אַלץ, ווי ער וואָלט גאָר אַ סך יאָרן שוין געלערנט,
איז אים אַ צווייפל באַפאַלן: ווי קען עס דורך נאַכט אזא זאַך ווערן?
איז ער אפשר טאַקע דער אמתער פרינץ, ווי עס קען דאָך אַמאָל געשען,
האָט ער באַשלאָסן: וואַרטן, און וואָס ווייטער זיין וועט, וועט ער זען.
האָט ער דעם פרינץ באַהאַנדלט מיט גרויס זאָרג און איידל, פיין,
און אומגעדולדיק אַלץ געוואַרט: וואָס וועט איצטער פון דעם זיין?
אין דערזעלבער צייט איז דער טרויער אין פאַלאַץ זיך צעוואַקסן,
ווייל דעם מלך האָט זיך געדוכט: דער פרינץ געוואָרן איז אַן עקשן,
און נאָכמער — זיין זון דער איינציקער, זיין יורש, פון זינען איז אַראָפּ?..
און דער מלך איז קראַנק געוואָרן — עס שפּאַלט זיך אים דער קאָפּ:
אַט האָט זיין זון אויסגעקלערט, אז אַ בעטלער איז ער גאָר, פון גאַס,
ווייל דער אמתער פרינץ האָט זיך מיט אים אומגעביטן אויף אַ שפּאַס...

ז.

און איצט ווערט די מעשה אינטערעסאַנט — טאָ לאָמיר הערן און זען
וואָס איז ווייטער מיטן פּרינץ און בעטלער — מיט יעדן באַזונדער געשען:
האָט דער מלך געשריגן „ווי האַלט מען עס אויס אַזעלכע משוגענע רייד?
„איך וואָלט זיך פאַר חרפּה באַגראָבן, ווען ס'איז אונטער מיר דאָ אַ גרוב,
„ווייל אָט זאָגט ער — דער פּרינץ איז אַוועק צו זיין טאַטן אין שטוב,
„ווייס איך ניט פון דעם אַלעם דעם אמתן זין און דעם ריכטיקן באַשייד
„און ווי קען איך אויסהאַלטן, אַז מיין זון רעדט אַזעלכע משוגענע רייד?"
האָט ער אָבער געזען, אַז דער זון וואַנדלט אום אזוי ווי אַ גייסט
און דערקענט ניט קיינעם... האָט זיין האַרץ אים פון ליידן געפּלאַצט...
האָבן די מלכה און פּרינצעסינס אָנגעהויבן וויינען, ברעכן מיט די הענט
און מ'האָט באַהאַנגען מיט טרויער־מודעות אין שטאָט אַלע ווענט:
דער מלך איז טויט... דער מלך איז טויט...
האָט דער פּרינץ די טרויעריקע נייעס דערהערט, אויף די ווענט דערזען,
האָט ער צום פּריסט געזאָגט: „לאָמיר פאַרגעסן אַלץ וואָס איז געווען
און צום פּאַלאַץ מיר מוזן זיך איילן, גלייך, אָט די מינוט גיין!"
זיינען זיי דורך גאַסן געגאַנגען, געהערט ווי דאָס פאָלק וויינט.
אויפן וועג האָט דעם פּריסט דערציילט אַלץ מיט אַנאַנדער, דער פּרינץ,
ווי די גאַנצע מעשה איז זיך פאַרלאָפן צווישן בעטלער און אים.
און וועןביידע זיינען אָנגעקומען צום פּאַלאַץ, צו די וועכטער ארום,
האָט קיינער זיי די רייד ניט געגלייבט, געקוקט אויף זיי קרום.
נאָר דער בעטלער האָט זיי דורכן פענצטער דערזען, געטאָן אַ באַפעל:
„אריינלאָזן גלייך דעם פּריסט מיטן יינגל" — און שוין אויף דער שוועל
האָבן ביידע קינדער זיך ארומגעכאַפּט, צום ברוסט זיך געדריקט,
דערביי האָבן די מלכה און פּרינצעסינס זיך אין טרערן געשטיקט.
האָט דער בעטלער אָנגעוויזן: „דער אמתער פּרינץ איז אָט דער!"
איז אין פּאַלאַץ דער טרויער געוואָרן גרעסער און די פּיין אזוי שווער.
מ'האָט אַלץ ניט געגלייבט, געזוכט אַ באַווייז, אַ סימן פאַר דעם,
האָט דער פּרינץ ארויסגעבראַכט פון באַהעלטעניש זיין מעדאַליאָן.

ח.

„זאָל לעבן דער מלך!‟ האָט געשטורעמט דער פּאַלאַץ פון גליק.
האָט זיך די מלכה געפרייט, וואָס זי האָט איר זון געפונען צוריק.
און מ'האָט דעם פּרינץ אָוועקגעזעצט מיט פּאַראַד אויף זיין פאָטערס טראָן
און די גילדענע קרוין פון מלך האָט מען אויף זיין קאָפּ אָנגעטאָן.
דער סוף איז געווען, ווי אין אַלע מעשיות — שוין לאַנג אַ באַוווסטער:
ס'האָט דער מלך געמאַכט דעם יונגן בעטלער פאַר זיין ערשטן מיניסטער.
און דער פּריסט איז דערהייבן געוואָרן, געזאָגט פאַרן מלך די תּפילות,
פאַר די אַנדערע זיינען אויך זייערע ווונטשן געוואָרן פאַרפולטע:
די ניין שוועסטער און ברידער פון בעטלער האָבן אין פּאַלאַץ געלעבט,
נאָר דעם טאָג פון מלכס טויט, האָט זיך דער טאַטע, דער שיכור, געעקט.

און פון היינט האָבן אַלע געלעבט צוזאַמען גליקלעך ביז גאַר —
און ווען די מעשה פּאַסירט האָט — ניט באַקאַנט איז דאָס יאָר.

דזשימי און איר טאָכטער

דזשימי איז אַן אַקטריסע — אַ סטאַר פון האָליוווד,
און געשפּילט האָט זי ראָלן גוואַלדיקע — און גוט,
נאָר ארײַן אין יאָרן איז זי און זיך דערפילט ניט דאָסיק,
האָט זי אָנגעהויבן זיך צוהעלפן מיט פּילן און אַ פּראָשעק.

איר פיגור איז אָבער אַלץ פאַרבליבן שלאַנק און איידל,
מיט בלאָנדע לאַנגע האָר — אָט ווי אַ יונגע מיידל,
און אויפן פּנים ארויפגעצויגן אַ מאַסקעלע פון חן,
און געשמייכלט מיט אַ פול מויל בלאַנקע, פאַלשע ציין.

און כאָטש מיט הימלפאַרב געבלינקלט האָבן אירע אויגן —
האָט זי געפילט: זי קען אויפן פילם־מאַרק מערניט טויגן.
אָבער דערפאַר זיינען יונגע מענער נאָך איר נאָכגעלאָפן
מיט גאַוועדיקע קאָמפּלימענטן: אזא שיינהייט ניט געטראָפן.

האָט זי פאַרויסגעטראָגן די מאַרקע פון אַ באַרימטער סטאַרין
(גענוג אידיאָטן נאָך געווען אויף צו פאַרנאַרן)
און די לעצטע מאָדע כסדר אויפגעזוכט — געהאַט געשמאַק,
און די מענער מער און מער האָט זי פאַרנאַרט אין זאַק.

איז איר די שפּיל געפעלן, עס האָט איר ניט געאַרט —
ניט אַנטלאָפן איז זי, האָבן זיך די מענער צו איר געשאַרט,
זי האָט געוווסט — זיי ווערן אַלע פאַר איר די כפּרה,
נאָר דערביי — זי האָט געוווסט — איז פאַראַן א שטיקל צרה.

ניט איר עלטער איז געווען אַ שטער — נאָר אַ טאָכטער,
ווייל עפּעס אַ יונגערמאַנטשיק, אין איר אַ פאַרקאָכטער,
האָט זיך דערוווסט, ווי ער וואָלט עס אויפגעכאַפּט פון ווינט,
אז זי האָט ערגעצווו שוין באַשטאַט אַ דערוואַקסן קינד.

פון דעמלט היט זיך דזשימי מיט איר סוד, ווי פון פייער.
און אָט האָט זי געכאַפּט אַ נייעם דאָן זשואַן, אַ פּרייער,
וואָס באַשיט איר מיט מתּנות — פּערל, גאָלד און זילבער,
און שווין־תּיכּף, ניט צו וואַרטן, חתונה האָבן וויל ער.

דערמאָנט זי זיך, אַז אָנגעהויבן האָט זי מיט סאַמע גאָרניט,
אין האָליוווד געדרייט זיך, ווי אַ בעטלער מיט אַ טאָרבע.
און דער ערשטער מאַן—איר מיטן קינד פאַרלאָזן, ווי פאַרגעסן,
און געזוכט זיך אַ מער באַרימטע און עפּעס בעסערס.

דער אויסוואורף האָט זייערביידנס לעבן מיאוס פאַרראַטן,
האָט זי פאַר איר טאָכטערל געדאַרפט זיין אַ מאַמע און אַ טאַטע,
און געהאָרעוועט, מיט אַלעם גוטן זי געטאָן פאַרזאָרגן,
געשיינט נאָר האָט איר קינד ווי דער ליכטיקער פרימאָרגן.

האָט זי ס׳מיידל אוועקגעשיקט אין אַ גבירישן פּענסיאָן
און אליין געגומען פלירטעווען, געוויזן וואָס זי קאָן.
אין סאַלאָנען רייכסטע, מיט פאַרשווענדערישן גלאַנץ,
טאָג און נאַכט — איר לעבן איז געווען געזאַנג און טאַנץ.

אַ לעבן, וואָס באַרוישט איז און פאַרשיכורט־זיס —
מענער האָבן איר געקושט די הענט, געפאַלן צו די פיס.
און איר טאָכטער, סוזשעט, געהאַט האָט פון אַלעם גוטס —
נאָר פונוואַנעט עס קומט האָט די קליינע ניט געוווּסט.

דזשימי האָט דערווייל געלעבט אָן זאָרג, אָן קלעם —
ביז די עלטער האָט געטאָן זיך צו איר אַ פעסטן נעם,
האָט זי אָנגעהויבן ציילן יאָרן אויף צוריק, מיט פאַרשטאַנד,
ביז זי איז ארויף אויף דעם היינטיקן — דעם דאָן זשואַן.

און די טאָכטער שיין געווען איז, ווי די מאַמע גאָר אַמאָל —
זיינען קאַוואַלערן זי באַפאַלן, ווי די פליגן, אָן אַ צאָל.
ס'האָט געגלאַנצט דאָס גאָלד פון אירע זיידיק־בלאָנדע האָר,
און געפינקלט נאָכמער האָט איר יונגשאַפט פון קוים אַכצן יאָר.

סוזשעט געווען באַשיידן איז, זיך געהאַלטן שטיל,
דאָך איבערגעחזרט האָט זיך די פאַרערונג־שפּיל:
ביי איר פּענסיאָן־טיר מענער געוואַרט האָבן טאָג און נאַכט,
נאָר זי איז זיי פאַרבייגעגאַנגען, ניט געלייגט קיין אַכט.

איינמאָל איז אין פּענסיאָן געווען אַ גרויסער באַל,
סוזשעט אריינגעקומען איז צעשטראַלט, ווי די זון, אין זאַל,
שטאָלץ, צעפינקלט, ווי אַ קאָליריק פּאַווע וואָס פאַרפירט,
און ס'האָבן אַלע אויגן זיך געטאָן אַ קער צו איר.

זי האָט באַמערקט די אויגן — צערייצטע, גלוסטיקע, געמיין,
נאָר זי געשטאַנען איז פאַרפראָרן, ווי אַ סקולפּטור שיין,
פּלוצלינג האָט מוזיק אַ שפּיל געטאָן, אַ וואַלס אַ פאַרבענקטן,
און אַ יונגערמאַן איז צוגעקומען, אַ בלימעלע געשענקט איר.

און ער האָט שטיל געזאָגט, זיין האַרץ האָט זיך צעכוואַליעט:
„ווי אַ מלכה ביסטו שיין, קום טאַנץ מיט מיר אַ ווייל...״
מיטאַמאָל איז סוזשעט, ביי זיין אָנבליק, געוואָרן ווי פאַרביטן
זיי האָבן פאַר די הענט גענומען זיך, געוויגט זיך מיטן ריטם.

און שפּעטער, ווען אין גאָרטן האָבן זיי שפּאַצירט,
האָט זי אויפן אויער געפילט זיין וואַרעמען באַריר:
„ווי איז דיין נאָמען, מיין בת־מלכה קליינע, זאָג.
„ביסט שיין ווי אַ זוניקער און גאָלדיקער פאַרטאָג!...״

סוזשעט האָט געפילט: אין אים ברויזט אַ הייס געוויטער.
„מיין נאָמען איז סוזשעט", האָט זי שטילערהייט געפליסטערט.
„סוזשעט, אַ שיינער נאָמען!" האָט ער געחזרט ווי פאַרכישופט.
און זיין וואַרעם אָטעם האָט זי אויף אירע ליפן געפילט איצט.

און אין איר האָט אַ פראַגע געעקבערט אַזוי שטיל:
וואָס וועט די מאַמע זאָגן צו דעם דאָזיקן שפיל?
און אַז ער האָט זי שפעטער באַגלייט, געקושט איר האַנט,
האָט איר האַרץ געקלאַפט מיט ליבשאַפט, ווי צו אַ פריינד.

האָט זי אים אַלץ דערקלערט, איר לאַגע געגעבן צו פאַרשטיין,
ביז איינמאָל האָט ער געזאָגט: „לאָמיר צו דיין מאַמען גיין!"
האָט זי אויפגעציטערט: „מיין מאַמען לאָז אויס פון דעם שפיל".
און זי איז אַוועק נידערשלאָגן, געוואָרן פאַרשטילט.

האָט ער נעכט ניט געשלאָפן, זיין האַרץ האָט געבענקט,
און דערמאָנט זיך ס'בלימל, וואָס ער האָט איר געשענקט.
האָט ער איינמאָל באַשלאָסן: גלייך וועט ער אַוועק
צו דער סטאַרין דער גרויסער — די מאַמע פון סוזשעט.

און סוזשעט האָט אויך ניט געקענט אויסהאַלטן דעם קלעם:
פאַר דער אייגענער מאַמען דאַרף זי זיך ניט פילן פאַרשעמט.
און עס האָט איין וועג זיי ביידן געפירט —
האָבן ביידע זיך געטראָפן ביי איר מאַמעס טיר.

איז מען ביידע אריין אין סאַלאָן — אַזוי שטיל,
האָט פלוצלינג זיך אויפגעדעקט, ווי אַ פילם, דער שפיל:
סוזשעט האָט געפליסטערט מיט ליבשאַפט: „אוי, מאַמע!"
און מיט וווּנדער געקוקט האָט דער בחור צו זיין טאַטן.

די באַן

א.

די באַן קומט! מיט אַ לאַנגן פייף לאָזט זי עס וויסן
און מיט אַ סיגנאַל לאָזט זי יעדע סטאַנציע גריסן.
קוקט ארויס דער מאַשיניסט, וואָס טוט זי פירן,
אַז קיין אומגליק זאָל, חלילה, ניט פּאַסירן.

אויף די רעלסן איז דער וועג גלאַט און גוט —
לויפט זי אָן אויף די סטאַנציעס פּונקט צו דער מינוט,
דרייט זיך, קאַרטשעט זיך — דין און לאַנג —
גליטשט אריין זיך, ווי אַ צישענדיקע שלאַנג.

און אָט — שוין ווייטער, ווי אַ רוח, יאָגט זי, פליט,
די רעדער צו דעם ריטם קלאַפּן צו אַזאַ מין ליד.
קוים ארויפגעקראָכן באַרג ארויף, און שנעל — אַראָפּ,
נאָר אין טאָל שטעלט זי זיך, ווי אָן כוח, אָפּ.

לאָזן זיך ארויס פון די וואַגאָנעס פּאַסאַזשירן מיט געפּעק
און פאָרן זיך פאַנאַנדער יעדער אויף זיין וועג.
און די באַן אײלט ווידער — דאָ אַראָפּ, דאָ ארויף —
טעלעפאָן־סלופּעס יאָגן אין משוגענעם געלויף.

לויפט זי דורך טונקעלע, געדיכטע וועלדער,
זי יאָגט דורך ברייטע און גאָלדיק־גרינע פעלדער.
און די באַן קלאַפּט מיט איר אייגן אײזן האַרץ,
די רעדער ריטמיש פּויקן אויס אַ מאַרש.

און ס׳פירט מיט זיך באַקוועמלעכקייטן יעדע באַן —
זי איז געוואָרן דער מאָדענער אייזערנער געשפּאַן:
אַ גוטער רעסטאָראַן, און לופט — כסדר אָפּגעפרישט,
האָסט אַ בעט צום שלאָפן, צו שרייבן — האָסט אַ טיש.

ב.

און אַט — אַ באַן אויף אַ סטאַנציע איז געבליבן שטיין —
איר פּייף האָט זיך אָנגעהערט ווי אַ געוויין.
מ'האָט פון ווייטער שטאָט איר קאָנדוקטאָר געטאָן מעלדן,
אַז ס'האָבן ארויפגעכאַפּט זיך אויף איר קרימינעלע העלדן.

זיי זיינען פון אַ טורמע דאָרט, פון ערגעצווו אַנטלאָפן,
כדי זיך צו ראַטעווען פון לאַנגע, שווערע שטראָפן.
איצט האָט מען זיי, ווי אין אַ פּאַסטקע דאַ פאַרקלעמט,
און מיט כוח זיך צו זיי געטאָן אַ נעם.

פּאָליציי פון אַלע זייטן מיט טויזנט אויגן היטן,
און אַט שמידט מען שוין אין קייטן די באַנדיטן.
אַ וואָגן אַ געפּאַנצערטער וואַרט אויף דער פּלאַטפאָרמע,
נאָר די באַן שוין ווייטער יאָגט, — מוז אויספּילן איר נאָרמע.

און אַט שלינגט זי איין די פינצטערניש, אין מיטן,
אין דער שטילקייט נאָך העפטיקער הילכט איר ריטם.
לויפט מיט געבריאַזג אריין אין אַ פינצטערן טונעל
און אירע לאַמפּן דעם חושך טאַפּן קרענקלער־געל.

זי רייסט איין וועלטן, ריטשעט, פּויקט און קלאַפּט,
ווי מיט איר אייזן־קול וואָלט זי זיין פאַרכאַפּט.
און ווי אַ טייוול זי יאָגט דורך טאָג, דורך נאַכט —
ביז זי האָט יעדן איינעם אויף זיין אָרט געבראַכט.

און גאָר אַמאָל — דערמאָנט זיך — פלעגט מען פאָרן
אין אַ פינצטערן קופּע, און ווינטער זיין דערפראָרן.
איז היינט די באַן — אַ פאַרגעניגן, זויבער, שיין,
אָבער בעסער — אַז מ'קען זיך פאַרגינען די „בליו טריין".

די חתונה אין גאָרטן

די חתונה אין גרינעם גאָרטן
געווען איז הערלעך־שיין.
פריינד פון דאָ און דאָרטן —
פאַרפוצט קומען צוגיין.

די זון אין בלויען הימל
איז גאָלדיקער צעשיינט,
און יעדער בוים און בלימל
ליכטיקער איז היינט.

דער חתן מיט דער כלה —
שיין ווי גאָר די וועלט.
מאַמע — אַ צעשטראַלטע,
און טאַטעס האַרץ צעקוועלט.

מ׳פאַרשיט דעם יונגן פּאָרל
מיט ברכות — אַ רעפריין:
גליק און מזל, יאָרן —
ניט פעלן זאָל, אָמן!

אַ שיינע פּאָר

ס׳ווילט זיך אַ ברכה מאַכן אויף דער שיינער פּאָר:
זיין זאָלט איר צו מזל, צו געזונט, צו לאַנגע יאָר!
לויכטן־אויף די פּנימער ביי זיי מיט אזא שיין,
וואָס שטראַלט מיט דאַנק — איידל, ליבלעך, פיין.

און אויף ליפּן זייערע קומט־אַרויף אַ זיסער שמייכל,
און אין אויגן גיט אַ בליץ אַ פונק אזא, מיט שכל —
אזוי פשוט־מענטשלעך, אז ס׳פאַרגייט דאָס האַרץ,
מ׳פאַרגעסט אז לעבן איז אַ שווערס, אַ האַרטס.

פון דער שיינער פּאָר ווערט יעדן ווויל און גוט,
און זייער פיינקייט דערפרישט, פילט אָן מיט מוט.

אַ שמועס צווישן צוויי פריינד

„האַלאָ, וואָס מאַכסטו עפּעס ליבער פריינד ?
„יום־טובדיק קוקסטו מיר אויסעט היינט.
„שוין ניט געזען זיך, דוכט מיר, יאָרן —
„ביידע זיינען מיר אין עלטער שוין פאַרפאָרן״.

„יאָ, מיין פריינד, וועגן מיר האָסטו געטראָפן,
„מיט געשעפטן כ׳בין פאַרשמייעט און פאַרלאָפן,
„ווו נעמט מען, ברודערל, צייט, אוי, גוואלד !
„אז ניט פילנדיק אפילו ווערט מען אַלט״.

„טאָ נעם טאַקע פון דיין צייט דיין טייל —
„אייל זיך ניט, שטיי אַ רגע און דערצייל :
„וואָס דו מאַכסט, דיין פרוי און קינדער,
און מיט פרנסה ווי איז עס אצינדערט ?״

„אָ, ניט פרעג, ניט פרעג אַזעלכע שאלות,
„טאַקע צוליב דער ביטערער פרנסה כ׳אייל זיך,
„בין נאָך אַלץ פון טאָג ביז נאַכט פאַרנומען,
גיב מיר דיין טעלעפאָן — כ׳וועל אריבערקומען״.

„כ׳ווייס דו איילסט זיך, טאָ לויף שוין גיכער —
„פריינדשאַפט איז ניט היינט קיין מיסחר !
„און אויב אַ פריינד וויל דיך באַגעגענען,
„וועט ער דיך געפינען מיט אַלע וועגן״.

אַ יידיש וואָרט

אַ יידיש וואָרט איז ווי אַלע ווערטער,
נאָר פאַר יידן איז ער באַגערטער, באַלערטער, באַקלערטער.
אדרבא, נעמט אַ יידיש וואָרט
און שטעלט אים אוועק אויף אַן אָרט
און אין דער פּאַסיקער צייט,
ניט אזוי זיך סתם —
וועט עס האָבן אַ טעם
און באַטייט.
ווייל אַ וואָרט
דאַרף זיין גוט געפּאָרט
און האָבן זיין ריכטיקן פּלאַץ
אין אַ גאַנצן זאַץ.
אריינוואַרפן אַ וואָרט, אַהער אָדער אַהין,
האָט ניט קיין זין —
דאָס איז סתם אַ שמיר.
אַ וואָרט דאַרף געבן אַ ריר —
דיך, יענעם, מיך —
טאָן אַ זינג,
טאָן אַ קלינג,
און דאָס האַרץ מאַכן גרינג,
פריילעך.
מיט אַ יידיש וואָרט איז ווויל אייך,
ווייל ער האָט כוח,
ער האָט ריח,
און מ׳איז זיך משמח.

מען מאַכט אַ וויץ,
מ׳גיט אַ שוויץ,
מ׳גיט אַ שמייץ
און אַ לאַך,
אזש עס שאָקלט זיך דער דאַך —
און אויף לאַכן דאַרף מען ניט קיין סך,
נאָר אַ מאַך מיט די הענט,
ווען אָנהייבן שפּרינגען די ווענט
פאַר געלעכטער
(נאָר אַ וויץ מוז זיין אַן עכטער,
אז מ׳זאָל אים דערשפּירן),
און וואָס מער מ׳וועט מיט די הענט מאַכן
(און הענט זיינען יידישע מאַך־מכשירים)
אַלץ מער וועט מען לאַכן.
נאָר יעדן איינעם צופרידנשטעלן,
אז עס זאָל קיין וואָרט ניט פעלן,
דאַרפן אריינפאַלן צו דיר די ווערטער,
ווי איינער פאַלט אריין אין הויז פון זיין באַשערטער.
און דאָס איז אפשר נאָכמער שווער,
ווי ארויסקוועטשן מיט געלעכטער אַ טרער.
ווייל יידישע ווערטער זיינען פאַראַן אָן אַ צאָל
און שוין איבערגעקייט זיבן און זיבעציק מאָל.
אָבער דאָס וואָרט וואָס איז יעדערן ליב,
קען אויך זיין אַ ביסעלע טריב,
ווי יעדע שמחה אין יידישן לעבן.
טאָ זאָל מיר זיין פאַרגעבן,
אויב עס איז נאָך אַלץ ניט קלאָר,
וואָס אזוינס איז אַ יידיש וואָרט,
ווייל גלייבט מיר יאָ, גלייבט מיר ניט,
איך אליין ווייס עס אויך ניט...

זינגט אַ ליד

זינגט אַלע, זינגט אַ ליד,
לאָזט הערן די יידישע געזאַנגען,
קיינמאָל קען אונדז ניט מאַכן מיד
דער ניגון, וואָס האָט אונדז געפאַנגען.

און פריילעך זאָל זיין אלעמאָל,
לאָמיר צופרידן, מיט פאַרגעניגן
און מיט אַ שטיל־פאַרבענקטן קול
וייטער ציען דעם אַלטן ניגון.

די באַקאַנטע, די יידישע לידער
זאָלן ווידער היימלעך שאַלן,
און עס זאָל אין אַלע גלידער
דער ניגון זיך ווידער צעקוואַלן.

און לאָמיר מאַרשירן מיט ליד פאָרויס
צום אָפקלאַנג פון אונדזערע טריט,
מיטן יידישן וואָרט, וואָס איז גרויס —
זינגט אַלע, זינגט אַלע אַ ליד.

הומאָר, סאַטירע און סתם אזוי


E. Hatchuel.

די נייע וועלט

מיט דער צייט וועט קומען די נייע וועלט —
מ׳וועט ניט האָבן קיין זאַכן און ניט קיין געלט,
נאָר נעמען פון אַלץ — וויפל מ׳וועט דאַרפן
און דאָס איבעריקע וועט מען ארויסוואַרפן.

מ׳וועט שלינגען פילן אָנשטאָט קייען דאָס עסן,
אָבער אַ שנעפּסעלע וועט מען דערביי ניט פאַרגעסן —
יעדער זופּן וועט כסדר פון אַ גרויסע פאַס
און ס׳לעבן וועט זיין גרינג, ווי אַ שפּאַס.

מ׳וועט שלאָפן ביז אין טאָג אריין, שפּעט
און יעדע הויז וועט נאָר זיין גאָלדע בעט,
און פון דאַנען אַהער מ׳וועט ניט טאָן אַ שפּאַן,
נאָר יעדן גאַנג מאַכן מיטן עראָפּלאַן.

וועט דער מענטש ווערן אזוי פויל,
אז דאָס עסן וועט מוזן ארייַנפליען אין מויל.
טאָ נעמט עס דערווייל מיט אַ ביסעלע הומאָר,
ווייל ביז יענער צייט איז נאָך אַ ווייטער פאָר.

אז די נייע צייט וועט קומען

א.

אז די נייע צייט וועט קומען,
וועט אויף דער וועלט ווערן גוט:
אַ בייטל גאָלד יעדער וועט באַקומען,
און געזונט וועט זיין אויפן פוד.

און אויף דער ערד וועט גאָרניט פעלן,
אַלץ וועט זיין מיט פולע מאָסן,
אַ וואָלקן וועט די זון מער ניט פאַרשטעלן,
און מענטש — אָן דאגות, אָן פאַרדראָסן.

פאַר יעדן זיין וועט עסן, שטאָפּן,
און וועלט וועט זיין מיט גוטס צעשטעלט,
ניט פאַרברעכערס — ניט קיין שטראָפן,
און פולע קעשענעס מיט געלט.

און פון ווייטיקן מ׳וועט פאַרגעסן,
אויף דאָקטוירים מערניט וואַרטן —
פון אַלץ וועט מען מעגן עסן
ווייל מ׳וועט ניט ליידן אויפן האַרצן.

פּודינג, שמאַנט און שאָקאָלאַדן,
טאָרטן פרעסן — ביז מען פול איז,
גענדז געבראָטענע און פלאָדן,
אפילו גאַנצע טעלער בולבעס.

און שטיבער — אָנגעפילט מיט גוטס,
און בייכלעך אָנגעפילט — נישקשה,
מ׳וועט אייער שלינגען אויפן טוץ,
נאָר — ווי וועט אַ דאָקטער האָבן פרנסה?

ב.
אז ס׳וועט קומען די גאָר נייע צייט,
וועט זיך עס אַ ביסל טאָן,
ס׳וועט פאַרקומען דער גרעסטער בייט
ס׳וועט אַ ראָבאָט זיצן אויבנאָן.

וווּנדער נייע וועט מען שאַפן
און בויען וואָס אַ מויל נאָר רעדט,
ביי יעדער שטאָט וועט זיין אַ האַפן,
אַ וואָרט פון מויל — און אַלץ געשעט.

אַ ראָבאָט דרייען וועט מאַשינען
און פאַרבעטן דיר דאָס בעט,
ווילסטו האָניק — ראָבאָט־בינען,
אַ דריי צוריק די צייט — אויב שפּעט.

אויפן דאַך שטייען וועלן שיפן —
צו די שטערן פאַר אַן אויספלוג,
און גאָלד ס׳וועט פון הימל טריפן —
פאַר יעדערן אַ פולער קרוג.

אַ ראָבאָט טאָן וועט אלע אַרבעט —
אַ מוח אַ שטאָלענער, אַ גוטער,
וואָס יעדן מענטשן ער פאַרטרעט.
און אין יעדער הויז — אַ קאָמפּיוטער.

מ׳וועט נאָר הערן מענטשן לאַכן,
יעדערער וועט טאָן ווי אים געפעלט,
פון דער לופט אַלץ וועט מען מאַכן —
אַ פאַרכישופטע וועט זיין די וועלט.

אוי, איז דאָס אַ וועלט...

(מאָטיוו — פריי)

אוי, איז דאָס אַ וועלט —
דאַ יאָגט מען זיך נאָך געלט,
וואָס ביי אַלעמען עס פעלט.
רעפריין:
געלט און געלט און געלט...

רייכע ווילן געלט וואָס מער,
דעם אָרעמאַן אַן געלט איז שווער —
נאָר אַלעמען פעלט געלט.
רעפריין:
געלט און געלט און געלט...

פאַראַן אַ מענטש — ווער עס קומט,
פאַראַן אַ מענטש — ווער עס גיט,
נאָר ביי ביידן רק עס פעלט.
רעפריין:
געלט און געלט און געלט...

מענטשן דאַרפן גאָר אַ סך —
מענטשן ווילן גאָר אַ סך —
זיי דאַרפן געלט פאַר יעדע זאַך.
רעפריין:
געלט און געלט און געלט...

אַלע ווילן געלט פאַרמאָגן,
אַלע מוזן געלט האָבן —
די גאַנצע וועלט שטייט אויף געלט!
רעפריין:
געלט און געלט און געלט...

גרויסע גליקן

אוי, ווען וועט איר, גרויסע גליקן,
מיין האַרץ דערמוטיקן, דערקוויקן ?
איך שטעל זיך פאָר — אָט קומט אַ טאָג,
אַ בשורה ווערט מיר אָנגעזאָגט :

גרויסע גליקן דיך דערפרייען,
ביז דער קאָפּ דיר וועט זיך דרייען,
נאָר איינעם טרעפט עס — ניט קיין סך —
עס האָט פּאַסירט אַ גרויסע זאַך !

טאָ זאָל גלייך ווערן אויפגעשפּילט,
און זאָל מען טאַנצן, ווי מ׳פילט,
די שענסטע זאַכן אָנגעטאָן
פון דעם לעצט-לעצטן פאַסאָן.

לכבוד גליק לאָמיר שטאָלצירן
מיט די ליכטיקסטע קאָלירן —
יעדער אויסגעפּוצט גאָר פיין
זאָל די מינוט אין טאַנץ אריין !

יעדער ווי ער וויל זאָל טאַנצן,
און פון אַ האַרץ אַ פּולן, גאַנצן
וועל איך דאַנקען אייך דערפאַר !
נאָר — צום סוף בלייב איך דער נאַר :

ווייל אַלע גליקן — קליפּ און קלאָר —
הענגען אויף אַ דינעם האָר,
און פון די צעפּויקטע גליקן
איז ניטאָ פון וואָס צו פּיקן...

מיין שירעמל

איך האָב אַ שירעמל געהאַט
קליין און לייכט און זיידיק־גלאַט —
איז עס געווען אַ פאַרגעניגן
ווען אַ רעגן האָט גערדיגעט.

אומעטום אים מיטגעבראַכט —
סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט,
תמיד אים געהאַלטן גרייט
טאָמער — אַ רעגן גייט.

נאָר יענעם אָוונט — גוט געשטימט,
אים אין קינאָ מיטגענומען.
דער פילם האָט אונדז אַנגעדולט,
אויפן שטול איז ער פאַרבליבן.

אָן שירעמל אַהיים געקומען,
די נאַכט געשמעקט האָט מיט פאַרפומען...
נאָר ווי דער האַרבסט האָט זיך געשטעלט
דאָס שירעמל האָט מיר געפעלט.

אַ קלייד

כ׳האָב היינט געקויפט פאַר זיך אַ ניי און שיין קלייד,
האָט די פאַרקויפערקע אריינגערעדט אין מיר אַ מבול רייד:
„אזעלכע קאָלירן, זעט נאָר דאָס גרויע און דאָס ראָזע!
„און דאָס קלייד ליגט אויף אייך ווי אויסגעגאָסן.
„און די צוויי קעשענעס — ווי עלעגאַנט, פאַרבייגן —
„איר זאָלט נאָר האָבן, מאַדאַם, וואָס דערין אריינצולייגן...
„מ׳דאַרף בלויז אין דער לינקער פלייצע אונטערלייגן א קישל,
„וועט איר אויסזען העכער, שלאַנקער אַ שיין ביסל.
„און נאָך דאַרף מען אַ רעכט שטיקל קירצער מאַכן,
„ווי אַלע היינטיקע מאָדעס, מאַדאַם, ניטאָ וואָס צו לאַכן.
„די קני דאַרפן זיך ארויסזען — ס׳איז נייסטער פאַסאָן —
„ס׳וועט אייך, מאַדאַם, באמת קליידן, טוט עס אָן.
„אזא קלייד וועט מען אויסכאַפּן, טאָ מאַכט עס זיכער,
„און ס׳איז דאָך ביליג, ווי אומזיסט, באַצאָלט זשע גיכער!"
פון אירע רייד האָט מיר דאָס קלייד אָנגעהויבן שטאַרק געפעלן
און אז מיין מאן האָט עס דערזען האָט ער אָנגעהויבן קוועלן
און געשפּאַסט: „ס׳איז אזוי ביליג אָט דאָס נייע קלייד,
„טאָ קויף זיך נאָך איינס—און טראָג אינצווייען געזונטערהייט!"

אַ טאַנץ מיט נעלעכטער

אַלע אין טאַנצזאַל האָבן האַרציק געלאַכט
פון דעם פּלאָנטער, וואָס כ׳האָב אָנגעמאַכט:
איין אָוונט האָב איך זיך באַטראַכט — אָנטאָן
מיין באָבעס קלייד פון אַן אַלטן פאַסאָן.
נאָר קוים האָב איך עס געהאַט באַשלאָסן,
האָט זיך גראָדע דאָס ליכט אויסגעלאָשן.
האָב איך ניט געוווּסט און ניט געזען,
וואָס איך טו אָן און וואָס איך נעם.
כ׳האָב געכאַפּט זאָקן פון צוויי קאָלירן,
די אויגן מיט ליפּשטיפט גענומען שמירן,
די ליפּן מיט שוואַרצער מאַרקאַרע באַלייגט
און דאָס קלייד אָנגעטאָן אינגאַנצן פאַרדרייט.

אַז כ׳בין מיט מיין קאַוואַליער אריין אין טאַנץ,
האָט מיין ווילדע אָנטועכץ געטאָן אַ גלאַנץ.
אַלע געסט האָבן געטאָן אַ פּאַטש און אַ לאַך,
און — ווי אויף מיר וואָלט זיך אַראָפּגעלאָזט דער דאַך...
איז מיין פריינד געוואָרן רויט ווי בראַנד,
ווען ער קען באַגראָבט ער זיך גלייך פאַר שאַנד.
און אַז איך האָב דערזען דעם נאָכשלעפּ, דעם עק,
האָב איך געמיינט, איך פּלאַץ שוין אַוועק!
אַ פאַרשעמטע האָב איך מיין אויסשטייער באַטראַכט,
נאָר ניט געוועזן ווו צו לויפן אין מיטן נאַכט.
ניין, ניט געוועזן איז ווי און וואָס צו מאַכן,
האָב איך אָנגעהויבן אליין פון זיך לאַכן,
אַזוי לאַנג — ביז אַלע האָבן היסטעריש געלאַכט
און זיי האָבן געמיינט: כ׳האָב עס אומישנע געמאַכט.
דער סוף: מיין קאַוואַליער האָט מיך געבראַכט צום הויז
און — מער מיט מיר קיינמאָל ניט ארויס...

הײַנטיקע מאַמעס

אַ מאַמע פֿון הײַנט װער קען זי פֿאַרשטײן —
זי קען ניט אײַנזיצן אין שטוב, ניט אײַנשטײן.
אַז דער מאַן פֿון דער אַרבעט פֿאַלט אַרײַן װי צעמישט,
דאָס נעכטיקע עסן שטײט נאָך אויפֿן טיש.

זי לויפֿט שוין באַגינען צו פֿאַרטיס אַװעק
און מיט אַ שיקסע די קינדער זי לאָזט איבער פֿאַר טעג.
איז די דינסט באַלעבאָסטע, װי איר נאָר געפֿעלט —
קריגט פֿאַר היטן די קינדער אַ מטמון מיט געלט.

װײַל מאַמע אַן אויטאָ האָט — דעם לעצטן מאָדעל —
יאָגט זיך אַרום גאַנצע טעג, אַזוי, אָן אָפּשטעל.
טרינקט זי איר טײ — צו דער פֿיגור — ניט פֿאַרזיסט,
און אין שטוב אַלע קינדער — מ׳הוסט און מ׳ניסט.

די מאַמע אַ מאָדנע איז, אַ פֿאַרנומענע בריאה —
זי לויפֿט אויף פֿאַרקויפֿן, זוכט װילדע מציאות,
און שפּעט אין דער נאַכט קומט זי פֿאַרמאַטערט,
געפֿינט זי די קינדער פֿאַרשלומפּערט, פֿאַרקאַטערט.

דערמאָנט זי זיך פּלוצלינג אָן אײגענער הײם,
װי איר מאַמע פֿלעגט בלײַבן מיט די קינדער אַלײן,
הײבט אָן איר פֿאַרדריסן, זי װערט איבערגעבן:
דערזעט — אין איר שטוב איז אַ הינטישער לעבן.

ליגט זי אַ מידע און שטרענג זיך פֿאַרזאָגט:
אַהײם בלײַב איך מאָרגן אַ גאַנצינקן טאָג!
נאָר באַגינען פֿאַרגעסט זי װאָס נעכטן געשען —
און הײדאַ אין אויטאָ, װי ס׳װאָלט גאָרניט געװען.

עסן

עסן פיל — מסתמא איז עס היינט אין מאָדע,
ווייל ווי איך זעץ זיך נאָר צום טיש,
הייבט זיך אָן אַ יאַריד: וויסקיס, סאָדע,
טעלער פלייש, געהאַקטע לעבער, קיטקע, פיש.

און דער סאַרווער הייסט דיר שטאָפּן זיך וואָס מער,
נאָר אין אַ פּוסטער פּאָס איז אויך פאַראַן אַ דעק —
ווערסטו ביז צום גאָרגל אָנגעפּילט און — שווער,
כאַטש נעם און פּלאַץ אויף אָן אָרט אַוועק.

אָבער וואַרט... ס'קומען פּרוכטן און קאָמפּאָטן פּיל,
פולע טעלער אין אַ ריי אויף דיר וואַרטן.
ווילסטו אויסשרייען: צום טייוול מיט דער שפּיל,
נאָר די נאַשערייען האָבן דיר פאַרנאַרט שוין.

און צום טיש מען דערלאַנגט אַלץ נאָך און נאָך,
ווי עמעצער וואָלט דיר באַפעלן: עס! קראַפּיר!
וואָלט אין דער ערד דערביי געווען אַ לאָך,
וואָלסטו עס איצט אריינגעשיט מיטן געשיר.

און דו ציסט שוין קוים, קוים דעם אָטעם —
דאָס עסן האָט געמאַכט דיך מאַט און מיד.
ווילסטו פרעגן ווי אַזעלכע הערצער האָט מען —
אויף וואָכן פטרן אַ מענטשנס אַפּעטיט?

וואַרעניע

וואַרעניע איז אַ גוטע זאַך
און יעדן יאָר פּרעגל איך אַ סך:
פולע סלאָיעס — אויף צו נוצן
און דעם טיש — מיט זיסקייטן באַפּוצן.
ווייל גוט איז עס מיט לעמאָן־טיי,
צי אפילו גלאַט אזוי,
אַ שמעק, אַ לעק פון יעדן סאָרט
מיט אַ פענעצל פון טאָרט.
ס׳קען ניט שאַטן אויך מיט ברויט
עסן הונגעריקערהייט.

איך מאַך עס זיס, באטעמט, געשמאַק
און פויל זיך ניט — גיב אַ באַק
קיכעלעך מיט האָניק־לעקעך
אַ גאַנצן, גרויסן, פולן בלעך.
און אליין — כ׳בין קיין נאַר שוין,
נעם טרושקאַווקעס, נעם איך קאַרשן,
און בעת זיי דאַרט די קאַרטן טאַשן
איז גוט אין קיך צו לעקן, נאַשן.

איינגעמאַכטס

איך פרעגל איינגעמאַכטס,
דאָ הייסט עס דזשעם,
בולבלט זיך עס און איך טראַכט:
ווען וועט נעמען אַ סוף צו דעם?

ווייל יעדע ווײלע כ׳גיב אַ נעם —
כאַפּ אַ לעק, אַ שמעק
פון טעפּל דזשעם —
מ׳זעט שוין באַלד דעם דעק.

קוק איך ארום זיך, ווי פאַרשעמט:
אויב כ׳וועל שלינגען, פרעסן
אזויפיל לעפל דזשעם —
מעגן די אַנדערע אָן דעם פאַרגעסן...

אַ טעלעפאָן

אויף אַ טישל שטייט אַ טעלעפאָן,
אויף אים אַ טרייבל, ווי דער פּאַסאָן,
מיט צען נומערן אין אַלע לעכלעך,
דערביי — פאַר רויכערער אַן אַשבעכער.

ווי אַ פאַרעקשנטער קאָפּ, איינגעשפּאַרט,
דער טעלעפאָן געדולדיק וואַרט,
נאָר מיטאַמאָל אים אין קאָפּ צעקלינגלט זיך,
און אין טרייבל עמעצער צעצינגלט זיך.

„האַלאָ, האַלאָ!" שרייט דאָרט עמעצער אריין,
שרייט מען צוריק: „האַלאָ, כ'בין פיין!"
און שוין גיסט אַ מבול רייד ס'ווייבל
דורכן פּיסק פון שוואַרצן טרייבל.

ניט מען זעט קיין מענטשן, ניט קיין פּנים,
רעדט מען אין דער לופט, מיינע שונאים...
און דער טעלעפאָן פון רייד ער שוויצט,
דערציילט זי נאָך אַ מעשה, אַן אַלטן וויץ.

און צוריק מען שרייט, ווי געקלאַפּט אין טאַצן,
די פּערעפּאָנקע קען חלילה פּלאַצן,
האַלט מען דאָס טרייבל פון אויער אזוי ווייט —
דאָס מיינט: רייסט דעם האַלדז זיך, שרייט.

אינדעראמתן האָט ליב דער טעלעפאָן רכילות,
טומלען און באַריידן — פאַר אים אַ ציל איז.
מ'רעדט אריין אזוי פיל אומזיסטע רייד,
מען קלייבט ניט איבער — נאָר ווי עס גייט...

מ׳דערציילט וואָס איינער האָט געלקחנט און פאַרמאָגט,
וואָס פאַר אַ אונטערוועש יענע מאַדאַם טראָגט...
ווי יענער אָפּגעזעסן איז, ווי ער האָט אָפּגענאַרט,
איין פריינד וועגן צווייטן — דעם אויער גיך פאַרשפּאַר.

אז איינער רעדט וועגן וועטער, היץ און קעלט,
זיי זיכער, ער פּרוּווט אָנטאַפּן אַ הלוואהלע, א ביסל געלט.
לעקט מען זיך ארום מיט ווערטער פון דער ווייט,
און עס שעפּט זיך קיינמאָל גאָרניט אויס די צייט.

שעהען רעדט מען — און פאַרגעסן פאַרבעטן צו דער סעודה,
נאָר אַט שוין ווידער: זיי מוחל, גוטער ברודער,
וואָס איז מיט דיין טעלעפאָן געשען?
קיינער ענטפערט ניט... געקלונגען... ביסטו ניט געוועזן...

ס׳איז אזוי די טבע, אז מ׳זעט ניט האָט מען חוצפה,
און ליגנס אויפן טעלעפאָן „האַלסייל״ נוצט מען —
און עס הערט ניט אויף, אזוי כסדר,
נאָר דערביי מוזן תמיד זיין צוויי ריידער.

וועגן עטלעכע שרייבערס

(צופעליק און ניט געקליבן)

וועגן פּאָעטן איז גאָרניט גרינג צו שרייבן,
מעגן זיין געוווּנג לידער זיך אויסצוקלייבן,
האָט אָבער יעדער זיין סטיל און זיין טעם
און פּאַסט זיך אריין אין אייגענער ראַם.

צוערשט די דאַאיקע, אָבער כ׳ווייס ניט ווי און וועמען,
וועל איך אויסשטעלן לויטן אלף־בית די נעמען.
אָבער אפילו די זיינען ניט גלייך אין אַלץ
און מ׳דאַרף יעדן שטעלן אויפן ריכטיקן פּלאַץ.

יהונתן באַטניצקי שרייבט ארטיקלען פּשוטע און קלאָרע,
קען מאַכן זאַכן פּאָפּולער ביז אויף דעם דינסטן האָרל.
ער איז אַ זשורנאַליסט מיט טעם און מיט מאָס,
נאָר אַלץ קומט ארויס ביי אים מיט אַ ביסעלע פּאַרדראָס.

דער דיכטער מיכאל בן־משה איז עכט און פיין
און קען מיט שעפערישקייט זיך טאָן א צעשיין —
אויסגעשליפן איז זיין יעדע שורה, און זיין יעדער זאָג,
חוץ דעם איז ער אַ באַקאַנטער פּעדאַגאָג.

אונדזער פּאָעט און קריטיקער דוד וואָלפע
איז מיט אַ ווויל לשון געוואָרן געהאָלפן,
אָבער ער העלפט אויך אַנדערע מאַכן ביכער,
ער איז אויטאָריטעט, זיין וואָרט — זיכער.

אָדער נעמען מיר אַ שרייבער ווי מענדל טאַבאַטשניק,
האָט ער צו טאַלאַנט און טעמעס — אויך אַ ביסל גליק,
שרייבט ראָמאַנען, פּאָעמעס און אפילו הומאָר,
שילדערט יעדע קליינקייט ביז אויף אַ האָר.

און שמערל לעווין — אַ זשורנאַליסטיש יידל,
זינגט אויך — כאָטש זעלטן — אַ הומאָריסטיש לידל,
נאָר פון זיין ליד איר גלייך דערשפּירט,
אז ער איז ווייט פון זיין אַ יידישער שעקספּיר.

און דער שרייבער, וואָס צייכנט ה. ערליך,
שאַפט ניט צופיל און אויך ניט צו גיך,
נאָר אַלץ ביי אים איז לייכט, מיט אַ וויץ,
און זיינע הומאָרעסקעלעך — פיין פאַרשניצט.

און דער לירישער פּאָעט דוד פראַם —
זיין פּערז און ריטעם האָט אַ טעם —
ער איז באַשאָנקען מיט גאָר אַ סך טאַלאַנט
און איז ביי אונדז אומעטום באַקאַנט.

און דער רעדאַקטאָר און שרייבער לוי שאַליט —
ניטאָ אזא זאַך פון וואָס ער שרייבט ניט:
ער מאַכט זיינע אַרטיקלען גלאַט און שיין,
אַלץ פּאָפּולער דערקלערט, אז יעדער זאָל פאַרשטיין.

און דער הומאָריסט-קאָמפּאָנענטש הערש שישלער —
פון אַלץ אין דער וועלט שרייבט ער צוביסלעך.
ער שניידט צו זיינע קורצע מאָנאָלאָגן,
אז יעדער לייענער זאָל זיי קענען פאַרטראָגן.

און נאָך אַ סך היגע יידן האָבן ליב צו שרייבן,
נאָר איך קען זיי ניט אַלעמען דאָ צוזאַמענקלייבן,
כאָטש איך ווינטש זיי מאַנוסקריפּטן פולע טאַשן
און מיט זייערע נעמען זאָלן קלינגען אַלע גאַסן.

און אין שפּיץ פון דער אויסלאַנד־פּלעיאַדע
שטייט דער גרויסער שרייבער חיים גראַדע.
ער מאַכט לעבעדיק ווילנע מיט אירע יידן צוזאַמען,
ווען ער שרייבט וועגן ישיבה, רבנים, זיין מאַמען.

און דער ליכטיק־צעשטראַלטער דיכטער אברהם סוצקעווער—
אזא פּאָעטישער גדול איז דיר ניט אַבי ווער.
אין זיינע לידער דאַרף מען זיך טיף אריינטראַכטן —
זיי זיינען מאָדערן, פּערלדיק און שטיל־באַזאַכטע.

פון ווילנע, דער שרייבער אברהם קאַרפּינאָוויטש,
האָט דעם שווערן און פינצטערן לעבן פאַרקירצט.
געפאַלענע יידן דערהייבט ער צו אונטערוועלט־חן —
כאַראַקטערן געמישט מיט גוטס־שלעכטס און פרייד־געוויין.

נאָך דאָ אַ מאַסע שרייבער — פון היינט און פון אַמאָל —
און ניט פאַר מיינע כוחות צו שפּילן די ראָל
פון אַ קריטישן וואַנדערער אין שרייבערלאַנד —
כ׳האָב נאָר אַ כאַפּ געטאָן פון „אונטער דער האַנט״.

ווייל באַשיידן געזאָגט : כ׳האָב גאָרניט די מוט
ניט צו שרייבן שלעכט און אויך ניט גוט.
עס האָט זיך מיר נאָר אַ טשעפּע טאָן פאַרוועלט
מיט אַ פּאָר באַקאַנטע נעמען פון דער שרייבערישער וועלט.

האָף איך, אז קיינער וועט ניט טראָגן קיין כעס,
ווייל איך שרייב עס פשוט און אָן שפּאַס,
צופעליק, ניט געקליבן, דערמאָנט עטלעכע נעמען,
און — פאַרדאָן — ניט געקענט אלעמען אריינגעמען.

דער מאַן פון צייטונג און איך

דער מאַן פון צייטונג הייסט מיר וואָס מער שרייבן.
ער זאָגט: „ס׳איז אַ גוטע האָבי די צייט צו פאַרטרייבן.
„אוודאי פעלט אייך ניט דאָס שרייבן, ווי מיר, צו שווער״,
און ער טענהט: „דאַוואַי, דערלאַנגט וואָס מער און מער!״

און ער חכמעט זיך: „זאָל זיך אָנקלייבן וואָס מער פּאַפּיר —
ס׳וועט אַמאָל צוניץ קומען אייך, צי אפשר טאָקע מיר...״
שלאָג איך צוריק: „פון אייער שפּאַס איז מיר ווי און וויסט,
און איר אליין האָט אין רעדאקציע אַן אייגענעם באַרג מיסט״.

שפּאַסט ער ווייטער: „ניטאָ ביי אונדז קיין שטיקל שמאַטע...״
זאָג איך: „אייער גאַנצע צייטונג איז גוט אויף לייגן אַ לאַטע...
„איר מוזט דאָך פאַרטשאָבענען יעדן ריס צו דער מינוט —
„און אַלץ ביי אייך זעט אויס קלאָגעדיק, ניט גוט.

„גוטער ברודער, זיי אַ מאַן און זאָג דעם ריינעם אמת:
„צי קענט איר די לעכער ביי אייך פאַרשטעקן מיט פּאַעמעס?״
„דער אמת איז״, זאָגט ער, „כ׳וועל זיך אויפהערן שעמען —
„ס׳איז ריין פּאַפּיר און כ׳וועל מיין ׳לאַנטש׳ אין דעם נעמען״.

„אוודאי״, זאָג איך, „אין אייער צייטונג איז ניט אזוי שיין,
„מיינע ניט געדרוקטע לידער זיינען מער אַפּעטיטלעך און ריין.
„וועל איך ביים שרייבן עס זיכער אויף אַ רגע ניט פאַרגעסן,
„כדי איר זאָלט ניט פאַרהונגערן און צו דער צייט קענען עסן״.

„אדרבא״, זאָגט ער, „כ׳וועל אַ קוק טאָן יעדן מאָל אין דער זייט,
ווו אייערע פּאָעמעס ליגן, מיט זייער טיפזיניקן באַטייט,
און כ׳וועל נעמען אייערע פּעקלעך לידער פאַר אַ באַווייז,
אז ווערטפול זיינען זיי צו פאַרפּאַקן מיין ביסל שפּייז״.

זאָג איך: איר וועט זיך דערווייל באַגיין מיט אייגענעם מיסט,
און מײַנע לידער וועל איך שרייבן פֿאַר זיך — גאַנץ אומזיסט,
כאָטש פֿאַרפּולט מיט גאַנצע פּעק איז שוין מײַן קאָמאָד,
אַז ס'איז ניט מעגלעך מער צו עפֿענען אַפֿילו אַ שופֿלאָד".

כאַפּט ער זיך: „אין אײַערע לידער איז עפּעס יאָ פֿאַראַן:
צווישן די שורות איז דאָס פּאַפּיר אַזוי קלאָר און ווײַס".
און ער פֿאַרטרויט מיר אַ סוד: „איך האָב אַ גוטן פּלאַן —
„שנײַד אויס די ווײַסע — און די שוואַרצע צערײַס..."

זאָג איך: „בײַ אײַך ווערן ניט ווייניק נאַרישקייטן געדרוקט,
„נאָך אַ גליק וואָס דער אַבאָנענט־צאָלער עס פֿאַרקוקט,
„אַניט וואָלט ער אַליין געדאַרפֿט פֿאַרריכטן דאָ און דאָרט —
„צערײַסט ער בעסער די גאַנצע צײַטונג אויף אָן אָרט".

זאָגט דער מאַן: „אײַערע לידער מאַכן מיד און מידער,
„העלפֿן אײַנשלאָפֿן — טאָ דערפֿאַר שרײַבט טאַקע ווידער,
„ס'איז ממש אַ מיצווה, ס'איז גוט אַזוי און ס'איז גאָר פֿײַן
„און ייִדן וועלן אײַך אייביק, אָן אַ שיעור דאַנקבאַר זײַן".

מאַך איך צווישן אונדז אַ פּשרה: „מיר שרײַבן ביידע שײַן,
„מיט איין קליינעם אונטערשייד און אין דעם ליגט דער מײַן:
איר דרוקט אַלץ וואָס איר קראַצט אָן מיט אײַער פּען,
בעת מײַנע לידער קען קיינער דערווייל נאָך ניט זען".

מיין פריינד און מיינע פּאָעמעס

מיין פריינד זאָגט: ער האַלט ניט פון מיינע פּאָעמעס,
נאָר פון זיך האַלט ער — אַז אַלץ וואָס ער זאָגט איז אמת.
איז, ערשטנס, זאָגט ער: מיין שרייבן האָט ניט קיין טעם
און דערצו זוך איך תמיד אויס אַ ניט צוגעפּאַסטן גראַם.

און צווייטנס: „קען מען דאָס גלאַט אין די בלעטער ניט דרוקן,
„ווייל עס האָט ניט קיין ריכטיקע ווערטער, ניט די אויסדרוקן,
„עס איז אַנגעדרודלט, אַנגעפּלאָנטערט, אַזא מאָדנער פּלוט,
„וואָס פון אַזא שרייבן קען ממש ווערן איינעם ניט גוט".

עצהט ער מיר: „עס לוינט אייך ניט צו שרייבן —
„געפינט עפּעס בעסערס מיט וואָס די צייט צו פאַרטרייבן.
„און סתם אַ שאָד איז צו פּטרן אויף גאָרנישט אייערע טעג,
„אייערע לידער קריצן מיר אין אויער ווי אַ טעמפּע זעג.

„אָט אַ שטייגער — פאַרנעמט זיך בעסער מיט אייער קאָץ:
„איר וועט טאָן אַ שרייב, און זי וועט טאָן אַ קראַץ.
„איר נאָגל איז כאָטש שאַרף, איר פּילט עס גלייך,
„נאָר פון אייער פּען פּליסט, ניט דאָ געדאַכט, אַ טייך...

„יעדער וואָרט איז וואַסערדיק, אויסגעקוועטשט, אָן וואָג —
„ס'איז ניט קיין אמתער טאַלאַנט, וואָס איר פאַרמאָגט,
„ס'איז נאָר אַ ביסעלע געפּילעכץ, אַמאָל אויך דערשפּירן —
„טאָ האַלט עס נאָר פאַר זיך, איר זאָלט עס ניט פאַרלירן.

„אוי, האָט רחמנות, ניט שרייבט, אַ וואָרט ניט מער!
„די ווערטער, ווי אויף אַ קייט אַ בער, אַזוי מיין שווער.
„און אז איר וועט ניט שרייבן, וועט איר בעסער מאַכן —
„צו וואָס דאַרפט איר מ'זאָל פון אייך אין די הויפנס לאַכן?"

אַזוי רעדט מיין פריינד און לאָזט מיך שטיין אַ פאַרשעמטע.
נאָכדעם ליג איך, אין די נעכט, און טראַכט זיך, אַ צעקלעמטע:
צי זיינען טאַקע די פּאָעמעס מיינע אַזוי מיאוס און שלעכט?
און צי איז מיין פריינד טאַקע כולו אמת און גערעכט?

פּאָעמעס

אַ גאַנצן טאָג איך זיץ ביים טיש
און שרייב פּאָעמעס — ווי ניט איז...
אויסגעפּילט שוין גאָר מיין צייט,
אין העפט איז פול שוין יעדע זייט.

כ׳שרייב ביים טרינקען און ביים עסן,
טאָמער וועל איך וואָס פאַרגעסן —
געדאַנקען שיטן זיך ווי מאָן,
ווי כ׳הייב נאָר אָ פּאָעמע אָן.

אויב דו ווילסט די צייט פאַרטרייבן,
זאָלסטו ווי איך זיך נעמען שרייבן —
צי דו קענסט ניט, צי דו קאָנסט,
פריילעך איז — דו ביסט פאַרטאָן.

וואָס אין קאָפּ אַלץ טוט זיך דרייען,
פאַרשרייב וואָס גיכער, ס׳וועט אויסווייען,
פון האַרצן קענסט זיך אַראָפּריידן —
פון פאַרדרוסן און פון פאַרשיידנס.

פון דיין קאָפּוויטיק, פון שמערצן,
און וואָס די וועלט האָט לאַנג געהערט שוין,
פון נאַטור, פון לופט און הימל...
און אינצווישן כאַפּ אַ דרימל.

און זאָלסט ניט האָבן קיין פאַראיבל
אויב דיין פריינד, די מיסיס צוויבל,
וועט מיט דיין ביכל ביי איר צוקאָפּנס —
אָנשטאָט אַ פּיל — זיך גוט דורכשלאָפן.

שרייבן

אז איך זעץ זיךביים טיש עפּעס שרייבן,
סאָרטיר איך די ווערטער און מוז זיי איבערקלייבן,
ווייל דאָס פּאַפּירל שווייגט דאָך געדולדיק,
אין אַלץ נאָר דער שרייבער איז שולדיק.

מיט טאַלאַנט איז ניט געבענטשט יעדער,
דאָך גוט אז דער געדאַנק פירט די פעדער,
און מען מאַכט אַ טומל און אויך — געלט,
גרויסע שרייבער רייסן איין די וועלט.

מ׳שרייבט אָן טעם, אָן זין, אָן מאָס,
ניט קיין אינהאַלט, ניט פאַרוועץ און ניט פאַרוואָס
מ׳שיט מיט ווערטער אזוי זיך אין דער וועלט, סתם —
ניט קיין ריטם, ניט קיין מעטער, ניט קיין גראַם.

איז אַ שאָד צו פּטרן אויף טראַכטן צייט,
פילט מען אָן מיט אומזין די שורות און עולם פאַרדייט,
פאַר די נייע עפּאָכע איז אלץ גוט און שיין,
מעג עס זיין אָן אינהאַלט, אָן געדאַנק, אָן אַ מיין.

אָבער די אַלע אידעען פון די יונגע זיינען אָן נוצן,
אַ געפלאָנטער פון ווערטער און אנדערע שטותים —
איז טאַקע פון די אַלע לידער ניטאָ וואָס צו מאַכן —
און שפּעטערדיקע דורות וועלן אין די הויפנס לאַכן.

שרײַבן לײַג אָפּ אָן אַ זײַט

צוואָס שרײַבן ווידער און ווידער
די דאָזיקע בערג מיט לידער?
ס'דוכט מיר, ווי נאָר אַ ליד איך מאַך
אַז ס'לאָזט זיך אַראָפּ די נאַכט.
און נאַכט — מײַנט דער טײַטש:
נעם די לידער און צערײַס,
זאָלסט די בלעטלעך מער ניט קלײַבן
און קײן לידער מערניט שרײַבן!
פּאַר אַנדערע דאָס שרײַבן לאָז
און האָב דערפֿון ניט קײן פֿאַרדראָס.
דו בעסער גײ, שפּאַציר אין גאָרטן
אָדער שפּיל אַ פּאַרטיע קאָרטן.
און זאָלן אורחים צו דיר קומען —
זײ מיט עפּעס וואָס פֿאַרנומען.
אָדער גאָר רײד פֿון טעכניק,
פֿון נײַסטע וווּנדער, פּאָליטיק.
און ס'וועט אַוועקלויפֿן די צײַט —
דאָס שרײַבן לײַג אָפּ אָן אַ זײַט.

אַן אַקטיאָר וויל מײַנעם אַ קופּלעט

מאַקס, דער אַקטיאָר, מיינט איך בין אַ טאַלאַנט,
טוט ער זיך אַ בייג צו מיר העפלעך, עלעגאַנט:
„מאַדאַם, איך בעט אייך, שרייבט פאַר מיר אַ קופּלעט".
„ס'איז טאַקע פון אייך, מאַקסעלע, זייער פיין און נעט",
ענטפער איך מיט אינטעליגענץ און צופרידן,
„אָבער פון מיר קענט איר אזא זאַך ניט קריגן,
„ווייל פשוט, כ'וועל אייך זאָגן דעם ריינעם אמת:
„איך האָב ניט ווו צו נעמען אַזעלכע בינע־טעמעס.
„ניטאָ פאַר אַן עולם פון וואָס אויסצוקלייבן —
„איך שרייב נאָר פאַר זיך די צייט צו פאַרטרייבן.
„טאָ לאָזט צורו מיין שרייבן, ווייל פון די גראַמען
„קען זיך נאָך, חלילה, דער עולם גאָר פאַרסמען...
„אָדער מ'וועט פון מיינע קופּלעטן, כ'בעט אייך, לאַכן,
„וועל איך אזעלכענע בעסער גאָרניט ניט מאַכן.
„נאָר איר אליין זייט דאָך אַ בינעמענטש מיט געדאַנקען —
„טאָ מאַכט אליין עפּעס און האָט אויך מיינע דאַנקען".

הינטער אַ טיר

כ׳קלינג צו אַ פֿריינד אין גלעקל פֿון טיר,
נאָר פֿון יענער זייט — קיין פּיפּס ניט, קיין ריר.
צי האָט ער אפשר געביטן זיין אַדרעס, זיין אָרט ?
און אפשר, ווי איך דאָ, שטייט ער — דאָרט...

ווייל ביי זיך ווייס איך : ער איז ניט אַנטלאָפֿן
און האָט זיך אויך ניט אזוי פֿרי געלייגט שלאָפֿן.
קומט מיין קלונג נאָכאַמאָל — אויסגעצויגן און לאַנג,
נאָר פֿון אינעווייניק ניטאָ איז קיין קלאַנג.

קלאַפּ איך שוין איצט מיטן פֿויסט גאַנץ געשמאַק,
נאָר מיין פֿריינד ליגט פּאַרפּאַקט, ווי אין אַ זאַק,
כ׳קאָך פֿאַר כעס : לאָזט מיר שטיין ווי אַ הונט...
און ס׳פֿאַלן פֿון מיר שטיקער געזונט.

ס׳גלעקל רייסט די לופֿט, ווי אַ טעמפּע זעג,
נאָר הינטער דער טיר — שטיל־שאַ, קיין באַוועג.
שריי איך : כ׳וויל דיר זען, כ׳האָב ניט קיין צייט !
און — כאַפּ־אויף זיינע טריט פֿון יענער זייט.

איילעניש

אין אַ טאָג אַ ליכטיקן און העלן
האָט מען מיך אָנגעהויבן יאָגן: שנעלער!
ארויס פון בעט! די באַן וועט באַלד אַוועק.
פון אַלע צימערן האָט מען געשלעפּט פולע פּעק.

האָב איך פון געלעגער זיך דערלאַנגט אַ ריס,
ווי דער ים וואָלט שוין איינגענעצט מיינע פיס,
און איינגעפּאַקט וואָס איז אין האַנט געקומען
און אַ ווילדע פרייד האָט מיך ארומגענומען.

און אין איילעניש בין איך אַלעמען נאָכגעלאָפן,
ווי ס׳וואָלט, חלילה, אַ דונער מיך געטראָפן.
און די ריי האָט זיך אויסגעצויגן אזוי לאַנג,
אז פונווייטן האָב איך געהערט דעם פייף פון באַן.

אויף די טרעפּלעך מענטשעלעך זיינען געשפּרונגען —
און די וואַגאָנעס האָבן אַלעמען פאַרשלונגען.
אַ סיגנאַל — און איך די לעצטע געבליבן בין פון אויסן,
ווייל — פון איילעניש קיין גוטס קומט ניט ארויסעט.

בריהשאַפט פון אַ ווייב

פון געלעגער טו איך זיך אַ ריס,
ווי נאָר עס גיט אַ שפּראַץ אויף טאָג,
און איך שטיי שוין אויף די פיס,
צו דער קיך איך טו אַ יאָג.

אין מינוטן אַלץ פאַרטיק איז —
אַ ראַם, אַ קער, אַ גלעט, אַ וויש,
וואָס צעבראָכן כ׳וואַרף אין מיסט:
טעלער, גלעזער, דעם סערוויז.

און אַ בריה בין איך — גיך;
אויף שערבלעך איז שוין אַלץ צעבראָכן,
און ווי אַ מיסטקאַסטן די קיך,
די הענט צעריבן און צעשטאָכן.

סוף־כל־סוף דעם טיש געגרייט,
נאָר צולעצט האָב איך באַמערקט:
דער טישטעך שמוציק איז, צעדרייט,
און אויפן טיש שטייט אַלץ פאַרקערט.

אין אָט דער רגע זיך דערמאָנט:
כ׳האָב צוגעשטעלט צו בריען מילך —
לויף איך אין קיך אָן אָטעם אָן:
אַ טייכל מילך איז אויפן דיל.

פון שרעק באַשלאָגט מיר אזא שווייס
און ווי דער דיל כ׳ווער באַלד נאַס,
די לופט מיט מילך־פּאַרע — איז הייס,
נאָך איך מאַך פון אַלץ אַ שפּאַס.

אויף קאַווע מילך האָט נאָך געקלעקט —
מיט וואַסער עס פאַרבריט אויף גיך,
און דאָס וואָס צוגעברענט צום דעק
די שטאַרקע קאַווע האָט פאַרריכט.

גאָט צו דאַנקען — פאַרטיק אַלץ!
און אַלע קומען אָן צום פרישטיק:
נאָר ווו איז ברויט און ווו איז זאַלץ?
ווו איז פוטער? ווו איז ביסקוויט?

זאָגט מיין מאַן צו זיינע געסט:
„אין פינקס דאַרף מען עס פאַרשרייבן,
„שוין מיטאָג באַלד, טאָ איילט זיך, עסט!
„זי איז אַ בריה פון אַ ווייבל!"

אַ באַקוועמער גאַסט

מיט פֿאַראַד איז צו אונדז אַ גאַסט אָנגעקומען
און האָט גאָר אונדזער צייט זיך צוגענומען.
ניט געבליבן קיין רגע איז צו פֿאַרברענגען,
ווי אומישנע וואָלט ער אונדז פֿאַרענגען.

ארום גאַסט מ׳האָט זיך געדרייט, געפּאָרעט,
אין אייגענער היים געווען אַלץ פֿאַרנאַרעט.
ווו קען מען זיך רירן, ווו קען מען גיין,
אז עמעצער ליגט ביי דיינע פיס, ווי אַ שטיין.

און נעכטן האָט ער געזאָגט : מאָרגן פּונקט צען,
וועט איר מיר — אויף מיין וואָרט — דאָ ניט זען.
האָט ער פֿאַרגעסן מסתמא זיין נעכטיקן וואָרט,
און מיר האָבן זיך ניט געפֿונען מער קיין אָרט.

און אזוי ווי מיר האָבן געדאַרפֿט ערגעץ גיין,
האָבן מיר באַשלאָסן : שיין צי ניט שיין —
אפילו ניט דערקלערן — נאָר לאָזן אים אליין,
אַ גאַסט דאַרף האָבן שכל, די לאַגע פֿאַרשטיין.

ווייל ווער וואָרפֿט עס אַ גאַסט ארויס ?
כאָטש ער ווייס ניט ווו איין און ווו אויס,
ער וויל נאָר אויסנוצן אונדזער געדולד —
טאָ לאָמיר אים לאָזן אליין — ס׳איז זיין שולד.

אַ גאַסט — אויף ווי לאַנג?

ברוכים הבאים, אזא מין גאַסט!
און שוין רעכנט מען די צייט.
מ׳נעמט אים אויף ווי עס פּאַסט,
נאָר נאָך דעם קבלת־פּנים קומט אַ בייט.

„איר קענט שטיין לאַנג, ליבער גאַסט!"
נאָר קוים אריבער טעג דריי־פיר
פאַלט ער שוין אַלעמען צו לאַסט,
מ׳קען זיך ניט געבן קיין ריר.

געַנוג שוין! וויפל איז דער שיעור?
טוט מען אין האַרצן קלערן.
נאָר ס׳אַרט אים ניט, ניט ער שפּירט,
מ׳קען פון אים ניט פּטור ווערן.

אין די אויגן איז מען גוט:
„אַ גאַסט דאַרף זיך ניט שעמען".
עסט ער, טרינקט ער, שלאָפט און רוט —
ער וויל זיך ניט פאַרנעמען.

רעדט מען ניט קיין קרומען וואָרט,
מען מוז אין ווייטיק שטומען,
נאָר אין האַרצן שרייט מען: פאָרט!
און מער זאָלט איר ניט קומען!

און ווי דער גאַסט איז נאָר אין בעט
טוט מען די צינגער שאַרפן —
מ׳זידלט אים און מען באַרעדט,
מען וואָלט אים אַרויסוואַרפן.

אונדזערע שכנימס זון

אונדזערע שכנים האָבן אַ זון — אַ באַי גאַר פיין —
געזונט און שטאַרק זאָל דאָס בן־יחידל זיי זיין.
אָבער אַז ס׳קומט צוצולייגן אַ האַנט, ווערט ער פויל —
זיין האַנט איז צו וואַרפן שאָקאָלאַדקעס אין מויל.

ער האָט ליב גענעצן, זיך וואַלגערן אין ווייכן בעט.
אַז ער קומט אַמאָל צו דער אַרבעט — איז צו שפּעט.
ס׳ליגט אים ניט אין לינקער פּיאַטע, אין זינען,
אַז מען דאַרף מיט די אייגענע הענט פאַרדינען.

לאָזט ער אַלץ מיטאַנאַנדער טאָן זיין אייגענעם פאָטער —
אַ דאגה האָט ער, אַבי פון דער אַרבעט ווערט ער פּטור.
און אַז ער האָט חתונה געהאַט זיינען אַוועק די זאָרגן :
דאָס ווייב זאָל אַרבעטן — טאָג און נאַכט, ביז פרימאָרגן.

געוואָרן אַ פּריץ — ניט קיין פינגער אין וואַסער אריינטאָן,
דאָס ווייב קויפט אַלץ צונויף, טוט אים אפילו אָן :
נייע קליידער, אַ הוט, שיך און זאָקן. זי גיט אויס
ביז איר לעצטן סענט — ער זאָל קענען שטיין אין הויז.

זיין ווייב פאַרדינט אים צו הוליען און צו לעבן —
ער ווייס ווי צו נעמען — ווייס ניט וואָס איז געבן.
און אַז עס רוקט אונטער אַ מתנהלע דער אַלטער טאַטע —
טוט ער ווי עס וואָלט אים קומען, מאַכט זיך תמעוואַטע.

און גרעסער איז די חוצפה און זיין פוילע העזה,
צוליב זיין באַרימען זיך און זיך כסדר בלאָזן.
אָבער נעמט ניט די מעשה ווי אַן אמת — ס׳איז הומאָר,
ווייל כ׳האָב צוגעגעבן צו דער שילדערונג מער ווי אַ האָר.

אַז איר פֿאַרבעט ווײַבער אויף אַ „גיים“

אַז ס'האָט זיך אײַך פֿאַרוואָלט האָבן אַ „גיים“
און איר פֿאַרבעט עטלעכע ווײַבער צו זיך אַהיים,
מוזט איר פֿריער אַלץ באַרעכנען און באַזאָרגן,
עפּעס קלעקט ניט — לויפֿט צום שכן באָרגן.

טוט יעדע קלייניקייט אויף אַן אָרט אוועקלייגן,
ווײַל אַנדערש וועט קיין זאַך ניט טויגן,
און פֿון אײַערע געסט וועט שוין בלאָזן מיט אַ קעלט —
תּמיד וועלן זיי געדענקען, אַז עפּעס האָט געפֿעלט.

און זיי וועלן גלײַך מיט דער נאָז פֿאַרדרייען,
געבן אָנצוהערעניש, אַז איר זאָלט אַליין פֿאַרשטיין
ווי טיף מ'איז באַליידיקט, און נאָך גאָט באַהיט —
טאָמער עמעצער זאָל גאָר פֿאַרשפּילן אין דער מיט.

ווײַל אַלע ווײַבער ווילן נאָכאַנאַנד געווינען,
אַניט איז מען ברוגז, מ'גייט אַראָפּ פֿון זינען.
און אַנדערע האָבן גאָר אַ מאָדנעם ווילן:
נאָר זאַלבעפֿינפֿט — אויב ניט קומען זיי ניט שפּילן.

און גיט דער טעלעפֿאָן אַ קלונג: ס'פֿעלן הענט!
קומט מען אין געלויף, ווי ס'וואָלט געברענט.
ווען ניט די קאָרטן וואָלטן פֿרײַנד זיך ניט געזען
און ניט געוווּסט וואָס אין די היימען איז געשען.

איז די „גיים“ די צײַט צו פֿאַרטרײַבן דאָך געמיינט,
נאָר אויף די פּאָר פֿאַרשפּילטע גראָשן רק מ'וויינט.
און אַרום האַלבער נאַכט, אַז מ'קלײַבט זיך שוין גיין,
איז אויפֿן האַרצן אומעטיק, און דער חשבון — קליין.

אָבער אז מ׳קומט ניט פֿאַרדריסט: אַ „גיים״ אָן מיר...
און דאָרט וועלן אַלע זיין, און — טישלעך פיר.
איז אפשר די בעסטע זאַך: מאַכן אזא קאָרטנקלוב,
וואָס יעדע פרוי זאָל אים האָבן ביי זיך אין שטוב.

אונדזערע ווייבער, געזונט זיין זאָלן זיי, האָבן מוט,
פֿאַר יעדערער — געדולד, און צו אַלעמען — גוט,
און זאָלן זיי זיך נעמען צו די קאָרטן גיכער,
ווייל ווען ניט די „גיים״ איז קיינע מיטן לעבן מער ניט זיכער.

אויף אַ ווייבערשן קאָרטנשפּיל

ס׳איז געווען, ווי געוויינלעך, אַ קאָרנטשפּיל,
וואָס איז אַנגעגאַנגען גאָר פֿיין און שטיל.
ווייבער זײַנען געזעסן סטאַטעטשנע אויף אַן אָרט
און מ׳האָט ניט געהערט קיין איבעריקן וואָרט.

נאָר מיטאַמאָל האָט איינע אַ מאַך געטאָן מיט די הענט,
אַז קיינער האָט שוין מער די פּרוי ניט דערקענט:
זי האָט געטומלט, ווי מ׳וואָלט איר קירצן די יאָרן,
נאָר געגאַנגען איז אין סענטן, וואָס זי האָט פֿאַרלאָרן.

האָבן זיך אַלע איבערגעקוקט: וואָס איז דאָ געשען?
דוכט זיך אַזוי רואיק ביז איצט איז זי געווען,
נאָר איצט האָט זי זיך אויפֿן שטול נערוועז גערוקט
און מיט אויגן בייזע איר שכנטע אָנגעקוקט.

האָט יענע אַ ברוגזע געזאָגט: „כאָטש איר ׳לאָזט מיך אויס׳,
„בין איך דאָך ריכטיק פֿון דעם שפּיל אַרויס,
„טאָ וואָס שרייט איר און געפֿינט זיך ניט קיין אָרט —
„ניט איך האָב גענומען אייער טריפּהנעם קאָרט...

„ווייס איך טאַקע ניט צוליב וועמען און פֿאַרוואָס
„איר קוקט אַזוי קרום, דרייט מיט דער נאָז.
„וועל איך אייך פֿון היינט אין אַ שפּיל אויסמיידן,
„ווײַל כ׳קען אַזאַ מענטשן פּשוט ניט פֿאַרליידן...״

דער באַלעבאָסטע די גאַנצע קריגערײַ איז ניט באַקוועם —
שטייט זי אָן אַ זייט, און רעדט פֿאַרקלעמט:
„פֿאַרוואָס זיך עפּעס צענומען, אָט ווי קליינע קינדער,
אַז אַלץ קוקט אויס ריכטיק, אָן אַ שווינדל?״

איז איר אַ שאַנדע פאַר די שכנים, דאָס געשריי,
זי וואָלט זיך באַגראָבן פאַר חרפּה און פאַר ווײ,
אַז צוליב עטלעכע נישטיקע פאַרלאָרענע גראָשן
זאָל מען זיך זידלען מיט אַ שמוציקן, מאַרקאָוון לשון.

פּרוּווט זי מיט גלאַטע רייד דעם אינצידענט פאַררייבן,
כאָטש זי וואָלט זיי געוואָלט אַלעמען ארויסטרייבן,
זי קוקט אָן אירע געסט, ווי גאָר ניט קיין נאָרמאַלע:
אוי, ווי איז מען זיי נאָר משלח — אַלע, אַלע ?!

זיצט מען אזוי אָנגעדרודלטע ביים קאָרטנטיש,
נאָר הנאה טוט זיי, וואָס מ׳האָט געטאָן יענע אַ וויש.
ווי נאָך אַ שטורעם איז געוואָרן אזוי שטיל,
און אָנגעצויגן גייט ווייטער די קאָרטנשפּיל.

זי ווײל פֿון אַלץ

אין אײנע אַ זומערדיקע וואַרעמע נאַכט
האָט זי די זאַך גוט איבערגעטראַכט
און באַשלאָסן: אַז אַלץ וואָס איר איז באַשערט,
זאָל זײַן ווי זי ווײל — ניט פֿאַרקערט.

זי זאָל קריגן אַ מאַן מיט אַלע מעלות,
ער זאָל זי ניט פֿרעגן קײן שאלות
און געבן פֿון דעם שענסטן און בעסטן,
און פֿון אַלץ — דעם חלק דעם גרעסטן.

זי זאָל ווערן רײַך, שלאַנק און שײן,
מיט אַ כּישוף־שמײכעלע, פֿול מיט חן,
מיט שׂכל, אַטראַקציע און אַ סך געדולד,
און קײנמאָל ניט האָבן אַ געפֿיל פֿון שולד.

איר זאָל קלעקן אויף אַלץ פֿאַרשטאַנד,
און דער מאַן זאָל אַרבעטן נאָכאַנאַנד
און איר נאָכגעבן אַלץ אויפֿן ערשטן בליק:
„יאָ, מײַן טײַערע, אַלץ פֿאַר דײַן גליק!“

ווי אַ פּרינצעסין זאָל ער איר באַדינען.
ער זאָל פֿאַר איר ממש אַראָפּ פֿון זינען
און אויספֿירן אַלע אירע קאַפּריזן,
ברענגען איר כּסדר מתּנות־סורפּריזן.

פּרעזענטן פֿון שמאַראַגדן און דימאַנטן,
וויקלען זי אין זײַדנס און טײַערע געוואַנטן.
און אַז זי וועט קריגן וואָס איר האַרץ גלוסט,
מעג ער זי דאַן ליבן, דריקן צו זײַן ברוסט.

ער מעג זי צערטלען, קושן און גלעטן,
זי רופֿן: מיין מלאך, מיין קאָקעטע.
פֿאַר אים זאָל זי אויסזען ווי ווענוס שיין,
און אויפֿן ווונק זאָל ער זי פֿאַרשטיין.

פֿאַר איר זאָל אים קיין זאַך ניט זיין צו שווער,
פֿון איר — טאָג און נאַכט זיין גאַנצער קלער,
ער זאָל נאָר טראַכטן, ווי איר פֿאַרגעניגן פֿאַרשאַפֿן,
אַז באַקאַנטע זאָלן שטוינען, און פֿריינד — גאַפֿן.

און זי זאָל האָבן די טייערסטע זאַכן,
וואָס די נייסטע מאָדע וועט ערשט מאַכן,
און ער זאָל זיין רייכקייט איר אָוועקשענקען...
נאָר ווער וועט איר קענען אזא מאַן ברענגען?

ווייל זי ווייס: אזא איינעם איז זי ווערט,
נאָר גיי ווייס, צי אזא איז איר באַשערט,
איז אויב דער ריכטיקער וועט ניט קומען אין צייט,
באַשליסט זי: אַ צווייטער וועט זיין אַ פֿאַרבייט.

הוסטן־מוזיק

האָנג־קאָנג רופט מען די עפּידעמיע —
און אויב הוסטן איז אַ קרענק,
כאַפּט זי אָן נאָר אַבי װעמען —
און יענער שוין דעם האַלדז ער שװענקט.

גאָרגלט מען, מען קװעטשט די הוסטן,
לויט אַלע שוין באַקאַנטע טענער —
פֿאַראַן דאָך הוסטער שוין באַװוסטע,
ספּעציאַליסטן — הוסטן־קענער.

האָט יעדע הויז שוין איר אָרקעסטער:
אַ באַריטאָן, פֿאַלצעט און באַס,
נאָר דער הוסט־זינגער דער בעסטער —
דער לירישער טענאָר אין גאַס.

פאַרקילונג

דער דאָקטער זאָגט: ער האָט גאָר ווייניק צייט,
נאָר מיר געטאָן האָט ער די טובה און געקומען.
דערווייל מעסט ער דעם האַרצקלאַפּ, אַ טאַפּ אין זייט,
און ווידער: סכּנות, ווי ער איז פאַרנומען!

דאָך פרעגט ער אַלץ נאָכאַמאָל פּינקטלעך אויס —
איז ער דאָך ספּעציעל צו מיר אַראָפּגעקומען —
כאָטש ער ווייס שוין אַלע מיינע ענטפערס פון פאָרויס,
קוקט ער מיך אָן מיט אַ בליק אַ כּלומרשט־פאַרשנדיקן, שטומען.

און מיט אַ מינע ערנסט שטעלט ער פעסט זיין דיאַגנאָז:
„אַ פאַרקילונג! אליין טוט זיך אַ טאַפּ אָט דאָ, איר שפּירט?
„ס׳רופט צוריק זיך אָפּ אייער בראָנכיט — אָט דאָס איז דאָס!
„מוזט איר זיין פאָרזיכטיק, אַניט קען עס ווערן קאָמפּליצירט״.

און אין זיין רענצל גיט ער גלייך אַ נישטער און אַ זוך —
ער פּישט ארויס אַ נאָדל זילבעריק און גלאַנציק,
און דערלאַנגט עס שנעל אַ שטאָך אריין צו מיר אין גוף —
אָט טאָקע דאָרט, וווּ דער רבי פלעגט שמייסן מיטן קאַנטשיק.

און ער פאַרשרייבט נאָך אַ לאַנגע ליסטע מעדיצין:
אַנטיביאָטיקס, פּילן סתם—און סאָרטן אַנדערע—מיר צו געבן.
זאָג איך: „דאָקטער, ווי מיטן איינגעמען איז דער דין?
ווייל מירביידע ווילן דאָך נאָך לעבן...״

לאַכט ער פון מיין וויץ און זאָגט מיר שטרענגער אָן —
מיט האַרבן וואָרט, ווי צו אַ קינד רעדט אַ רבי:
„איר זאָלט יעדע קליניקייט לויט מיין תקנה טאָן!״
פאָלג איך אים, ווייל אויך אַ דאָקטער דאַרף — צום לעבן.

אַלטע פֿאַרנאַרישטע זינגער

פֿאַרנאַרישט ווערן די אַלטע שוואַכע זינגער,
ווען זיי ווילן אויסקוקן מיט יאָרן יינגער
(און זאָל איך זיין פֿאַר די רייד פֿון שלעכטס באַהיט —
ווייל, אדרבא, ווער וויל עס ניט ?..),
נאָר אויב איינער טוט עס ניט צו דער רעכטער צייט
און מיט בילדער, וואָס זיינען אַ מהלך־יאָרן ווייט
פֿון טאָג ווען די אַנאָנסן ווערן געדרוקט,
איז ווי מ׳וואָלט אַלע פֿאַרגאַנגענע יאָרן פֿאַרקוקט
און פֿאַרגעסן — אַז די צייטונגען האָבן אַ נייע דאַטע...
נאָר אַז אַ זינגער — מיט יאָרן שוין אַ זאַטער —
אויף דער בינע הייבט אָן קרייען ווי אַ האָן,
דער תּירוץ פֿאַרטיק איז: אַ שפּיצל האָט אים אָפּגעטאָן
עפּעס... אין האַלדז... אַ פֿאַרקילונג, ניט מיט אַלעמען געווען
(אויך ביי אים קען אַזאַ זאַך געשען),
נאָר מיט מזל, אַז מ׳ועט געזונט זיין און לעבן
וועט ער באַלד אַ צווייטן קאָנצערט געבן,
אדרבא, זאָל מען זיין זינגען הערן, אַזוי שיין
אַז עס קען פּשוט רירן אַ שטיין...
אָבער אַז דו וואַרפֿסט אריין אַן אָנצוהערעניש, מיט אַ הוסט,
אַז, קכע־קכע, דער זאָל קען זיין חלילה פּוסט,
ווייל ווער, קכע־קכע, וועט אויסגעבן געלט אומזיסט...
וויל עס דער זינגער ניט ליידן, אים פֿאַרדריסט;
גיט ער זיך אַזאַ צעהיץ און — הייזעריק אַ זאָג:
„איר שפּילט זיך מיט מיין טענאָר, וואָס כ׳פֿאַרמאָג,
„און מיין דינינקער פּיאַניסימאָ, מיין ליריש געוויין,
„נאָר אייער טויבער עולם קען עס סיוויי ניט פֿאַרשטיין...
„זיי זיינען נאָר מבֿינים, ווען אַ קראָ צעקראַקעט זיך,
„און ס׳טרעפֿט ביים גרעסטן, אַז אַמאָל פֿאַרהאַקט זיך.
„נאָר זיי זיינען אַלע ניט חולה און ניט קליין
„צו מיין צווייטן קאָנצערט צו קומען צוגיין".

אויפֿן קראַנקנבעט

שוין אַ לאַנגע צייט ליגט ער אויפֿן קראַנקנבעט,
רעדט צו זיך, רעדט צו גאָט — טוט תּפֿילה און ער בעט,
נאָר ווען ס׳ווערט אים גרינגער טוט ער אַ שמייכל:
מ׳דאַרף קענען נעמען יסורים מיט הומאָר און — מיט שׂכל.

גיט ער אַ זאָג צו גאָט אַזוי פּשוט, ווי צו אַן אייגענעם טאַטן:
„וואָס האָסטו צו מיר, טאַטע זיסער, מער מיך ניט מאַטער,
„סײַדן מײַנע טעג געציילטע, אוי, ווי שטאַרק איך שפּיר —
טאָ לאָמיר מאַכן אַ טראַנזאַקציע: די ווייטיקן נעם צו פֿון מיר.

„ווײַל סײַדן ווילסטו מיר בײַ זיך ניט האָבן,
„טאָ צוואָס דער גאַנצער קלאַפּאַט מיטן שטאַרבן און באַגראָבן?
„אויב ניטאָ דערווײַל קיין פּיצל אָרט פֿאַר מיר אין גן־עדן,
„קען איך צוואַרטן—כ׳האָב צייט מיט דער וועלט זיך צו שיידן.

„וועל איך צופֿרידן זײַן פֿאַרבלײַבן דאָ נאָך היפּשע עטלעכע יאָר,
„און אויב ניט צוריק מײַן יוגנט — כאָטש געזונט גיב נאָר.
„כ׳האָב שוין גענוג אין מלחמות געליטן, אין צרות און פּײַן,
„איז לאָז מיך זיך אָפּרוען אַ ביסל, ווי ס׳באַדאַרף צו זײַן.

„ווײַל אויב כ׳זאָל דיר צושטעלן אַ חשבון פֿאַר מײַנע יסורים,
„וואָלסטו קעגן זיך אליין, אין הימל, אויפֿגעהויבן אַ שטורעם:
„ס׳טײַטש, ער האָט דאָך געהאַט אַזויפֿיל פּײַן און האַרצווייטיק?
„פֿרעג איך דיר, גאָט, צי איז דער גאַנצער עסק דיר נייטיק?

„און אויב אפֿילו דײַן משפּט קעגן מיר איז גערעכט,
„ווערט מיר ביטער ווי די גאַל און אויפֿן האַרצן שלעכט,
„אַז כ׳דערמאָן זיך אַן קבֿר, אַן האַרטן — ניט ווי די בעט,
„איז זײַ מיר אַ גוטער טאַטע, וואַרט אַ ביסל צו, איך בעט!

„און לאָז אויס מיטן טויט — כ׳וויל נאָך שטאַרק לעבן,
„און אַ רעצעפּט פאַר געזונט זאָלסטו מיר גלייך געבן,
„געזונט, אוי איך דאַרף עס — און אַלע גוטע זאַכן דערצו!
„און דאָס בעט לאָז מיר אויף שלאָפן — פאַר אַ ביסעלע רו.

„מען זשאַלעוועט מיר ניט קיין רפואות גאַנצענע בערג,
„נאָר מיר איז גענוג אַ גלעזל טיי, אַ ביסעלע פאַרצוקערט —
„דאָס וועט שטאַרקן מיין האַרץ און מיין גלויבן אין דיר,
„אַז ווי אַ גוטער טאַטע היטסטו מיין געזונט און — מיר.

„און ס׳טוט זיך דערמאָנען, ווי איך פלעג זיצן מיט דער פאַמיליע
„און ביים טיש איז געווען פריידיק, אַ גאַנצע אידיליע.
„מ׳האָט מיר געקוקט אין די אויגן, דערלאַנגט אַלדאָס גוטס —
איז אַלץ געווען געשמאַק און מיט אַ שמייכל צוגעפּוצט.

„דעמאָלט האָב איך געמיינט, אַז די גאַנצע וועלט געהערט מיר,
„נאָר איצט, אויפן קראַנקנבעט, פיל איך אַז איך קראַפיר,
„איז כאָטש איך ווייס אַז דו, גאָט, ביסט אַלעמאָל גערעכט,
טאָ באַפעל דיין מלאך־המוות: דערווייל נאָך ניט שעכט!

„איך גיב זיך בעסער איבער אין דיינע הענט, גאָט, גרויסער!
„פראַלאָנגיר מיין לעבן מיט אַ פּאָר יאָר, ביסט דאָך אַן עושר,
„און פאַרקוועטש אַן אויג, ווייל כ׳האָב קיין חשק ניט
„זיך איבערצופּעקלען — פאַר אונדזביידן איז עס קיין עסק ניט.

לבנה־נייעס

לעצטע נייעס! האָט די גאַס געליאַרעמט אָן אַ סוף:
די אַמעריקאַנער זיינען אויף דער לבנה ארויף
און אויף איר זאַמד געמאַכט אַ שפּאַציר —
זיי האָבן צו די הימלען געעפנט זיך אַ טיר...

פונוויטן זעט אויס די לבנה אזוי פּשוט, גרוי,
ניט קיין לופט, קיין פלאַנץ, ניט רעגן און ניט טוי
און ביים גיין הייבן זיך די פיס, ווי צום טאַנצן,
זיי האָבן איר געזען רונד־אַרום, אין גאַנצן.

און אז ס׳האָט ערשטער מענטש אויף איר געשטעלט זיין טראַט,
און פון חומש ארויסגעלייענט, ווי געשוועבט האָט גאָט,
האָט דער פּרעזידענט פון אמעריקע צו זיי גערעדט,
און אין עקסטאַז האָט די וועלט געיובלט — מדינות, שטעט.

אַ לבנה אזא שטילע און אַ ליידיקע פון עק צו עק —
דער אַסטראָנאָט האָט אין איר אמעריקעס פאָן אריינגעשטעקט,
און דער ערדפּלאַנעט געפילט האָט פון דער ווייט:
אָנגעקומען איז אַ נייע ערע, אזא גרויסע צייט.

און מ׳האָט אָנגעהויבן פאַנטאַזירן, איבערטרייבן:
אָט באַלד וועט מען צו די שטערן זיך דערקלייבן.
און ס׳האָט ארויפגעקוקט אַ וועלט און געגאַפט נאָר,
ווי דער מענטש קען עס נייע וואונדער שאַפן.

נאָר די רוסן האָט עס שטאַרק געטאָן פאַרדריסן,
וואָס אמעריקע האָט ביי זיי אויסגעכאַפּט אַ פעטן ביסן,
האָבן זיי מסתמא געטראַכט מיט קינאה שטומער:
ווער ווייס ווו אמעריקע וועט נאָך אָנקומען?

טאָ זאָלן די רוסן זיך אויף דער זון פֿאַרנעמען —
דאָרט דאַרף מען ניט פֿון בושה רויט ווערן, זיך שעמען,
דאָרט דאַרף מען ניט אין פֿרעמדע טעפּלעך כּסדר מישן,
און — ס׳איז פֿאַרגרייט פֿאַר זיי אַ פֿייערדיקער קישן.

וועט זון סיבירער קעלטן אַרויסציִען פֿון די ביינער,
און — גערוימער ווערן וועט אויף דער וועלט דער קליינער.
נאָר דערווייל בלייבט לבֿנה־נייעס די שענסטע זאַך —
און די אַמעריקאַנער האָבן עס געמאַכט.

שלימזל

ווילסטו עמעצען היינט זען,
טאָ אייל זיך צו, ווי זשע דען?
נאָר שפּעט קומסטו סײַוויסיי —
געווען איז יענער שוין, פאַרביי.
אוי, שלימזל וואָס דו ביסט —
וואָס דו טוסט איז אַלץ אומזיסט.

גייסט אַ שטיקל ארבעט נעמען
און דו שלעפּסט זיך האַלב פאַרדרעמלט,
נאָר ביז דו האָסט זיך אויסגעשלאָפן
איז עמעצער דעם וועג פאַרלאָפן.
אוי, שלימזל...

לויפסט ארונטער שנעל אין קלייטל,
קויפסט זיך פוטער, מילך, אַ ברויטל,
קלייבסט זיך שנעל דיין פרישטיק עסן,
נאָר — דיין פּעקל האָסט פאַרגעסן.
אוי, שלימזל...

אז ווו דו שטייסט און ווו דו גייסט
תמיד עפּעס דו פאַרדרייסט —
שפּעט ביסטו, צי דו פאַרגעסט,
שטעלסטו כיבוד — ניטאָ די געסט.
אוי, שלימזל...

אין טעאַטער ווילסטו גיין
(עפּעס שפּילט מען דאָרטן שיינס),
קויפסטו אַ בילעט אויף גיך,
נאָר — ביים שוסטער דיינע שיך.
אוי, שלימזל...

האָסטו זיך דאָסמאָל פאַרבריט שוין,
אַ צווייטן מאָל ביסטו געהיט שוין:
שטעלסט די שיך אונטערן בעט,
לייגסט אריין דאָרט דיין בילעט.
אוי, שלימזל...

און איילסט זיך שוין, זאָלסט ניט פאַרזאַמען,
נאָר מיט דיר שלימזל גייט צוזאַמען —
האָסט זיך געקענט דעם גאַנג פאַרשפּאָרן:
די אַקטיאָרן זיינען זיך צעפאָרן.
אוי, שלימזל...

גייסטו ערגעץ ווו ארויס —
דער שלימזל גייט פאָרויס,
און ווו דו גיסט זיך נאָר אַ ריר,
אַלץ פאַרקערט פּאַסירט ביי דיר.
אוי, שלימזל...

אַט קומט היינט דיין בעסטער חבר,
ביסטו דאָסמאָל אַ כוואַט אַ בראַווער:
לויפסט דיין פריינט ארויס אַנטקעגן
און פאַרבלאָנדזשעסט אויף די וועגן.
אוי, שלימזל...

צוריק ער פאָרט שוין היינט אין אָוונט,
אַ מתנה קויף און לייג ניט אָפּעט,
נאָר ביסט זיך גאָר אין שטוב פאַרזעסן —
און קראָם — פאַרהאַקט אויף אַלע שלעסער.
אוי, שלימזל...

גייסטו ארויס די לופט געניסן,
ווי פון צעבערס הייבט אָן גיסן,
ווערסט אויסגעווייקט, נאָר אויסצודרייען,
ווי ווערסטו איצט אהיים דערגייען ?
אוי, שלימזל...

קוים דערקראָכן, טיר געעפנט
און טוסט אַ דריי עלעקטריש קנעפּל,
נאָר — אין דעם גאַנצן הויז
דאָס ליכט אוועק, און חושך — גרויס.
אוי, שלימזל...

צו טריקענען די נאַסע קנאָכנס —
ביסט צו אַ פרעמדן בעט פאַרקראָכן.
דערפילסטו הונגער, הייבסט אָן זוכן,
ניטאָ קיין קרישקע ברויט אין קיכל.
אוי, שלימזל...

וואָס טוט מען איצט ? ניט ברויט, ניט שיין.
פאַלט דיר פלוצלינג עפּעס איין :
פאַרפאָרן אין אַן אַנדער שטאָט,
סתם אזוי, אויף גאָטס באַראָט.
אוי, שלימזל...

האַלסטו עס זיך גוט אין זינען :
דיין מזל ערגעץ ווערסט געפינען,
און קויפסט זיך אַ בילעט צום פאָרן,
נאָר אויפן האַק האָסט אים פאַרלאָרן.
אוי, שלימזל...

פאַרט די באַן אוועק אַן דיר
און דו באַשיימפּערלעך דערשפּירסט,
אין דיין האַרצן גיט אַ שטאָך:
דער שלימזל יאָגט דיר נאָך...
אוי, שלימזל...

איז אפשר, טראַכסטו, גאָר אַ פּלאַן,
אַ פּלי טאָן מיטן עראָפּלאַן —
אַנטלויפן פון שלימזל גיך!
נאָר קיין סענט האָסט ניט ביי זיך.
אוי, שלימזל...

טראַכסטו: כ׳וועל שוין גאָרניט טאָן,
ניט איך בעט און ניט איך מאָן,
קיין מזל איז מיר ניט באַשערט,
און סייווי קומט אַרויס פאַרקערט.
אוי, שלימזל...

כ׳וועל סתם אזוי זיך טאָן אַ גיי —
ווער רעדעלע זיך טאָן אַ דריי,
אפשר — דאָסמאָל גאָר אויף צוריק,
און כ׳וועל געפינען ס׳ביסל גליק.
אוי, שלימזל...

איז אפשר אמת, אין שלימזל
פאַראַן איז אויך אַ טראָפּן מזל,
און אויב די טראָפּנס וועסט געפינען,
פאַרקוועטש — זיי זאָלן ניט צערינען.
אוי, שלימזל...

מיינע אייביקע לידער

מיך אַרט ניט וואָס מיין שרייבן גייט קיינעם ניט אָנעט,
כ׳האָב אַ פּלאַן ווי צו קריגן לייענער מיליאָנען:
מיינע לידער אין דער אייביקייט כ׳וועל ברענגען אָן געלט —
איך וועל זיי מיטנעמען מיט זיך אויף יענער וועלט.

די מתים דאָרט האָבן דאָך ניט קיין קלובן און וואָס צו טאָן —
וועט מען לייענען אין דער פינצטער מיינעם אַ פעליעטאָן,
און אויב זיי וועלן ניט ווערן פון דעם צו מיד,
וועט מען נאָך לייענען, ווי אַ צוגאָב, מיינס אַ ליד.

ווייל צייט, ווי באַקאַנט, האָט מען דאָרטן אַלעמאָל,
און די יאָרן — לאַנגע און נודנע און גאָר אָן אַ צאָל,
וועל איך דאָרט האַלטן כסדר אין איין שרייבן,
כדי מיין אייביקע צייט מיט דעם צו פאַרטרייבן.

און אזוי ווי דאָרטן איז דער עולם האמת,
וועלן דאָרטן האָבן אַ ווערט מיינע לידער און פּאָעמעס,
ווייל פאַר די מתים איז זייער וויכטיק אָט דאָס —
וואָס מ׳זעט אין דער פינצטער ניט קיין געשריבענעם אות.

דעריבער וועלן מיר דווקא די טויטע פאַרשטיין,
ווייל דאָרט כ׳וועל ניט שרייבן פאַר זיך נאָר אליין,
נאָר כ׳וויל נאָך אַלץ פּראָלאָנגירן ס׳לעבן — אָבער און ווידער,
ביז אייביקע וועלן ווערן — איך און מיינע לידער.

דאַנק

עס האָבן זיך היינט מיינע לידער צעשיינט,
ווען ס׳האָט זיי געלייענט אַ טייערער פריינד —
פון זיין מויל ארויס זיינען זיי אַ פראַכט,
און כ׳האָב ביי זיך מיט פאַרגעניגן געטראַכט:

דיזעלבע געדאַנקען, דיזעלבע ווערטער,
נאָר אַלץ אויסגעשליפן איז און ניט פאַרקערט גאָר,
איינגעשטעלט דער ריטעם, מיט מאָס, מיט אַ סדר,
ניט סתם אזוי־זיך — אַ געמיש און אַ פלוידער.

ליריש און שיין זיינען שורות פאַרשריבן,
די ווערטער מיט זאָרג און מיט מי צוגעקליבן,
די שטימונגען, פריידן, אויך דאָס געוויין —
אַלץ ליכטיקט־אויף מיט באַזונדערן חן.

האָב איך געפילט אזא דאַנקשאַפט צום פריינד,
וואָס האָט מיינע לידער געפוצט און צעשיינט —
ווייל איז דעם, וואָס קען די ווערטער צעגלאַנצן,
אז אין ריטמישער פרייד זאָלן זיי זיך צעטאַנצן.

איז אויב אין די לידער פאַראַן היינט אַ טאָלק איז,
גרויס איז זיין חלק — און דאָס זיין דערפאָלג איז.
האָב איך דערפילט אָנצושרייבן מיין דאַנק,
פאַר דעם, וואָס באַלעבט האָט מיין ליד, מיין געזאַנג.

אינהאַלט

אַ וואָרט צו די לייענער — זייט 7
מיין פעדער און איך — " 8

וועלט און נאַטור

זייט
וועלט — 11
נאַטור — 12
אייביקייט — 13
צייט — 14
עס קומט אַ צייט — 15
היץ און קעלט — 16
זומערלעב — 17
זון, בלייב מיט אונדז — 18
דער וואַלד — 19
אַלעען מיט ביימער — 20
די וועלט איז גרין — 21
דער חלום פון ביימעלעך — 22
צווייגן — 23
ווינטער—זומער — 24
זומער אין דאָרף — 25
היצן — 26
די זון און די וואָלקנס — 27
דערוואַרטונג אויף זון — 28
אַ גאָרטן מיט בלומען — 29
בלעטער־קינדער — 30
רעגן פאַר אַלעמען — 31
רעגן־זון קאָנטראַסט — 32
רעגן — א, ב. — 33
נאָך אַ וואָלקנבּרוך — 35
נאַכטיקער שטורעם — 36

זייט
האַרבסט — 37
האַרבסטבלעטער — 38
בלעטער אין ווינט — 39
ווינטן — 40
גראָז אונטער שניי — 41
ווינטער — 42
האָגל — 44
ביז זון וועט ווידער קומען — 45
ווינטער איז געקומען — 46
שניי — 47
זון און לבנה — 48
שטערנדלעך — 49
פלאַטערלעך — 50
אַ פלאַטערל — 51
פייגעלעך — 52
די זון און די פייגעלעך — 53
אין שטייג — 54
טאָג און נאַכט — 55
נאַכט — 56
פרימאָרגן — 57
פרימאָרגן־גאַסט (וואַריאַציע) — 58
פויערים — 59
ברויט — 60
ים — 61
פאַנטאַזיעס — 62

מענטש און זיין עלנט

זייט
יאָרן — 65
קינדערלעך — 66
קינדער־גאָרטן — 67
יוגנט — 68
אין יאָרן־שפּיגל — 69
דורך אַ הויכן פענצטער — 70
אַמאָל — 71
ביידע — אַלט — 72

זייט
דערצייל מיר ניט... — 73
גאַנצע נעכט — 74
נעכטיקע טעג — 75
דער שפּיגל פון יוגנט — 76
וועט מען מיך דערמאָנען — 77
קיינער איז ניט פאַרבליבן — 78
אז קומען וועט דער טאָג... — 79
פון יונג — אַלט — 80

	זייט
עלטער	81
ליידן	82
דער איינזאַמער	83
אַ שמועס וועגן אַ קראַנקן	84
דאָס לעבן	85
די וועלט יאָגט	86
אויף אַ קונסט־אויסשטעלונג	89
שווערע טעג	91
הענט	92
ווי טוט מען זאַכן	93
מאַמע גוטהאַרץ	94
אַ מאַמעס האַרץ	97
אַ שריפה	99
חלום און שלום	100
אַ צייט וועט קומען	101
דער אַרעסטאַנט	103
נויט און קעלט	104
מאָנאָלאָג פון אַן איינזאַמען פויגל	105
דער וואַנדערער	106
די אַלטע מיט זייער אייניקל	108
די אַלטע פרוי און די ירושה	110
באַלאַדע פון הונגער און קעלט	113
אויף דער עלטער	114
דער אייביקער שלאָף	115
צו שפעט	116
דער לעצטער	117
דאָס פעלד	118

ליבע און בענקשאַפט

	זייט
ערשטער מיי	121
גוט	122
פּערעלעך	123
געוועזענע ליבע	124
צו אַ געליבטע	125
ליבע־פונקען	126
מיין קינד	127
צייט פאַרטרייבן	128
אַ טישטעכל	129
אַן אַלטער בריוו	130
בלומען	131
אַן עצה פון אַ פריינד	132
ווי אַ חלום פאַרגאַנגען	133
ענטפער אויף אַ בריוו	134
מיין מאַמעס ביימעלע	135
ווען איך וואָלט אַ וואַלד געווען	136
אַ חלום אויף פליגל	137
פון חלום אין חלום	138
היימבענקשאַפט	139
אַליין — זאַלבעצווייט	140
איך וואַרט	141
איך ליב...	142
שוין גענוג	143
אַרבעט	144
אַרבעט און פרנסה	145
געדאַנקען	146
אַפּאַטיע	147
אַוועק	148
וואָס איז מיט מיר געוואָרן?	149
ווייטיקן	150
מיין צעבראָכן האַרץ	151
צעבראָכן האַרץ	152
נאָך אַ קראַנקייט	153
איבערדריסיק	154
מידקייט	155
אַליין	156
פאַרדראָסן	157
אין מיין הויז איז שטיל	158
מיין פידל	159
מיין געזאַנג	160
אַליין מיט מיינע געפילן	161
איך פאַרשרייב אַלץ	162
אפשר אַמאָל...	163
פיל געשריבן	164
בייע לידער	165
איך וויל שרייבן אַ ליד	166
פאַפּיר	167
שרייבן	168
אפשר ניט שרייבן מער	169
נישט איינמאַל געשריבן	171
צווייפל	172
שרייבן איז גרינג	173
פאַרגאַנגען	174

משפחה און היים

זייט

מיין טייערע משפחה — 177
אַן איינציקער קוש — 178
געבוירן אין אַ זיידן העמדל — 179
דערמאָנונג — 180
מיין מאַן — 181
אַ נייער אויטאָ — 182
פּערציק יאָר — 183
צו אונדזער שימחה — 184
אז דו וועסט אויסוואַקסן—א. ב. — 185
אייניקלעך — 187
אַך, די אייניקלעך — 188
אַלץ וואָס גוט איז — 189
אינאיינעם מיט אייניקלעך — 190
בלומען צו אונדזער חתונה־טאָג — 191
בלומען און ברכות — 192
חתן־כלה פריילעכס — 193
בריוו — 194
יידיש — 195
איך לייען יידיש — 196
יידיש טעאַטער — 197
מיין קעצעלע — 198
נאָך אַ שפּאַציר — 199

זייט

אונדזער שטאָט — 200
מיטן עראָפּלאַן צו קייפּטאָן — 201
אַ קייפּטאָן־שפּאַציר — 202
קייפּ — 203
אונדזער פריינדס גאָרטן — 204
שיפן — 205
אַן אָונט צוזאַמען — 206
פריינד — 207
נייע פריינד — 208
אונדזער שטעטעלע — 210
מיין מאַמעס ליכטבענטשן — 213
אַ מעשה פון אַ קינד און זיין טאַטן (עפּיזאָד פון דער 1טער וועלט־מלחמה) — 214
פרייטיק צו נאַכט — 219
די שטיפמאַמע — 220
מיין פאַרשניטענע משפחה — 221
ווילנע — 222
ווילנע — מיין היים — 223
מיין געסעלע — 226
עס דערמאָנט אונדז — 227

י ש ר א ל

זייט

ירושלים — 231
די הייליקע וואַנט — 232
ישראל — אַ, ב, ג. — 236
כאַמסין אין תל־אביב — 246

זייט

אָ, זאָג מיר מיין קליין טעכטערל (לויט אַ פאָלקסמאָטיוו) — 247
חנוכה — 248
אַ נייע צייט פאַר יידן — 249
לאָזט ישראל צורו — 250

משל, מעשהלע און סתם אזוי

זייט

העזעלע און ציגעלע — 253
ווינט צום רעגן — 254
בליץ, דונער, זון און רעגן — 255
אַ מעשהלע וועגן אַ בלעטל און אַ צווייגל — 256
יושר און געלט — 261
אַ פלאַסטער — 262
פרינץ און בעטלער־יינגל — 263

זייט

דזשימי און איר טאָכטער — 271
די באַן — 275
די חתונה אין גאָרטן — 277
אַ שיינע פּאָר — 278
אַ שמועס צווישן צוויי פריינד — 279
אַ יידיש וואָרט — 280
זינגט אַ ליד — 282

הומאָר און סאַטירע

	זייט
די נייע וועלט — — — — —	285
אז די נייע צייט וועט קומען — א, ב. — — — — — —	286
אוי, איז דאָס אַ וועלט... — —	288
גרויסע גליקן — — — —	289
מיין שירעמל — — — —	290
אַ קלייד — — — — —	291
אַ טאַנץ מיט געלעכטער — —	292
היינטיקע מאַמעס — — —	293
עסן — — — — — —	294
וואָרעניע — — — — —	295
איינגעמאַכטס — — — —	296
אַ טעלעפאָן — — — — —	297
וועגן עטלעכע שרייבערס — —	299
דער מאַן פון צייטונג און איך —	302
מיין פריינד און מיינע פאָעמעס —	304
פאָעמעס — — — — —	306
שרייבן — — — — —	307
שרייבן לייג אָפּ אָן אַ זייט — —	308

	זייט
אָן אַקטיאָר וויל מיינעם אַ קופּלעט	309
הינטער אַ טיר — — — — — —	310
איילעניש — — — — — —	311
בריהשאַפט פון אַ ווייב — — —	312
אַ באַקוועמער גאַסט — — — —	314
אַ גאַסט — אויף ווי לאַנג ? — —	315
אונדזערע שכנימס זון — —	316
אז איר פאַרבעט ווייבער אויף אַ „גיים" — — — — — —	317
אויף אַ ווייבערשן קאָרטנשפּיל —	319
זי וויל פון אַלץ — — — — —	321
הוסטן־מוזיק — — — — —	323
פאַרקילונג — — — — — —	324
אַלטע פאַרנאַרישטע זינגער —	325
אויפן קראַנקנבעט — — — —	326
לבנה־נייעס — — — — —	328
שלימזל — — — — — —	330
מיינע אייניקע לידער — — —	334
דאַנק — — — — — — —	335

I. World and Nature

II. Man and his Loneliness

III. Love and Nostalgia

IV. Family and Home

V. Israel

VI. Allegory and Tales

VII. Humour and Satire

Johannesburg 1971

Published by Kayor and printed by Pacific Press, 302 Fox St., Jeppe, Jhb.

A WORD TO THE READER

My mother-tongue is Yiddish, and what can be more close and dear to one than one's own language. It is therefore natural and self-evident that I should feel a sense of happiness on the occasion of the publication of this book of verse. In fact this occasion is truly the highlight of my life.

Although I am not adept at all the nuances of language that now permeate our modern Yiddish literature, nevertheless each word is precious to me because it is a Yiddish word.

But it is the folk-language, the language of the masses, that is dearest to me. And if I have not achieved a "modern" poem in the "modern" style, I am content with what I have done, because at least my verses can be understood.

I still have a large quantity of material — some of it in prose — which I hope to publish one day. The truth is that I love writing, in the process of which I find a dear companionship. No less true is the fact that I have done a good deal of thinking and rethinking in regard to my limited capabilities (which the reader will discern for himself in quite a number of the pieces in this book). However, my constant companions are my pen and paper and they are dear to me. They constitute my world and it is this world which I wish to continue to inhabit.

I want to thank not only those who have helped me, in so many ways, in the preparation of my manuscript for publication, but also those who will read these pages. I hope that each will find something in the contents of personal interest, because the themes range over a considerable field.

I only wish to add that I am happy to be in the position to donate the proceeds from this book to a social cause.

Finally my earnest hope remains that the Yiddish language will continue to live and blossom.

Taiby Segal

PRECIOUS
IS
THE WORLD

POEMS

by TAIBY SEGAL